# מכתבי חסיד



הרה"ת הרה"ח ר' אשר
סאסאנקא ע"ה

**Michtovei Chosid**
**Letters of Chabad Chasidic Thoughts**
by
Rabbi Asher Sossonko O"H

*Published and Copyrighted © 2019*
by
Yosef Y. Sossonko
1207 Lenox Ave.
Miami Beach, Florida 33139
Tel.: 305-804-2770

*Printed in the United States of America*

ב"ה.

# מעין הקדמה

ידוע רצונו של כ"ק אד"ש מה"מ להדפיס זכרונות, רשימות ועניני של תורה ויר"ש, הן בתורת הנגלה והן בתורת החסידות, בכדי לזכות ולעורר את הרבים.

במשך של יותר מעשרים שנה, הי' אבי ע"ה כותב ושולח לחבריו ומכריו מכתבים, שאפשר לתארם כ"מכתבי התעוררות" או "התוועדות על הנייר".

בעזהשי"ת בדעתי להדפיס מהדורה מורחבת עם תולדות וסיפורים וכו' של אבי ע"ה, אבל בינתיים מודפס בזה חלק חשוב מהמכתבים, ומבקש אני מהקוראים, באם יש אצלם, מכתבים או סיפורים או הערות וכו', לשלחם אלי, וכשאוציא לאור בעזהשי"ת את הספר הנ"ל, יוכללו כל הנ"ל ג"כ, ויזכו בזה את הרבים.

וכיון שליפטר בלא כלום אי אפשר, אעלה סקירה קצרה על אבי ע"ה.

אבי הרה"ת ר' אשר בהרה"ת ר' נחום שמרי' ע"ה נולד בחודש טבת ה'תרע"א, למד בתו"ת נעוול, ולאח"ז כשסגרו את הישיבה בנעוול, בכו"כ עיירות שלשם גלתה תו"ת.

מנישואיו הראשונים נולדה לו בת תבלחט"א (מרת רחל תחי', אשתו של הרה"ת אברהם דונין ע"ה), ומנשואיו השניים (לאמי ע"ה) נולדתי אני אבלחט"א.

ישב במאסר ג' פעמים (בפעם הג' לשש שנים).

בשלהי חודש שבט ה'תשכ"ד, הורשה לנו לעזוב את רוסי', זה הי' מופת גלוי מהרבי.

וגופא דעובדא הכי הוי:

הרה"ת ר' מענדל פוטערפאס ע"ה הי' ידיד קרוב מאד של אבי ע"ה, וכשר' מענדל יצא מרוסי' והגיע להרבי (אז הי' הסדר שאורחים נכנסו ליחידות כשהגיעו, ועוה"פ כשנסעו), וכשנכנס בפעם הא' הוא ביקש

ברכה שאבי יצא מרוסי', והרבי לא ענה לו ע"ז, כשנכנס בפעם הב', וביקש ברכה עוה"פ, ענה לו הרבי: **"אשר איז א היגער"**, הוא נדהם מהמענה, וכמובן שלא שאל שום שאלות. כעבור זמן קצר, קיבלו הורי בטשקנט הזמנה להופיע במשרדי אוביר (המשרד שמנפיק דרכונים וכו' להגירה מרוסי'), הורי נבהלו, כי לפני זמן קצר הם קיבלו סירוב על בקשתם להגר מרוסי', וע"פ החוק הי' עליהם לחכות עוד שנה, עד שיוכלו להגיש עוד בקשה. כשהם הגיעו להמשרד הנ"ל, לאחרי ששאלום כל מיני שאלות, נתנו להם את הדרכונים עם הרשיון להגר. זה הי' כרעם ביום בהיר, ועוד יותר מזה. וכשהגענו לאה"ק ושמענו מה שהרבי אמר, הבנו שקרה פה מופת גלוי ממש.

בה' מר-חשון ה'תשמ"ח החזיר אבי ע"ה את נשמתו ליוצרו, אחרי מחלה קשה, תנצב"ה.

ויה"ר שהדפסה זו תחיש ותמהר את התגלותו של מלכינו משיחנו נאו ממ"ש.

יחי אדוננו מורינו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד



RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

הרב עזריאל זליג סלונים
שכון חב"ד
ירושלים.

בשביל אשר

ISRAEL

AÉROGRAMME • PAR AVION

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.
HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש
770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

ב"ה, ג' אדר תשכ"ד
ברוקלין

הוו"ח אי"א נו"נ בעל מדות
רב פעלים מוה' אשר שי'

שלום וברכה!

מזל טוב על בואו יחד עם ב"ב שי' לעלייתו לאה"ק ת"ו.

ויהי רצון שיהי' בשעה טובה ומוצלחת בכל הפרטים הן בגשמיות והן ברוחניות, ותקוים בו הבטחת חז"ל לפום צערא אגרא ומתאים לתוכן מ"ש אודך ה' וגו' ותנחמני, ומתוך בריאות הנכונה שמחה וטוב לבב ירווה רוב נחת יהודי חסידותי מכל יוצ"ח שי'.

ויהי רצון מתאים להענין דמצוה גוררת מצוה והרי מצוה דפדיון וכו' מצוה רבה היא, שרבים בכמות ורבים באיכות יוציאם השי"ת מן המיצר אל המרחב בכל הפירושים ובעגלא דידן.

בברכה לבשו"ט

נ.ב.
מתאים לטעם עלייתו לאה"ק ת"ו מובן שצ"ל משך זמן עם משפחתו תהי' ובודאי יכתוב בפרטיות הדרושה.

ז"ע נתקבל מכתבו מר"ח אדר בו מרבין בשמחה ואזכירו בעת רצון על הציון הק' של כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"ם זי"ע.

מכתב כ"ק אד"ש לאבי ע"ה, עם ביאתו לאה"ק לאחר צאתו מאחורי מסך הברזל

ב"ה. אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא זה הוא היום דב' ניסן

מה טוב ומה נעים שבת אחים וגו', עס איז זייער נייטיק וויסן און גידיינקען תמיד די מעלה פון שבת אחים יחד. אין תניא ח"א פ"ג זאגט ער אז די עשר כחות וואס בא דעם אדם ווערן נשתלשל פון די עשר ספירות העליונות איז כשם ווי די עשר ספירות טיילן זאך בכללות אויף ג' מדריגות, חב"ד חג"ת נהי"ם, איז אזוי אויך בא דעם אדם די עשר כחות טיילן זאך בכללות אויף ג' מדריגות, ראש גוף רגל, ראש איז חב"ד, גוף איז חג"ת, רגל איז נהי"ם, אלע אידן זיינען דאך א קומה שלימה איז כללות ישראל טיילן זאך אויך אויף ג' מדריגות, א טייל אידן זיינען חב"ד און א טייל אידן זיינען חג"ת און א טייל נהי"ם, אויך רופן זאך די ג' מדריגות נפש רוח נשמה, די אידן וואס האבן א חוש נאר אין מעשה איז דאס די מדריגה נפש, די אידן וואס זיינען בעלי הרגש איז דאס די מדריגה רוח, און די אידן וואס זיינען בעלי השגה איז דאס די מדריגה נשמה. אמאל אין ליובאוויטש פלעגט מען זאגן אז יעדערער פון די ג' מדריגות האט א חוש נאר אין זיין מדריגה און פילט אז זיין מדריגה איז דער עיקר און יענע מדריגות זיינען טפל, דער בעל השגה זאגט אז וואס איז דערפון אז מ'איז א בעל הרגש אדער א בעל מעשה אויב אז מ'איז ניט קיין בעל השגה איז העיקר חסר מן הספר ווייל דער עיקר מעלה פון דעם אדם איז השגה וכמאמר דעת חסרת מה קנית; דער בעל הרגש זאגט אז וואס איז אז מ'איז א בעל השגה אדער א בעל מעשה אויב מ'איז ניט קיין בעל הרגש איז העיקר חסר; דער בעל מעשה זאגט אז אויב מ'איז א בעל השגה און א בעל הרגש און ניט קיין בעל מעשה איז העיקר חסר ווייל המעשה הוא העיקר. לכאורה איז דאך יעדער פון די ג' מדריגות גירעכט, אבער אלע צוזאמען קאנען דאך ניט זיין גירעכט ווייל איינער זאגט דאך א היפך פון דעם אנדערן, איז דער ביאור דערפון אזוי: יעדער מדריגה האט איר מעלה וואס אין דער אנדער מדריגה איז דאס ניטא, אבער ווען איז די שלימות פון יעדער מדריגה בשעת אז יענע מדריגות זיינען איר משלים, און אויב אז עס איז ניטא די השלמה פון יענע מדריגות איז יעדער מדריגה א חסרה, וכדומה למשל אז מ'איז א בעל השגה אבער

עס פעלט הרגש און עבודה בפועל איז מען א האלבער מענטש וכמאמר אין חכם כבעל הנסיון וכלשון רבינו נ"ע אויב עס איז ניטא דער נסיון איז די חכמה ניט קיין חכמה, און אזוי אויך צו הרגש בעדארף זיין אויך השגה און בפרט עבודה בפועל און אזוי אויך מעשה, הגם אז המעשה הוא העיקר אבער צו מעשה דארף זיין אויך הרגש און השגה איז דענסמאלט זיינען די מעשים טובים ומאירים כשם ווי די רז"ל זאגן אז התורה עניה במקום אחד ועשירה במקום אחר, אזוי איז אויך בכללות ישראל דאס וואס ס'פעלט אין איין אידן איז משלים דער אנדער איד, כל ישראל ערבים זה בזה האט כ"ק אדמו"ר שליט"א גיטייטשט ערבים לשון אויסמישן אז מ'מישט אויס איין אידן מיט דעם אנדער איד, איז איינער משלים דעם אנדערן, אידן מישן זאך אויס איינער מיט דעם אנדערן דורך לימוד התורה ברבים און בפרט דורך א ביסל משקה צוזאמען, הת' הנע' ר' משה חיים ע"ה דובראווסקי האט דערציילט אז איינער פון דעם צמח צדק'ס חסידים וואס דרכו איז גיווען להאריך בתפילה הרבה, און אז עס איז גיווען א פארברייינגען פלעגט ער קומען פרייער פאר אלעמען אז דער עולם פלעגט קומען פלעגט ער שוין זיצן בא דעם טיש אוןווארטן, כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט אז כשם ווי תורה איז לשון הוראה איז אזוי אויך פון יעדער מעשה דארף מען ארויס נעמען א הוראה בחיים, פון דער מעשה איז א הוראה אז ס'דארף זיין זייער יקר א חסידישער פארברייינגען, פון יעדער פארברייינגען ווערט מען גיהאלפן בגשמיות וברוחניות, דארף מען משתדל זיין זאך אז פארברייינגען זאל זיין אפטער, אבער דער טרונק האט האלט די מלאכה דארף מען מרבה זיין בלימוד ברבים ויגיעת שניהם משכחת עון, וכל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה וכו', אלא צריך להיות תורה וליקוטי תורה בשמה ובטוב לבב, וטוב לב משתה תמיד.

ב"ה.

אין היום יום שטייט אז דער אלטער רבי האט געזאגט אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט. און לכתחלה האט מען ניט געוואוסט וואס הייסט לעבן מיט דער צייט. שפעטער האט מען זיך דער-וואוסט אז די כוונה איז אז מ'זאל לעבן מיט פ' השבוע. דארף מען פארשטיין ווי לעבט מען מיט פ' השבוע, אז דאס זאל הייסן אז מ'לעבט מיט דער צייט? עס איז דאך פארשטאנדיק אז מ'קאן ניט זאגן אז די כוונה איז כפשוטו אז מ'לערנט פ' השבוע איז במילא לעבט מען מיט דער צייט, ווייל עז איז משמע פון דעם לשון, אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט אז דאס איז א אופטו און א הוראה פון דעם אלטן רבי'ן און דאס איז ניט פשוט און בדרך ממילא, און התינח דעם אלטן רבי'נס חסידים וואס מן הסתם האבן זיי ג'עלערנט דעם פ' השבוע ע"ד ווי דער בן חמש למקרא פון דעם רבי'ן שליט"א לערנט, האבן זיי מיט פ' השבוע געלעבט מיט דער צייט, אבער דער ווארט פון דעם אלטן רבי'ן איז דאך א הוראה לכל הדורות ולכל אחד ואחד ואנן הדור העני הזה וואס ניט יעדערער קען לערנען פ' השבוע אזוי ווי דער בן חמש למקרא לערנט וואס דארפן מיר טאן אז מיר זאלן לעבן מיט דער צייט?

וביאור הענין הוא לעבן הייסט תענוג, ד.ה. אין וואס מ'האט תענוג אין דערוף לעבט מען. כדומה למשל דער וואס האט א גרויסען תענוג אין עסן, איז זיין לעבן אין עסן, און אזוי ווי החסיד התמים ר' יצחק מתמיד ע"ה ז"ל פלעגט רופן א בעה"ב, א מענטש פון ווארמעס און וועטשערע, און דער וואס האט א גרויסן תענוג פון נגינה אין זיין לעבן איז נגינה און דער וואס האט גרויסן תענוג פון שכל איז זיין לעבן איז שכל. וכמבואר בתורה אור (פ' תולדות) אז אמאל זיינען געווען חכמי או"ה פילאזאפן וואס האבן פארלאזן אלע תענוגים גשמיים און האבן זיך עוסק געווען אין חכמות ביום ובלילה, און הגם זיי זיינען געווען שרים און האבן געהאט די מעגלאכקייט עוסק זיין בהנאות ותענוגים גשמיים מ"מ האבן זיי זיך עוסק געווען נאר אין חכמות, וואס דאס איז דערפאר ווייל זיי האבן געהאט א גרויסן תענוג פון שכל איז זייער לעבן געווען נאר שכל און אנדערע זאכן האט זיי ניט אינטערעסירט, וואס פון דערוף איז פארשטאנדיק אז אין

וואס מ'האט תענוג אין דערוף לעבט מען. אז מ'איז זיך נוהג יעדער וואך לערנען בעיון די מאמרים פון ליקוטי תורה פון דער פ' השבוע איז הרגל נעשה טבע און מ'באקומט א תענוג פון דעם לערנען. וכידוע המעשה פון דעם אלטן רבי'נס א חסיד וואס ער איז ל"ע געווארן א אבל ר"ל איז מען געקומען אים מנחם אבל זיין איז ער געזעצען פארטראכט און זיין פנים איז געווען רויט האט מען גערעכנט אז די אבילות האט אים זייער פארנומען איז דערפאר איז זיין פנים אזוי רויט אבער שפעטער א ווײַלע האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף און האט געזאגט מיט גרויס התפעלות, בזה"ל: האב איך געקראגן א כתב: ד.ה. לעבן, ווײַלע ער האט געהאט א גרויסן תענוג אין לערנען א כתב חסידות האט ער פון גרויס תענוג פארגעסן אז ער איז א אבל, אויך דערציילט מען אויף שלמה דעם געל'ן ע"ה, אז לסוף ימיו איז ער געווען א גרויסער בעל יסורים פלעגט ער זאגן אז ער דער זעט דעם ליקוטי תורה פארגעסט ער אויף אלע צרות. בהנוגע לענינינו איז: אז מ'לערנט די מאמרים פון ליקוטי תורה פון פ' השבוע און די שיחה קדושה פון כ"ק אדמו"ר שליט"א פון דער וואך, לעבט מען אין די ענינים פון דער וואך, אז מ'לערנט די מאמרים פון דער אנדער וואך לעבט מען אין די ענינים וואס זיינען אין דער אנדער וואך, און ד.ה. אז מ'לעבט מיט דער צייט.

ויהי רצון אז מ'זאל מוסיף זיין בלימוד התורה בליקוטי תורה באיכות ובכמות וועט מען מקיים זיין דעם ווארט פון עם אלטן רבי'ן און מ'וועט לעבן מיט דער צייט.

ב"ה,

אין מוסרין רזי תורה אלא למי שלבו דואג בקרבו, דארף מען פארשטיין וואס מיינט מען לבו דואג בקרבו, און דורך וואס ווערט לבו דואג בקרבו וואס דוקא דורך דערוף איז מען זוכה צו רזי תורה, ובפרט בזמן הזה וואס יעצט דארף מען דאך מגלה זיין רזי תורה צו אלעמען, וכפסק האר"י ז"ל אז בדורות אלו האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה, און משמעות הלשון אלא למי שלבו דואג בקרבו איז אזוי ווי דער רבי שליט"א האט געזאגט אז וואו עס שטייט אלא איז די כוונה אז נאר אזוי און ניט אנדערש, הייסט דאס אז די איינציקע וועג צו רזי תורה, איז לבו דואג בקרבו, דארף מען פארשטייען דורך וואס ווערט לבו דואג בקרבו, אויך דארף מען פארשטיין עס איז ידוע דער ווארט פון דעם רבי'ן נ"ע אז חסידות האט אויפגעטאן דריי "שנית", נפש השנית, חדר שני, און פסח שני, דארף מען פארשטיין: ווי קען מען זאגען אז חסידות האט אויפגעטאן נפש השנית, עס קומט דאך אויס אז ביז התגלות תורה החסידות האט מען ניט געוואוסט פון נפש השנית, לכאורה איז דאך אפילו א בן חמש למקרא ווייס אויך אז יעדער איד האט א נשמה קדושה, וואס דאס איז די נפש השנית, איז ווי קאן מען זאגען אז חסידות האט אויפגעטאן נפש השנית.

איז דאך ידוע דער ביאור דערפון, אז קודם התגלות תורת החסידות האט מען געמיינט אז דער נפש המתלבשת בדם האדם להחיות את הגוף, דאס איז די נשמה הקדושה, און דורך תורת החסידות איז נתגלה געווארן אז דער נפש המתלבשת בדם האדם להחיות את הגוף איז ניט די נשמה הקדושה, נאר זי איז מצד הקליפה והסט"א, וואס פון איהר נעמען זיך אלע מדות רעות, פון די ארבע יסודות רעים וואס אין איהר, נאר ווייל זי נעמט זיך פון קליפת נוגה האט זי אויך מדות טובות, רחמנות וגמ"ח, אבער ניט זי איז די נשמה הקדושה, און די נשמה הקדושה איז א באזונדער נפש, וואס דאס איז דער נפש השנית, וואס זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש, און זי ווערט נתלבש אין דעם נפש החיונית און דער נפש החיונות איז אויף אים מעלים וכמאמר רשע מכתיר את הצדיק, און ווייל ביז התגלות תורת החסידות האט מען ניט געוואוסט פון נפש השנית און מי האט

געמיינט אז דער נפש החיונית איז די נשמה הקדושה, איז דערפאר, דער וואס איז געווען גאנץ אין מחשבה דיבור ומעשה האט געמיינט אז ער איז א צדיק, וכידוע אז ר' הלל פאריטשער ז"ל האט דעם ערשטען מאל געלערענט תניא האט ער געזאגט "האדיע צדיק, הלוואי בינוני", וואס פון דערוף איז אויך א ראי' אז ביז התגלות תורת החסידות האט מען ניט געוואוסט פון נפש השנית און מי האט געמיינט אז דער נפש החיונית וואס ער איז בהתגלות איז די נשמה הקדושה וד"ל.

וביאור הענין הוא, עס איז מבואר אין לקוטי תורה, אז תפלה איז ע"ד משל א הקדמה און א הכנה צו עסק התורה, דאס הייסט אז כדי אז דער עסק התורה זאל זיין כדבעי דארף זיין א הקדמה און א הכנה, וואס דאס איז דער ענין התפלה, און ווייל תפלה איז א הקדמה און א הכנה צו עסק התורה, אז דער עסק התורה זאל זיין כדבעי, איז דעפאר דער וואס בא איהם איז תורתו אומנתו איז ער פטור פון תפלה, ווייל וויבאלד אז דער עסק התורה איז בא איהם כדבעי, דארף ער ניט האבען די הקדמה און די הכנה, וואס דאס איז דער ענין התפלה, וביאור הענין הוא, דער ענין התפלה איז להתבונן בגדולת אין סוף ב"ה, איך שלגדולתו אין חקר, ואיך שכל השתלשלות העולמות מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין איז מקור התהוותם וחיותם הוא רק מהארה אחת לבד, שהוא רק עד"מ כטפה נגד הים, ויותר מזה אי"ע כו', וכולא קמי' כלא חשיב, ולית מחשבה תפיסה בי' כלל, אי אז מי איז זיך מתבונן בכל זה בהעמקת הדעת ווערט פון דער התבוננות לבו דואג בקרבו, וואס די דאגה און די מרירות ווערט פון דערוף וואס מי קאן ניט משיג זיין גילוי עצמיות אלקותו ית' ווייל אפילו דער גילוי וואס אין עולמות עליונים איז אויך מערניט כטפה נגד הים, און אי"ס ב"ה ממש איז לית מחשבה תפיסה בי' כלל, און א נשמה אז זי איז ניט משיג עצמיות אלקות ווערט זי במרירות. עס איז דאך ידוע אז דער חילוק פון נשמות און מלאכים איז, וואס נשמות נעמען זיך פון פנימיות, און מלאכים פון חיצוניות, איז ווייל נשמות נעמען זיך פון פנימיות באגנוגענען זיי זיך נאר אז זיי זיינען משיג פנימיות ועצמיות, און אויב זיי זיינען ניט משיג ווערט בא זיי א דאגה און א מרירות, און

דאס איז לבו דואג בקרבו, און דורך דעם לבו דואג בקרבו איז מען זוכה צו רזי תורה, דאס הייסט אז דער עסק התורה איז כדבעי, און אז דער עסק התורה איז כדבעי ווערט דענסטמאלט פון לבו דואג בקרבו, לבו ישמח בקרבו, און ישראל מתקשראן באורייי' ואורייי' בקוב"ה, און מי איז תופס בהקב"ה ממש, דאורייי' וקוב"ה כולא חד, וכמבואר בתניא (ח"א פ"ד וה').

היוצא לנו מזה איז, אז כדי דער עסק התורה זאל זיין כדבעי, דארף זיין די הקדמה און די הכנה דער ענין התפלה, און כדי אז די תפלה זאל זיין כדבעי דארף זיין די הקדמה און די הכנה לימוד לקוטי תורה בעיון, קומט אויס אז אין מוסרין רזי תורה אלא למי שלומד לקוטי תורה בעיון.

דער אלטער רבי האט געזאגט אז מי דארף לעבן מיט דער צייט און מי האט דאס מפורש געווען, מיט פרשת השבוע, די חסיד'ישע פ' השבוע איז די מאמרי לקו"ת וואס פון יעדער וואך, אז מי לערענט יעדער וואך די מאמרי לקו"ת וואס פון דער וואך, לעבט מען מיט דער צייט, ויהי רצון אז מי זאל זיך עוסק זיין אין די ששה מבצעים, ובפרט מבצע תורה ולקוטי תורה, דער רבי רש"ב נ"ע האט געזאגט אז לקוטי תורה איז אם כל חי, לקו"ת גיט א חיות בלימוד התורה ובקיום המצות, אז מי איז מקיים כל המצות בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה.

אין ספר המאמרים קונטרסים (ע' 790) איז דער רבי נ"ע מבאר די שני ענינים שבתורה, תורה שבכתב, ותורה שבע"פ, וז"ל: דבתורה שבכתב הנה העיקר הוא הדבור וכמ"ש ויאמר הוי' אל משה וידבר הוי' אל משה לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם וכן הוא בענין הלימוד בתורה שבכתב הנה העיקר הוא הדבור וקריאת האותיות שבתורה דזהו ענין קריאת התורה שצריכה להיות בדיוק רב הן בהקריאה והן בהשמיעה. דלא זו בלבד דחזן הקורא בתורה צריך לדייק באותיותי' להוציא כל תיבה ותיבה בדיוק במבטא הנקודות בשפה ברורה. הנה לבד זאת צריך לדייק בהטעמים שיהיו כתיקונם, וכבר הוזהרו הקוראים בתורה ע"ז, ולידע כל פרטי דיני קריאת התורה אשר בנפשם הוא ממש, כמ"ש החיים והמות ביד הלשון, דכשם דגדול ורב מאוד שכר הקורא בתורה כדין שהוא ענין חיים, הנה גדול עצום הוא עונשו של המזלזל בקריאת התורה ואינו מייגע עצמו ביגיעה גדולה תחלה לידע כל פרטי הטעמים והוא ח"ו בכלל מחטיא את הרבים השומעים את קריאתו המשובשת דזהו חיים ומות ביד הלשון, וכן הוא בשמיעת קריאת התורה שצריך לשמוע מתוך הספר שבידו ולשמוע כל תיבה ותיבה. וכידוע גודל עוצם העונש בזה ובבא להבלתי נזהרים בזה וכמבואר בספרים דשמיעת קריאת התורה בדיוק נוגע בבני חיים ומזונא והמזלזל בשמיעת קריאת התורה הוא כעז פנים המגרש את המלך מהיכלו, והמדבר עם זולתו הוא מחטיא את הרבים ומרבה ח"ו וח"ו מתים ועניות בישראל. ובתורה שבעל פה הנה העיקר הוא העיון דוקא ובשניהם הנה הכונה היא המשכת עצמות אין סוף ב"ה דכל הקורא בתורה כקורא בשמותיו של הקב"ה בחינת שמות העצמיים וכן בעיון התורה הרי אמרו יעשה למחכה לו למאן דדייק במילין דחוכמתא דבחינת עדן עלאה סתימאה דעין לא ראתה הנה זה מתגלה למאן דדייק במילין דחוכמתא דכ"ז הוא המשכת עצמות אין סוף ב"ה וכו'.

ויהי רצון אז די קוראים און די שומעים זאל די ענינים אראיין נעמען גוט אין זינען און דאס אלעס מקיים זאיין בדיוק ככתוב.

ובזכות זה וועט ניט זאיין קין צרות אויף דער וועלט און סיוועט מקרב זאיין די גאולה שלימה בקרוב ממש.

פ"ש חמה לכל אנ"ש

אשר ס.

ב"ה.

אין תניא פרק א': אך ביאור הענין ע"פ מה שכתב הרח"ו ז"ל בשער הקדושה ובע"ח שער נ' פ"ב, דלכל איש ישראל אחד צדיק ואחד רשע יש שתי נשמות וכו'.

איז דאך משמע אז דאס וואס יעדער איד האט שתי נשמות קאן מען דאס ניט וויסן פון תורת הנגלה וואילע עס שטייט ניט מפורש, מוז דער אלטער רבי נ"ע ברייגגען דאס פון תורת הקבלה פון ע"ח. דארף מען פארשטייען, לכאורה איז דאך דאס זיל קרי בי רב הוא, אפילו אַ בן חמש למקרא ווייס אז יעדער איד האט אַ נשמה און אַ יצה"ר. און אפילו מיר וועלן זאגן אז אין תורה שבכתב איז דאס ניטא מפורש, איז דאך אין תורה שבע"פ געוויס פאראן מפורש אין אַ פולע ערטער אז יעדער איד האט אַ נשמה און אויך אַ יצר. איז פארוואס ברייגגט דער אלטער רבי דעם ענין דוקא פון תורת הקבלה, פון עץ חיים. און עס איז אַ פלא וואס קיינער פון די מפרשי התניא שטעלט זאך ניט אויף דערוף, וואס לכאורה מוז דער ענין האבן ביאור.

פאראן וואס פארענטפערן אז קודם התגלות תורת הקבלה האט מען געמיינט אז דער יצר הרע איז ניט קיין נפש נאר אַ מלאך רע וואס רעדט איין דעם מענטשן טאהן וואס מ'טארניט, האט תורת הקבלה מגלה געווען אז דער יצר הרע איז ניט קיין מלאך נאר אַ נפש וואס ווערט נתלבש אין גוף האדם. לפי זה קומט דאך אויס אז דער חידוש וואס תורת הקבלה האט מגלה געווען איז אין דעם ענין פון יצר הרע, איז לפי זה וועט זאיין ניט מובן דער ווארט וואס איז ידוע אז חסידות האט אויפגעטאן דריי שני'ס: נפש השנית, חדר שני, פסח שני. קומט דאך אויס אז דער עיקר וואס חסידות האט אויפגעטאן איז אין דעם ענין פון נפש השנית. אויך דארף מען פארשטייען וואס דער רבי זאגט אז עס איז פאראן שתי נפשות, דער רמב"ם זאגט דאך אז עס איז פאראן ג' נפשות, און אויך דער רבי נ"ע זאגט מפורש אז עס איז פאראן אַ דריטער נפש, דער נפש השכלית.

וביאור הענין הוא, קודם התגלות תורת הקבלה ותורת החסידות האט די וועלט אנגינומען אז הנפש המתלבשת בדם האדם להחיות

הגוף דאס איז די נשמה הקדושה, און דער יצר הרע איז אַ מלאך רע. תורת החסידות האט מגלה גיווען אז הנפש המתלבשת בדם האדם להחיות הגוף דאס איז דער נפש הבהמית, והנפש השנית האלקית ווערט נתלבש אין דעם נפש הבהמית. לפי זה וועט ווערן מובן דער ווארט אז חסידות האט אויפגיטאן נפש השנית, וואיילע פריער קודם התגלות החסידות האט מען גימיינט אויף דעם נפש הבהמית אז ער איז דער נפש האלקית, אבער חסידות האט מגלה גיווען אז דער נפש המתלבש בגוף להחיותו דאס איז נאר דער נפש הבהמית, און דער נפש האלקית איז נפש השנית. און דאס וואס מ'האט גיפרעגט אז עס איז דאך פאראן ג' נפשות, איז באמת אז מ'זאל מדייק זאיין אין דעם לשון פון דעם אלטן רבי'ן איז טאקע משמע אז עס איז פאראן ג' נפשות, וואיילע ער זאגט דלכל איש ישראל יש שתי נשמות, איז דאך פאראן דער איש ישראל און ער האט שתי נשמות. דארף מען זאגן אז דער איש ישראל איז דער נפש השכלית, ווארום אויב אז מיר וועלן זאגן אז עס איז פאראן נאר שתי נפשות, האט ער גידארפט זאגן אז כל איש ישראל איז כלול פון שתי נשמות, אבער אז ער זאגט דלכל איש ישראל יש שתי נשמות, איז משמע אז עס איז פאראן דער **איש ישראל** און **ער** האט שתי נשמות. קאן מען זאגן אז דער איש ישראל איז דער נפש השכלית.

ב"ה.

אלול איז חודש החשבון, אין די חדשי השנה איז פאראן חדשים וואס אין זיי איז פאראן ענינים כללים השייכים לכל השנה וכמו חודש ניסן איז חודש הגאולה, יציאת מצרים, דער ענין פון יציאת מצרים איז א גאנץ יאר, יעדער טאג דארף זאיין דער ענין יציאת מצרים (וכמבואר בתניא). אייר איז ספירת העומר און הילולא דרשב"י. סיון איז מתן תורה. תמוז איז פורים שני (כמבואר בהמכתב של י"ב תמוז) וכו' וכו'. אלול איז אויך א חודש כללי חודש החשבון של כל השנה. כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט אז דער שם פון יעדער זאך וואייזט אויף דעם תוכן פון דער זאך, אז אלול רופט זאך חודש החשבון הייסט דאס אז די עבודה פון אלול איז חשבון. לכאורה דארף דער ענין האבן ביאור, די עיקר הכנה צו ראש השנה איז די תשובה פון אלול, האט מען לכאורה גידארפט אלול רופן חודש התשובה, אדער חודש הרחמים, וואיילע מיט דערוף טיילט זאך אויס אלול פון אלע חדשים וואס אין אלול זאיינען מאיר א גאנץ חודש די י"ג מדות הרחמים, איז פון דערוף וואס מירופט אלול דוקא חודש החשבון, הגם אז חשבון איז ניט דער תכלית המכוון, אז איינער וועט מרבה זאיין בחשבון און נאך דעם חשבון וועט ער ניט תשובה טאן האט ער אומזיסט גיפּטרט צאייט וואיילע דער עיקר המכוון פון חשבון איז לאחר החשבון זאל מען טאן תשובה, איז דאך דער עיקר די תשובה און ניט דער חשבון ומ"מ רופט מען אלול חודש החשבון און ניט חודש התשובה, איז דאך פון דערוף פארשטאנדיק אז דער ענין החשבון איז זייער וויכטיק אין דער הכנה צו די ימים נוראים און אזוי אויך אין דער עבודה פון א גאנץ יאהר איז אויך קאנטיק אז חשבון איז זייער וויכטיק. קשעהמ"ט איז א עבודה הכי גדולה, קשעהמ"ט איז דער יסוד פון עבודת התפלה כמבואר בחסידות בכמה מקומות, און דער עיקר ענין פון קשעהמ"ט איז חשבון (חשבון הנפש), איז פון דערוף אלעס איז פארשטאנדיק אז דער ענין החשבון איז זייער וויכטיק בעבודת השי"ת.

וביאור הענין פארשטייען קלערער די מעלה פון חשבון וועט מען פארשטייען פון גשמיות, מבשרי אחזה, דער וואס איז א בעל עסק און פירט דער עסק בסדר מסודר דאס הייסט אז ער מאכט בעצאייטנס א

חשבון פון די עסקים, איז ער קרוב לשכר ורחוק מהפסד, אין אלע אופנים איז דער חשבון פון דעם עסק זייער וויכטיק, א) אויב אז דער חשבון וואייזט אז דער עסק איז בהצלחה, ווערט דאך דער בעל עסק נאך בעסער ווילע מי שיש לו מנה רוצה מאתיים ומי שיש לו מאתיים רוצה וכו'. ב) אויב חלילה דער חשבון וואייזט אז די עסקים זאיינען ר"ל היפך ההצלחה, און בפרט אז עס איז פאראן אזוינע עסקים וואס במקום ריוח האבן זיי גיבראכט ל"ע הפסד, איז דענסמאלט דער חשבון נאך וויכטיקער ווילע דורך דעם חשבון קאן מען ניצול ווערן פון גרויסע צרות. ראשית גלאייך נאכן חשבון גיפינט מען די סיבות פארוואס זאיינען די עסקים ניט כדבעי, און די עסקים וואס גיבן ניט קיין ריוח ומכ"ש די וואס בריינגען הפסד איז מען זיי גלאייך מבטל און מי איז מסדר דעם עסק באופן אז עס זאל זאיין נאר ריוח, באקומט זאך אז וועו מי מאכט ניט קיין חשבון האט גיקענט אן וואקסן אזויפיל הפסד אז מי וואלט חלילה דארפן מאכן באנקראט און דורך דעם חשבון ווערט אויס הפסד און ס'ווערט נאר ריוח.

וככל המשל הזה איז אזוי אויך ברוחניות. א) אז מי מאכט א חשבון בסוף השנה און דער חשבון וואייזט אז עס איז אל-ראייט אז מי האט מוסיף גיווען בלימוד התורה און תלמוד מביא לידי מעשה האט מען במילא אויך מוסיף גיווען אין עבודה, גמילות חסדים ווערט פון דעם חשבון א שמחה גדולה ווערט א התעוררות אז להבא זאל מען נאך מערער מוסיף זאיין ווארום כל מי שיש לו מנה רוצה וכו' און די שמחה גיט חיות אין דער עבודה של השנה הבאה. ב) אויב חלילה אז דער חשבון וואייזט אז מי האט זייער ווייניק מוסיף גיווען בלימוד התורה און וויבאלד עס איז ווייניק תלמוד איז בדרך ממילא ווייניק מעשה ווארום תלמוד איז מביא לידי מעשה און בפרט אז דער ביסל תלמוד איז אויך גיווען ניט כדבעי ר"ל ווי דער אלטער רבי זאגט אין לקוטי תורה אפילו אם עוסק בתורה אי עביד כגון יקרי' וכו' איז נאך אזא חשבון ווערט א צער גדול, איז פון דעם צער ווערט א גרויסע התעוררות אז להבא זאל ווערן גאר א אנדער סדר, קומט דאך אויס אז דוקא דורך דעם חשבון ווערט א התעוררות לתשובה, און דורך דעם

חשבון וואס וואייזט אז עס איז אל-ראייט ווערט א שמחה און א חיות אין דער עבודה של להבא.

במילא איז מובן פארוואס אלול רופט זאך דוקא חודש החשבון און ניט חודש התשובה וואיילע דוקא דורך חשבון קומט מען צו תשובה און צו שמחה וחיות בקיום התורה והמצוות און דורך דעם הסכם אז שנה הבאה זאל מען מוסיף זאיין בלימוד התורה ווערט נמשך א כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות בהטוב הנראה והנגלה.

ב"ה,

אלול איז **חודש החשבון**. כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט אז דער נאמען פון יעדער זאך וואייזט אויף דעם תוכן פון דער זאך. דער עיקר וואס חודש אלול טיילט זאך אויס פון אלע חדשים איז, וואס אין חודש אלול זאיינען מאיר די י"ג מדות הרחמים, ווי דער אלטער רבי נ"ע פרעגט אין לקוטי תורה, פארוואס זאיינען די ימי אלול ימות החול און ניט קיין ימי יו"ט, איז דאך דער עיקר תוכן פון חודש אלול וואס אין אלול זאיינען מאיר די י"ג מדות הרחמים, האט מען לכאורה גידארפט רופן אלול חודש הרחמים, אדער חודש התשובה כמבואר בלקו"ת אז דאס וואס אין אלול זאיינען מאיר י"ג מדות הרחמים איז דאס כדי אז מ'זאל נתעורר ווערן בתשובה און מכין זאיין זיך צו די ימים נוראים, איז דאך תכלית הכוונה אז מ'זאל אין אלול נתעורר ווערן בתשובה. ומ"מ רופט מען ניט אלול חודש התשובה נאר חודש החשבון, דארף מען פארשטייען וואס איז אזוי די וויכטיקאייט פון דעם ענין החשבון, לכאורה איז חשבון ניט דער תכלית, אז איינער ווער מאכען דעם בעסטן חשבון און נאך דעם חשבון וועט ניט זאיין קיין בכן, איז דער חשבון גארניט ווערט, איז דאך דער תכלית פון חשבון איז תשובה, האט מען גידארפט אלול רופן חודש התשובה.

וביאור הענין הוא, עס איז ידוע דער משל, אַ גרויסער גביר וואס האט גיהאט אפולע אוצרות מיט פארשידענע סחורות, און איז גיוועזן בטבע אַ טוב, און טבע הטוב להיטיב, האט ער געגעבן אלעמען סחורה אויף בארג, כדי אז מ'זאל האנדלען און פארדינען און מאכען אַ לעבן. זאיינען גיוועזן אזיינע סוחרים וואס זאיינען ניט געוועזן קיין כפויי טובה, און וויבאלד אז מ'האט זיי געגעבן סחורה אויף בארג האבן זיי זאך משתדל געוועזן בכל כוחם גוט האנדלען און צאלן פאר די סחורה אין צאייט, במילא איז זיי גיוועזן גוט, זיי האבן פארדינט און גימאכט אַ לעבן, און דער גביר איז אויך זייער צופרידן, ראשית איז ער דאך אַ טוב און טבע הטוב להיטיב, איז ער צופרידן וואס מענטשן האבן גימאכט אַ לעבן, אויך האט ער אליין אויך ריוח פון דעם מסחר, במילא איז מובן אז ער איז מוכן תמיד געבן די סוחרים וואייטער סחורה אויף בארג מידו המליאה והפתוחה ובסבר פנים יפות. גיוועזן

זאיינען אבער נאך אנדערע סוחרים וואס מצד סיבות שונות האבן זיי זאך פארדרייט, און עס איז גיקומען שיים דער סוף פון דעם יאר, און זיי האבן נאך ניט געצאלט, איז אויב זיי קומען און מאכן אַ חשבון וויפעל זיי זאיינען שולדיק איז אעפ"י אז זיי צאלן נאך ניט, אבער וויבאלד זיי מאכן דעם חשבון איז דאך אַ סימן אז זיי געדיינקען דעם חוב און האלטן דאס פאר אַ חוב, און ווילן צאלן און האפן אז סוף כל סוף וועלן זיי באצאלן, גיט זיי דער גביר וואייטער סחורה אויף בארג מידו המלאה והפתוחה ובסבר פנים יפות. משא"כ אזיינע וואס אַ גאנץ יאהר האבן זיי ניט גיצאלט און צום סוף יאהר קומען זיי ניט מאכן דעם חשבון איז הגם אז זיי אויך גיט מען סחורה להבא אויף בארג, וואיילע טבע הטוב להיטיב, אבער מ'גיט זיי ניט בסבר פנים יפות, וואיילע צו זיי האט מען אַ טענה, מילא אַ גאנץ יאהר האבן זיי ניט גיצאלט וואיילע זיי האבן זאך פארדרייט, אבער צום סוף יאהר קומען מאכן אַ חשבון האבן זיי דאך גיקאנט, און וויבאלד אז מ'מאכט ניט קיין חשבון, איז אַ סימן אז מ'האט פארגעסן אויף דעם חוב. איז פון דערוף דער גביר ניט צופרידן וואיילע אז מ'געדיינקט ניט אז מ'איז שולדיק איז ניטא קיין האפענונג אז להבא וועט מען צאלן. משא"כ אז מ'מאכט דעם חשבון און מ'געדיינקט דעם חוב, איז סוף כל סוף צאלט מען זאך אויס.

וככל המשל הזה איז מובן אין נמשל אז דערפאר רופט מען אלול חודש החשבון דוקא, וואיילע דורך דעם חשבון ווערט אַ התעוררות אויף צו מאכן אַ החלטה להבא להוסיף בלימוד התורה ולקוטי-תורה בכמות ובאיכות, ובפרט ללימוד התורה ברבים, און מ'איז זוכה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות און עס ווערט אַ שנת לימוד התורה בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה

ארבעה אבות נזיקין. דארף מען פארשטיין פארוואס זאגט מען דעם לשון נזיקין און ניט מזיקין. איז דער תירוץ הפשוט איז וואיילע דער לשון מזיק פאסט אייף אזא וואס כל ענינו ומהותו איז מזיק זאיין וכמו הנחש וואס כל מהותו איז וואס ער איז אַ מזיק, משא"כ די ארבעה אבות וואס די משנה רעכנט זאיינען בעצם מהותם ניט קיין מזיקים, אדרבה, זיי בריינגען גרייסע תועלת אין עולם, נאר אז מ'גיט ניט אכטונג אייף זיי קאנען זיי אמאל ווערן מזיקים. וכמו השור איז דאך כל ענינו וואס מיט עם ארבעט מען און דורך זאיין ארבעט באקומט מען אלע תבואות וכמאמר ורב תבואות בכח שור, און אזוי אויך הבור איז ענינו וואס מי נוצט אים אויף האלטן מים און אויך יין וכמאמר מי שהי' בורו מלא יין. מבעה - למ"ד מבעה זה השן איז דאך אַ בהמה וואס מער זי עסט איז גרעסער די מזל ברכה, און למ"ד אז מבעה זה האדם קאן מען דאך גיוויס ניט אנרופן אים מזיק, וואיילע כל ענינו של האדם איז וואס אדם לעמל יולד. און אזוי אויך ההבער - אש - איז ענינו בריינגען גרייסע תועלת'ן צו דער וועלט, אן אש קאן די וועלט ניט האבין קיין קיום, אש איז מבשל ומחמם וכו'. קומט דאך אויס אז די ארבעה אבות וואס די משנה רעכנט בריינגען גרייסע נוצן דער וועלט, און אן זיי קאן די וועלט ניט האבן קיין קיום, נאר אז מ'גיט ניט אכטונג אייף זיי קאנען זיי אמאל ווערן מזיקים, אז מ'היט ניט דעם שור קאן ער אמאל מזיק זאיין און אז מ'דעקט ניט צו דעם בור קאן מען אין אים אראיין פאלן, אז מ'היט ניט די בהמה קאן זי אריין גיין בשדות אחרים און מאכן שאדן, און אזוי אויך אש, אז מ'גיט ניט אכטונג אויף אים קאן ווערן אַ שריפה און מאכן גרייסן היזק. וכפי המבואר איז מובן פארוואס די ארבעה אבות רופט מען נזיקין און ניט מזיקין.

און אזוי ווי דאס איז בגשמיות, איז אזוי אויך ברוחניות אויך; ארבעה אבות נזיקין - הגוף, נפש הבהמית, העולם, החטאים והעוונות, און זיי אויך רופט מען נזיקין און ניט מזיקין, וואיילע כל ענינם איז ניט מזיק זאיין נאר אדרבה דורך זיי פירט זאך אויס די כוונה פון דירה בתחתונים, נאר אז מ'גיט ניט אכטונג אויף זיי קאן אמאל טרעפן אז

זיי זאלן ווערן מזיקין, דעם גוף רופט אן דער אלטער רבי נ"ע "אַ פינסטערער חדר", איז אז מ'בעלאייכט דעם פינסטערן חדר מיט דעם אור התורה ווערט ער נזדכך און דוקא דורך דעם גוף פירט זאך אויס די כוונה פון דירה בתחתונים וכמאמר מבשרי אחזה אלק' וכמבואר בחסידות בכ"מ. נאר אז מ'נעמט ניט קער אויף דעם, און מ'בעלאייכט אים ניט ווערט ער אַ חומרי ביותר און ווערט אַ מזיק. דער נפש הבהמית איז כשמו כן הוא, אַ בהמה, אז מ'פארנעמט זאך ניט מיט אים ווערט ער אַ מגושם און אַ חומרי ביותר און איז מוריד את האדם למטה מטה וכמאמר רוח הבהמה היא היורדת למטה, אבער אז מ'נעמט קער אייף דעם נפש הבהמית איז דוקא דורך אים פירט זאך אויס דער תכלית הכוונה פון דירה בתחתונים וואיילע דוקא דורך דעם נפש הבהמית קאן מען דערגרייכן צו דער אהבה פון בכל מאדך כמבואר בחסידות בכ"מ, וואס דאס איז דער תכלית כל הנבראים. העולם - דער אלטער רבי זאגט אין תניא פ' ל"ג אז דער אויר פון דעם עולם איז טמא און ער איז מלא קליפות וסט"א, און כדי אז מ'זאל ניט ווערן גיניזק'ט פון דעם אויר טמא און די קליפות וסט"א דארף מען בעלאייכטן דעם עולם מיט דעם אור התורה, און אז מ'בעלאייכט דעם עולם איז ניט נאר וואס דער עולם איז ניט מעלים ומסתיר נאר עס ווערט יתרון האור הבא מתוך החושך כמבואר בתניא בסוף פרק ל"ג. דער פערטער פון די ארבע אבות זאיינען די חטאים ועוונות, לכאורה זאיינען די חטאים ועוונות נאר מזיקים, אבער באמת קאן מען זיי אויך ניט אנרופן מזיקין בהחלט, וואיילע דורך תשובה ווערן די זדונות לזכיות, און ווי דער בארדיטשאווער נ"ע זאגט ראשון למספר עוונות, אז מ'ציילט די עבירות וואיילע זיי ווערן זכיות.

כדי אז דער גוף - דער פינסטערער חדר זאל ווערן בעלאייכט, און דער נפש הבהמית זאל ניט זאיין קיין חומרי, און דער עולם זאל ניט מעלים ומסתיר זאיין נאר אדרבה אז עס זאל זאיין יתרון האור הבא מתוך החושך, און פון די חטאים ועוונות זאל ווערן זכיות, איז בא כ"ק אדמו"ר שליט"א והעמידן על אחת, להוסיף בלימוד התורה. תרי"ג מצוות ניתנו לישראל בא חבקוק והעמידן על אחת "וצדיק באמונתו יחי'" און ווי דער אלטער רבי איז דאס מבאר אין תניא פ' ל"ג אז דורך

דער אמונה וועט זאיין דער קיום פון כל התרי"ג מצוות. חבקוק הנביא האט נאר גיזאגט אז דורך דער אמונה וועט זיין קיום כל התרי"ג מצוות, אבער מיט וואס איז מען מחי' די אמונה, אייף דערוף איז בא כ"ק אדמו"ר שליט"א והעמידן על אחת להוסיף בלימור התורה.

וכל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו, אלא תורה ו'לקוטי תורה', און לקוטי-תורה איז מחי' די אמונה, וכמעשה הידוע, אמאל אין ליובאוויטש פלעגט זאיין אַ יריד, איז אמאל גיקומען צופארן אייף דעם יריד אן עולמשער איד אַ סוחר און אויך אַ גרויסער למדן בבחי' עילוי. אז ער האט אָגיפּטרט זאיינע גישעפטן איז ער אראיין געגאנגען צו דעם רבי'ן דעם צמח-צדק ריידן אין לערנען, אז דער שמועס האט זיך גיענידיקט, האט ער גיזאגט צו דעם צ"צ, רבי, גיט מיר אן עצה וואס זאל איך לערנען כדי צו מחזק זאיין די אמונה, צו דעם מורה-נבוכים אדער דעם כוזרי, האט דער רבי דער צ"צ גיזאגט צו אים, ווען איר וואלט זאיין אַ חסיד וואלט איך אייך געבן אן עצה לערנען לקוטי-תורה וואיילע לקוטי תורה איז ניט נאר מחזק די אמונה, נאר עס איז מחי' די אמונה, אבער אזוי ווי איר זאיינט ניט קיין חסיד, איז מאיין עצה לערנען דעם כוזרי. דער איד איז דאך גיוועז אַ סוחר, האבן מיט אים גיהאנדלט אויך חסידי חב"ד, האבן חסידים דערציילט אז מ'פלעגט אראיין גיין צו אים אין שטוב פלעגט מען טרעפן אויף דעם טיש אַ לקוטי-תורה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט אז כשם ווי תורה איז לשון הוראה, און פון תורה דארף מען ארויס נעמען אַ הוראה בחיים, איז אזיי אויך פון יעדער מעשה דארף מען ארויסנעמען אַ הוראה בחיים, דער איד איז גיוועז אַ מתנגד און אַ גביר און אַ גרייסער למדן, און דער רבי דער צ"צ האט אים גיגעבן די עצה לערנען דעם כוזרי, אעפ"כ וויבאלד דער צ"צ האט גיזאגט אז לקוטי תורה איז מחי' די אמונה האט ער גיהאט שכל און האט גילערנט לקוטי תורה, איז מיר זאיינען דאך ניט קיין מתנגדים, דארפן מיר בוודאי האבן שכל און לערנען לקוטי תורה בהתמדה רבה ובעיון גדול.

עס איז ידוע דער ווארט פון ר' אברמקע זשעבינער ע"ה ז"ל, אז תשובה הייסט אַ העכערער דעת. אז מ'לערנט לקוטי-תורה בעיון ווערט דער דעת העכער, ווערט מען בדרך ממילא אַ בעל תשובה.

ב"ה.

את זה לעומת זה עשה האלקי', דער א' האט באשאפן די וועלט מיט דעם סדר פון זה לעומת זה. לעומת הסטרא דקדושה איז הסטרא אחרא, און אזוי ווי דאס איז בנפש לעומת היצר טוב איז דער יצר הרע, אזוי איז דאס אויך בכללות העולם אז עס קומט אראפ אויף דער וועלט א צדיק א נשמה גבוהה קומט אראפ אויך לעומתו א מנגד און ווי מ'זעט דאס במוחש אז אזוי איז דער סדר אין אלע דורות מתחילת בריאת העולם, דער א' האט בעשאפן אדם הראשון, האט ער אויך לעומת זה בעשאפן דעם נחש הקדמוני, אברהם אבינו איז זיין מנגד געווען נמרוד הרשע, לעומת יעקב אבינו איז געווען עשו הרשע, משה רבינו זיינען געווען זיינע מנגדים קרח און דתן ואבירם, און אזוי אויך דוד המלך האט געהאט אפולע מנגדים, און אזוי איז דאס געווען אין אלע דורות ווייל אזוי האט דער א' איינגעשטעלט די וועלט מיט דעם סדר פון זה לעומת זה, אז דער בעש"ט איז נתגלה געווארן איז געווען גאר אפולע מנגדים ווייל אז עס ווערט א גרויסע התגלות אין קדושה ווערט לעומת זה א גרויסע התנגדות מצד דער סטרא אחרא, און אזוי אויך דער אלטער רבי האט געהאט אפולע מנגדים וואס פון זיי האט ער געהאט אפולע צרות און יסורים, די מנגדים פון דעם רבי'ן דער צ"צ זיינען געווען די משכילים, דער רבי הרש"ב ובנו נ"ע האבן געהאט מנגדים פון די ציונים. יעצט בדור הזה אז ב"ה כ"ק אדמו"ר שליט"א איז מצליח וכובש את העולם כולו קאן דאך די סטרא אחרא ניט שווייגן און צום בעדויערן איז יעצט ניטא קיין מתנגדים און ניט קיין משכילים און די ציונים ווילן אויך ניט פארנעמען זיך מיט די מיעסער ארבעט, איז וואס טוט פארט די סטרא אחרא, בא השטן ורכב על השוטים, באין ברירה אז ער האט ניט קיין משכילים, האט ער זיך פארבונדן מיט די שוטים, אבער מ'דארף ווארענען די שוטים אז דער משלח זייערער דער שטן האט רעכט ריידן און שרייבן, אבער ווארפן שטיינער און שערן א אידישע באָרד האט ער ניט קיין רעכט און דערפאר קאן מען באקומען א הארבן עונש בעולם הזה אויך, מפרשים פרעגן פארוואס האט געקומט פרעה'ן אזויפיל מכות עס איז דאך געווען א גזירה מן השמים אז אידן דארפן זיין אין גלות אין מצרים,

איז וואס איז געווען שולדיק פרעה? איז דער תירוץ איז אז פרעה האט געהאט רעכט הייסן די אידן אז זיי זאלן ארבעטן, אבער ווארפן קינדער אין טייך און קיילענען אידישע קינדער דאס האט ער ניט געהאט קיין רעכט, און דערפאר האט מען אים גיגעבן די מכות. און אזוי אויך בענינינו די שוטים וואס ריידן און שרייבן דברי נבלה אויף ליובאוויטש און תורת הבעש"ט טוען זיי דאס מיט דעם כח און חיות וואס זיי זיינען מקבל פון היכלות הטומאה וואס אויף דערויף וועט זיין דער משפט בעולם הבא אבער פאר די מעשים תעתועים וואס זיי טוען, אויף דערויף וועט זיין דער עונש בעולם הזה. כל זמן עס איז ניט שפעט קאנען זיי נאך תשובה טאן, ווען דתן ואבירם וואלטן תשובה גיטאן וואלטן זיי ניט געהאט די מפלה, און כדי נתעורר ווערן בתשובה דארף מען זיך מתבונן זיין אין דעם רש"י פון פ' קרח (טז, כז) בא וראה כמה קשה המחלוקת שהרי ב"ד של מטה אין עונשין אלא עד שיביא שתי שערות וב"ד של מעלה עד כ' שנה וכאן אבדו אף יונקי שדים. דער וואס האט אביסל שכל און וועט זיך ארייין-טראכטן אין דער רש"י וועט ער געוויס תשובה טאן, ויהי' שלום על כל ישראל.

ב"ה.

בן חכם ישמח אב וגו'; בן חכם גייט דאס אויף א אידן, בנים אתם וגו', ישמח אב גייט אויף דעם א'. איז דאך פון דאנען משמע, אז חכמה איז א גרויסע מעלה, אז מ'איז א בן חכם פריידט זיך דער א'. דארף מען פארשטייען: עס שטייט דאך "אל יתהלל חכם בחכמתו" איז פון דאנען משמע אז חכמה איז ניט אזא גרויסע מעלה. איז אט די שאלה באווארנט דער אלטער רבי נ"ע און זאגט, אז בן חכם ישמח אב וגו' גייט דאס אויפן זמן הגלות, וואס אין זמן הגלות איז דאך רבו ההעלמות וההסתרים והנסיונות און אז מיווערט ניט נתפעל פון די ההעלמות וההסתרים און מיאיז זיך מתגבר אויף די נסיונות איז מען א בן חכם ישמח אב.

וביאור הענין:

שמעתי מהרב התמים ר' שמואל לייב ע"ה (פאריטשער), אז אין זוהר איז פאראן א משל פון א מלך אדיר וחכם גדול, וואס האט געוואלט אויספרואוון זיינע דריי זין; האט ער זיי אוועקגעשיקט אין מרחקים אין א וויסטער מדינה, און צווישן ווילדע מענטשן, איז איין זון איז געווען ל"ע א שוטה, האט ער געמאכט א חשבון של שטות, אז וויבאלד אז דער טאטע האט אים פארשיקט אין אזא וויסטע לאנד און צווישן ווילדע מענטשן איז א סימן אז דער טאטע האט אים פיינט, און ער האט זיך גענומען פירן ווי אלע בני המדינה. דער אנדערער זון איז געווען ניט קיין שוטה, אבער קיין חכם אויך ניט, ער איז געווען א תם, האט ער געוויינט, אים האט געקימערט, וואס ער דארף זיין אין דער פרעמד, אין אזא נידעריקן ארט. דער דריטער זון איז געווען א חכם האט ער געמאכט א חשבון ווי א חכם; ראשית, האט ער פארשטאנען, אז עס קאן ניט זיין אז א טאטע זאל פיינט קריגן א זון, און בפרט אז דער טאטע איז אזא גרויסער חכם, האט ער זיך געכאפט, אז דער טאטע האט זיי פארשיקט און וויל זיי אויספרואוון, האט ער געמאכט א הסכם חזק אז ער זאל זיך פירן ווי א בן מלך דארף זיך פירן. און אזוי ווי דער בן מלך געפינט זיך זייער אין א וויסטן ארט און דער מלך איז דאך בטבע א טוב און טבע הטוב להטיב איז כדי צו

מאכן דעם בן מלך גרינגער האט דער מלך אראפגעשיקט צו דעם בן מלך איינעם פון די שרים היותר גבוהים און דער שר האט אנגעשריבן ספרים וואס אין זיי ווערט מבואר די גדלות פון דעם מלך און דער שר הגבוה האט אנגעזאגט דעם בן מלך, אז ער זאל לערנען די ספרים בהתמדה און לעיונה וועט אים זיין א פולע גרינגער זיך צו מתגבר זיין זאך אף די ההעלמות וההסתרים והנסיונות, און איינער פון די ספרים איז ליקוטי תורה.

והנמשל מובן.

ב"ה.

בן חכם ישמח אב (אב זה הקב"ה. ד"א אב ממש. רש"י), (משלי י, ו) דארף מען פארשטיין אין דער תורה איז דאך דער ציווי "תמים תהי' וגו'" און דא זאגט מען אז בן חכם דוקא ישמח אב. איז משמע אז בן חכם איז מער מעלה ווי בן תמים. איז ידוע דער ביאור דערפון, אז בן חכם ישמח אב גייט דאס אויף דעם זמן הגלות, דאס הייסט אז בזמן שביהמ"ק הי' קיים איז געגוג אז מ'איז א בן תמים, משא"כ בזמן הגלות ובפרט בעקבתא דמשיחא אז רבו ההעלמות וההסתרים והחושך כפול ומכופל איז כדי אז מ'זאל זיין א בן תמים דארף מען אויך זיין א בן חכם, וכמבואר בליקוטי תורה וז"ל; עד"מ, אב שרוצה להבין חכמת בנו אזי מסתיר את עצמו ממנו בכדי לידע ולהכיר חכמת הבן שיבין שההסתר וההעלם הזה אינו אלא בכדי שיבקשנו הבן וימצאנו ואז תגדול השמחה באביו בשביל חכמת בנו והכרתו בזה כי יחפשנו בחפש מחופש לרדוף אחריו וכו'.

וביאור הענין, עס איז ידוע דער משל פון א מלך וואס האט געהאט דריי זין, איז בשעת זיי זיינען געווען בהיכל מלכותו האבן זיי זיך געפירט ווי בני מלכים דארפן זיך פירן, אבער דער מלך האט געוואלט אויספרואוון זיי, ווי וועלן זיי זיך פירן אז זיי וועלן זיין ווייט פון דעם מלך, האט ער זיי פארשיקט למדינה רחוקה וואו עס געפינען זיך ווילדע מענטשן, איז איינער פון די זין געווארן באגלייך ווי די מענטשען פון יענער מדינה, ער האט גע'טענה'ט אז וויבאלד אז דער מלך האט אים פארשיקט איז א סימן אז ער האט אים פיינט ובמילא קען ער זיך פירן ווי די אלע מענטשן פון יענער מדינה און ער איז ניט מחוייב פירן זיך ווי א בן מלך דארף זיך פירן, איז נתגלה געווארן אז ער איז א בן טיפש, ווארום ער האט געדארפט פארשטיין אז דער פאטער דער מלך וואס ער איז א חכם גדול און בטבע א טוב, וטבע הטוב להיטיב ובפרט צו אן אייגענעם זון איז דאך געוויס געווען די כוונה פון דעם מלך לטובתו, און אז ער האט דאס ניט פארשטאנען איז ער א טיפש. דער צווייטער זון האט זיך געפירט ווי א בן מלך אבער ער איז געווען זייער אומעטיק ווייל ער האט אויך ניט גוט פארשטאנען די פנימיות הכוונה פון דעם מלך, איז נתגלה געווארן אז

ער איז א תם, ניט קיין חכם. אבער דער דריטער זון האט גוט פארשטאנען די כוונה פון דעם מלך דעם פאטער אז דאס וואס ער האט אים פארשיקט למרחקים איז כדי אויספראווון אים און אז ער וועט זיך פירן ווי רצון המלך וועט דער מלך האבן גרויס נחת רוח דערפון במילא האט ער זיך געפירט ווי א בן מלך דארף זיך פירן און האט אלעס געטאן בשמחה רבה ווייל ער האט געוואוסט אז מיט דעם איז ער גורם א שמחה גדולה צו דעם מלך דעם פאטער איז נתגלה געווארן אז ער איז א בן חכם, און אויף אים איז געזאגט געווארן בן חכם ישמח אב.

וככל המשל הזה אזוי איז דאס בכלל ישראל בזמן הגלות, ווי מיר זאגן אין דער הגדה כנגד ארבעה בנים דברה תורה אחד חכם ואחד רשע אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול וכו׳. דארף מען פארשטיין דעם סדר פון די בנים ער הויבט דאך אן דעם סדר מלמעלה למטה, דעם ערשטן שטעלט ער דעם בן חכם, האט ער געדארפט דעם בן רשע שטעלן דעם לעצטן, איז פארוואס האט מען אוועקגעשטעלט דעם בן רשע גלייך נאך דעם בן חכם. אויך דארף מען פארשטיין אויך דער בן חכם פרעגט א שאלה און מ׳ענטפערט אים, לכאורה אויב ער איז א חכם, דארף ער אלעס וויסן און ניט פרעגן קיין שאלות. אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל איז משמע אז דוקא שם לא הי׳ נגאל אבל כאן יהי׳ נגאל דארף מען פארשטיין דעם ביאור דערפון. וביאור הענין הוא, עס זיינען פאראן ענינים וואס אויך א חכם ווייס זיי ניט ווייל די ענינים זיינען למעלה מן החכמה און ער דארף פרעגן און מ׳דארף אים ענטפערן און דער עיקר מעלה פון דעם חכם איז וואס ער פארשטייט וואס מ׳ענטפערט אים, און דאס וואס מ׳האט אוועקגעשטעלט דעם בן רשע לעבן דעם בן חכם איז דאס א הוראה אז דער בן חכם דארף זיך מיט אים פארנעמען און מאכן אים אויס רשע, ווייל אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל, שם דוקא אבער איצט איז שוין באלד די לעצטע גאולה שאין אחרי׳ גלות דארף מען צוגרייטן אלע אידן צו קבלת פני משיח.

עס איז פאראן חכמים וואס פרעגן מה העבודה הזאת לכם? עס איז דורכגעגאנגען טויזענטער יארן און עס זיינען געווען אזויפיל גדולי

ישראל און מ'האט ניט פארנומען זיך מיט עבודת המבצעים און איצט הייסט מען עוסק זיין זיך בעבודת המבצעים מיט דעם גרעסטן שטורעם. דארף מען זיי ענטפערן, אז אילו הי' שם לא הי' נגאל, אבער יעצט איז עקבתא דמשיחא דארף זיין אהבת ישראל העלפן יעדער אידן צוגרייטן זיך צו קבלת פני משיח. וביאור הענין הוא, דער אלטער רבי אין תורה אור (מ"א, קכ) זאגט, בכל דור ובכל זמן יש בחי' גילוי אלקות בתושבע"פ במשנה ותלמוד שלא הי' בחי' גילוי אלקות באופן זה בלימוד תושבע"פ בדורות שקדמו להם ובדואי גם בדורות הראשונים כמו בית ראשון הי' בחי גילוי אלקות בתורה שבע"פ אלא שלא הי' כ"כ כמו בזמן התנאים ובדברים אחרים הי' בחי' גילוי אלקות בזמן בית ראשון יותר מבזמן בית שני כמו הנבואה לנביאים וכיוצא, וא"כ אנו רואים שינוי אופנים בבחינת גילוי אלקות עד שאין דור דומה לחבירו כלל שבדור זה מתגלה אלקות בדבר זה ובדור זה בדבר אחר וכמו שאנו רואים שינוי אופנים בגילוי אלקות גם אחר זמן התנאים ואמוראים והוא מה שבימי הגאונים הי' גילוי אלקות בענין ואופן אחר מכמו שהי' בחי' גילוי אלקות בזמן הפוסקים הקדמונים שאחריהם כמו הרי"ף והרמב"ם ובעלי תוספות ועד"ז הולך ומשתנה מדור לדור גם בדורות האחרונים הקרובים לזמננו הי' שינוי אופנים הרבה מדור לדור עד שבדורות הללו עיקר גילוי אלקות הוא במצות גמ"ח כו'. וכיו"ב יש זמן ועת פרטי שעיקר גילוי אלקות הוא בתפילה ויש עת וזמן פרטי בתורה ויש עת וזמן במצוה פרטית כו' והכל הוא רק בחי' גילוי אחר גילוי אלא שהשעה צריכה שיהי' עיקר הגילוי באותו הדבר דוקא והכוונה מכולם אחת היא רק שהכלי להלביש הוא בא בשינוי כו' וד"ל. בהנוגע לענינינו איז דאס וואס דער אלטער רבי זאגט שבדורות הללו עיקר גילוי אלקות הוא במצות גמ"ח, כו' דאס איז עבודת המבצעים. אז מ'טרעפט א איד וואס האט קיינמאל קיין תפילין ניט געלייגט און מ'טוט אים אן תפילין איז אין לך גמ"ח יותר מזה און אזוי אויך אלע מבצעים.

ויהי רצון אז מ'זאל זיך עוסק זיין אין די מבצעים כדבעי ווי דער רבי שליט"א וויל וביחוד מבצע תורה וליקוטי תורה, כשם ווי עס איז א חוב אויף יעדער אידן יעדער טאג לייגן תפילין אזוי איז אויך א חוב

אויף יעדערן פון אנ"ש יעדן טאג לערנען ליקוטי תורה וכמבואר בדא"ח של אדמו"ר האמצעי, בענין הארבעה בנים שדברה תורה, איז א גרויסער שינוי פון די דורות הראשונים ביז דעם דור היותר אחרון וביחוד אין דעם כדור התחתון. בדורות הראשונים איז דער שאינו יודע לשאול געווען א מיעוטא דמיעוטא וועלכער איד האט ניט געוואוסט פון יציאת מצרים און מתן תורה וכו' וכו', און יעצט בדור הזה האחרון מצד צוק העתים איז דער שאינו יודע לשאול במספר המרובה, יעצט זיינען פאראן אידן לאלפים ורבבות וואס ווייסן ניט פון יציאת מצרים און מתן תורה וכו' במילא איז יעצט די עבודה פון מבצעים א מלאכה מרובה וואס דערפאר איז דער בעל הבית דוחק והיום קצר משיח איז שוין קרוב ממש.

ב"ה.

בן חכם ישמח אב וגו' (משלי י' א') (זאגט רש"י אב זה הקב"ה). דאס הייסט אז א איד איז א חכם פריידט זיך דער אויבערשטער, דארף מען פארשטיין, עס שטייט דאך תמים תהי' וגו' און עס שטייט ניט חכם תהי', איז פארוואס זאגט מען דא אז דוקא בן חכם ישמח אב, און אויב אז חכם איז אזא גרויסע מעלה, אז בן חכם ישמח אב האט געדארפט שטייען אין דער תורה אויך חכם תהי', איז פארוואס אין דער תורה שטייט נאר תמים תהי' וגו' וואס עס איז משמע אז מי דארף נאר זיין תמים, און אין משלי זאגט ער בן חכם ישמח אב, איז משמע אז מי דארף אויך זיין א חכם.

איז דאך ידוע וואס עס איז מבואר אין לקוטי תורה, אז בן חכם ישמח אב גייט דאס אויף דעם זמן הגלות, דאס הייסט בזמן הבית דארף מען זיין תמים, און בזמן הגלות איז ניט מספיק נאר זיין תמים, נאר מי דארף אויך זיין א בן חכם, און ווי עס איז מבואר (שם) אז דער זמן הגלות איז א זמן ההסתר, דער אויבערשטער בעהאלט זיך, דארף מען זיין א בן חכם, און פארשטייען אז דער אויבערשטער בעהאלט זיך כדי אז מי זאל עס זוכן, און אז מי זוכט און מי געפינט אים, זאגט דער אלטער רבי דעם לשון, ואז ישמחו שניהם, דער בן פריידט זיך וואס ער האט געפונען דעם אב, און דער אב פריידט זיך וואס זיין בן איז א חכם, וואס הגם ער האט זיך בעהאלטען, מ"מ האט דער בן אים געפונען.

וביאור הענין הוא, עס איז ידוע דער משל אז א מלך האט געהאט א בן יחיד און דער בן יחיד האט זיך געפירט ניט כדבעי, האט דער מלך אים געווארענט כמה פעמים, אז אויב ער וועט זיך ניט פירן ווי א בן מלך דארף זיך פירן, וועט ער אים משלח זיין פון היכל מלכותו, און וועט אים פארשיקן אין א מדינה רחוקה, וואו ווילדע מענטשען זיינען, אויף א זמן ארוך, און אז דער בן מלך האט ניט רעאגירט אויף דעם וואס דער מלך האט אים געווארענט, און האט ממשיך געווען פירן זאך ניט כדבעי, האט אים דער מלך משלח געווען פון היכל מלכותו, און האט אים פארשיקט למדינה רחוקה, אזוי ווי ער האט אים

געווארענט. אבער עס איז דאך רחמי האב על הבן, ובפרט צו א בן יחיד, און אויב דער בן יחיד וועט זיין אין דער מדינה רחוקה צווישן די ווילדע מענטשן א זמן ארוך איינער אליין, קאן ער דאך פארגעסן אז ער איז א בן מלך, און ווערן בעגלייך ווי די ווילדע מענטשן זיינען, האט דער מלך אויף אים רחמנות געהאט און האט געשיקט אין דער מדינה רחוקה א פולע שרים חכמים גדולים, כדי אז זיי זאלן לערנען מיט דעם בן יחיד חכמות המלך, וועט ער ניט פארגעסן אז ער איז א בן מלך, און וועט זיך ניט צומישן מיט די ווילדע מענטשן, און אז עס איז דורך געגאנגען א זמן ארוך וואס דער בן מלך געפינט זיך אין גלות, און עס איז געבליבן א קורצע צייט וואס דער בן מלך דארף זיין אין דער מדינה רחוקה און ער דארף זיך אומקערן צוריק להיכל המלך, האט דער מלך געוואלט אויספרואווען זיין בן יחיד, צי איז ער א חכם, האט ער אויפגיהערט שיקן די שרים רבים צו דעם בן יחיד, און האט גילאזען אין דער מדינה נאר איין שר, איז אויב דער בן מלך וועט האבן שכל, און וועט זיך צוהערן צו די רייד פון דעם שר וואס איז געבליבן, און וועט זיך פירן ווי א בן מלך דארף זיך פירן, איז א סימן אז ער איז א חכם, און דער מלך וועט פון אים האבן א פולע נחת.

וככל המשל הזה האט דער אויבערשטער גיטאן מיט אידן כל זמן אריכות הגלות, בזמן הבית האט דער אויבערשטער געווארענט דורך די נביאים אז אויב מען וועט ניט תשובה טאן, וועט דער בית המקדש חרוב ווערן, און מעט וועט פארטריבען ווערן אין גלות, און אז מי האט ניט צוגיהערט זיך צו די רייד פון די נביאים, איז דער בית המקדש חרוב געווארען, ומפני חטאינו גלינו מארצנו, און הגם דער אויבערשטער האט דאך געווארענט אז בזמן הגלות וועט זיין הסתר אסתיר, האט ער דאס אפגילייגט אויף שפעטער (קודם ביאת המשיח), און מ"מ איז בכל הדורות געווען התגלות אלקות ע"י הצדיקים, גלייך נאכן חורבן איז געווען התגלות התנאים והאמוראים און דערנאך זיינען געווען די רבנן סבוראי דערנאך די גאונים און דערנאך די ראשונים ואחרונים והמקובלים, פאר דעם בעש"ט איז געווען די וועלט א פאר'חלש'טע, איז נתגלה געווארען דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים, און די וועלט האט אויפגילעבט, שפעטער איז נתגלה

געווארן דער אלטער רבי, עס איז ידוע אז דער אלטער רבי האט געזאגט אז ער האט אפגישטופעט דעם חושך אויף הונדערט יאר, האט מען גיפרעגט דעם אלטן רבי'ן וואס וועט זיין אין הונדערט יאר ארום, האט דער אלטער רבי גיענטפערט, אז עפ"י תורה איז אז כ"ז מי קאן מדחה זיין דארף מען מדחה זיין, שפעטער איז נתגלה געווארען דער רבי רש"ב, און האט ווייטער אפגישטופט אויף הונדערט יאר, יעצט איז שוין גיקומען די צייט, אז עס איז ניטא וויהין צו שטופען דעם חושך, נאר מען דארף דעם חושך מהפך זיין לאור, און דורך די ששה מבצעים, וועט זיין יתרון האור הבא מתוך החושך, תרי"ג מצוות ניתנו לישראל, בא אדמו"ר שליט"א והעמידן על שש (ששה מבצעים), תרי"ג מצות ניתנו לישראל, בא אדמו"ר שליט"א והעמידן על אחת, דאס איז דער מבצע תורה, וואס ער איז כנגד כולם, כי גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, וכל האומר אין לי אלא תורה אפילו וכו' אלא תורה וליקוטי תורה, ויהי רצון אז אלע זאלן זיך עוסק זיין אין די ששה מבצעים, ובפרט אין דעם מבצע תורה, אזוי ווי דער רבי שליט"א וויל, וועט זיין ווי דער אלטער רבי זאגט ואז ישמחו שניהם, אז מיר וועלען זיך פרייען מיט דעם אויבערשטען, און דער אויבערשטער מיט אונז.

ב"ה.

בן חכם ישמח אב וגו' (משלי י' א') זאגט רש"י אב זה הקב"ה. הייסט דאס אז א איד איז א בן חכם איז דער א' שמח. דארף מען פארשטייען עס שטייט דאך אל יתהלל חכם בחכמתו איז דאך משמע אז חכמה איז ניט קיין גרייסע מעלה. אויך אין דער תורה שטייט דאך תמים תהי' וגו' און עס שטייט ניט חכם תהי'. און דא זאגט מען אז דוקא בן חכם ישמח אב וואס עס איז משמע אז די גרעסטע מעלה איז חכמה וואס דערפאר איז א בן חכם דוקא ישמח אב. איז ידוע אז דער ביאור דערפון ווערט מבואר אין ליקוטי תורה, אז בן חכם ישמח אב גייט דאס אויף דעם זמן הגלות, וואס בזמן הגלות איז דער אב (הקב"ה) מסתיר פניו מהבן בכדי שיחפשנו, און אז דער בן איז א חכם און פארשטייט אז דער הסתר וואס דער אב איז מסתיר פניו ממנו איז רק בכדי שיחפשנו און ער איז מחפש את האב וימצאנו, ואז ישמחו שניהם דער אב איז שמח וואס דער בן איז א חכם און דער בן איז שמח וואס ער האט גורם גיוועז דעם אב א נחת רוח. מכל זה מובן אז כדי זאיין בזמן הגלות א תמים מוז מען אויך זיין א חכם. דארף מען פארשטייען ווי ווערט מען א בן חכם. וביאור הענין הוא דער אריז"ל זאגט אז בדורות אלו האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה איז דאך לכאורה פארשטאנדיק פשוט אז מי איז זאך עוסק בזאת החכמה ווערט מען א בן חכם. אבער באמת דורך ידיעת זאת החכמה אליין הייסט מען נאך ניט קין בן חכם וואיילע אין חכם כבעל הנסיון, והאומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין לו אלא תורה ותפלה. און ווי סי שטייט אין ליקוטי תורה אז א בן חכם הייסט דער וואס איז מחפש את האב וימצאנו, און ווי איז מען מחפש את האב איז דאס ע"י עבודת התפילה, וכידוע דער ווארט, ווען זעט מען זאך מיט דעם "א'" בשעת התפילה. וביאור הענין הוא דער אלטער רבי זאגט אין ליקוטי תורה אז דער עיקר ענין התפילה איז התבוננות און דער תכלית פון די התבוננות איז אז מי זאל זאגן אין ק"ש אחד, ואהבת מיט א אמת. וביאור הענין הוא, תכלית הכוונה וואס בדורות אלו האחרונים איז נתגלה גיווארן זאת החכמה איז דאס כדי אז עס זאל זאיין עבודה פנימית וואס בעיקר איז דאס עבודת התפילה, און אזוי

איז דאס גיווען בדורות הקודמים בא די חסידים הקודמים איז גיווען עבודה פנימית זיי האבן זאך עוסק גיווען בלימוד החסידות בעיון גדול און האבן מאריך גיווען בתפילה. מיר הדור הזה האחרון קאנען דאך בשום אופן ניט גלאייכן זאך צו די דורות הקודמים וואיילע נתמעטו המוחין והלבבות, אבער טראגן מיר דאך אויך דעם נאמען חסידי חב״ד דארף בא אונז אויך זאיין עבודת התפילה לכה״פ בזעיר אנפין. מיר דארפן מחזק זיין די קביעות׳ן פון לימוד התורה ברבים און מי דארף מחזק זאיין די דרכי החסידות, איינע פון די דרכי החסידות העיקרים איז אז חסידים קלאייבן זאך צונייף און מי נעמט א ביסל משקה. וכידוע אז אפילו בדורות הקודמים זאיינען גיווען אזויינע וואס זאיינען גיווען גאר קליינע בעלי השגה און זאיינען ניט גיווען שייך צו מאריך זאיין בתפילה און דורך חסידעשע פארברייינגען זאיינען זיי נתעלה גיווארן ברום המעלות. און אזוי אויך הדור שלנו האחרון דורך לימוד החסידות ברבים ובעיון און דורך חסידעשע פארברייינגען וועלן מיר בעזה״ש אויך נתעלה ווערן. עס איז אמאל גיווען א חסיד ער איז גיווען דעם צמח צדק׳ס א חסיד מהגדולים, און האט זייער מאריך גיווען בתפילה און אז עס איז גיווען א חסידעשע פארברייינגען פלעגט ער קומען פרייער פאר אלעמען, אמאל האבן חסידים גיווסט ווי עס איז טאייער א חסידעשער פארברייינגען מי האט גיווסט אז דאס איז א ארט וואס מי ווערט גיהאלפן בגשמיות וגם ברוחניות. מי דארף משתדל זאיין זאך אז יעדער מוצש״ק זאל זאיין א מלוה מלכה ברבים, דער רבי רש״ב נ״ע האט גיזאגט אז סיפורים פון צדיקים שטעלן א חסיד אויף די פיס. און דער פרייערדיקער רבי נ״ע האט גיזאגט אז סיפורים פון צדיקים און חסידים הקודמים גיבן א חיות אין לימוד התורה וקיום המצות. לימוד התורה הניגלית והפנימית ברבים און חסידעשע פארברייינגען זאיינען מקרב די גאולה שלימה.

ב"ה.

בן חכם ישמח אב וגו'. בן חכם, גייט אויף א אידן בנים אתם וגו', ישמח אב גייט דאס אויף דעם א', הוא אבינו, דער משמעות פון דעם פסוק איז אז א איד דארף זאיין א חכם, און אז א איד איז א חכם, איז דאס א מעלה גדולה ונפלאה, אז מיט דערוף איז מען משמח דעם אב, דעם א', דארף מען פארשטייען לכאורה איז א סתירה פון א פסוק מפורש סי שטייט דאך, תמים תהי' וגו', איז דאך משמע אז מי דארף גיין בתמימות און סי ווערט ניט דערמאנט אז מי זאל זאיין א חכם, און דא זאגט ער אז מי דארף זאיין א חכם דוקא, אויך שטייט אל יתהלל חכם בחכמתו וגו' איז אויך משמע אז חכם איז ניט קין גרויסע מעלה. וביאור הענין הוא, דער אלטער רבי נ"ע אין ליקוטי תורה באווארנט די שאלה, און זאגט אז בן חכם גייט דאס אויף דעם זמן הגלות, דאס הייסט אז בזמן הבית דארף מען זאיין תמים תהי' וגו' און בזמן הגלות דארף אויך זאיין תמים תהי' וגו' נאר בזמן הגלות כדי אז מי זאל זאיין א תמים דארף מען אויך זאיין א חכם, אין אנדערע ווערטער גירעט, אנדערש קאן מען ניט זאיין א תמים בזמן הגלות סאיידן אז מי זאל זאיין אויך א חכם, פארשטייען קלערער דעם ענין, דארף מען וויסן וואס איז דער ענין פון בן חכם, און ווי אזוי ווערט מען א בן חכם, און פארוואס דוקא בזמן הגלות דארף מען זאיין א חכם. כדי אז מי זאל דאס אלעס פארשטייען, דארף מען מקדים זאיין דאס וואס אין זהר הקדוש ווערט גיבראכט א משל פון א מלך גדול וואס ער איז אויך גיווען א חכם גדול און זייער א גוטער בטבע, האט ער גיהאט דראיי זין, בשעת אז די זין האבון זאך גיפונען בהיכל המלך, איז פארשטאנדיק אז זיי האבן זאך אלע גיפירט ווי בני מלכים דארפן זאך פירן, אבער דער מלך האט גיוואלט זיי אויספרואוון ווי זיי ווען זאך פירן חוץ להיכלו, האט ער זיי פארשיקט לארץ רחוקה צווישן ווילדע מענטשן, האט דער נסיון גיוויזן, אז איינער פון די זין איז גיווען א שוטה, ער האט מחליט גיווען, אז וויבאלד אז דער פאטער האט זיי פארשיקט אזוי וואייט און נאך צו ווישן ווילדע מענטשן איז א סימן אז דער פאטער האט זיי פאיינט, און האט זאך גיפירט ווי אלע ווילדע מענטשן פירן זאך. דער אנדער זון איז גיווען א תם די ערשטע

צאייט האט ער זייער גיוויינט פארוואס ער דארף זאיין וואייט פון דעם פאטער און נאך צווישן ווילדע מענטשן, ביזל וואנען ער איז גיווארן בא זיך זייער אראפגיפאלן און עם איז גיווארן זייער שווער פירן זאך ווי א בן מלך דארף זאך פירן, האט ער ניט ווילנדיקער הייט אין אנדערע זאכן גינומען זאך פירן ווי די ווילדע מענטשן פירן זאך. דער דריטער זון איז גיוועזן א חכם, ראשית דבר האט ער גיהאט אין זינען, אז זאיין פאטער, לבד זאת וואס ער איז א מלך גדול איז ער אויך א חכם גדול און בטבע זייער א גוטער, קאן בשום אופן ניט זאיין אז דער פאטער זאל פאיינט האבון זאיינע קינדער און מצד דערוף פארשיקן זיי לארץ רחוקה צווישן ווילדע מענטשן, און ער האט זאך גיכאפט אז דער פאטער וויל זיי אויספרואוון זען ווי זיי וועלן זאך פירן בארץ רחוקה, האט ער ראשית כל גימאכט א הסכם חזק אז ער וועט בשום אופן ניט פירן זאך ווי די ווילדע מענטשן פירן זאך, און האט גינומען עוסק זאיין זאך בחכמות כדי אז ער זאל וויסן ווי א בן חכם דארף זאך פירן.

וככל המשל הזה איז דאס אויך אזוי אין נמשל, בא אידן איז פאראן דראיי מדרגות, עס איז פאראן אזוינע אידן וואס בשעת אז עס איז ליכטיק פירן זיי זאך ווי אידן דארפן זאך פירן, אבער אז עס ווערט פינסטער דערשרעקן זיי זאך גלאייך און קאנען ניט באיישטייען דעם נסיון. א צווייטע מדריגה איז, אז מי שטארקט זאך און מי פירט זאך ווי א איד דארף זאך פירן אבער מי איז בא זיך זייער אראפגיפאלן, במילא איז אלעס וואס מי טוט, טוט מען בלי חיות ובלי שמחה. די דריטע מדריגה איז אז מי איז א בן חכם, און מי גידיינקט תמיד אז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד און מי פארגעסט ניט אז אלע העלמות והסתרים זאיינען מער ניט ווי א נסיון און מי איז זאך מתגבר אויף די ניסיונות בשמחה, נאר כדי אז מי זאל תמיד זאיין א בן חכם מוז מען עוסק זאיין זאך בחכמות ווארום דער גרעסטער חכם אויב ער איז זאך ניט עוסק בחכמה ווערט ער א טיפש. חכמה איז תורה בכלל ובפרט ליקוטי תורה, אז מי איז זאך עוסק תמיד בליקוטי תורה ווערט מען א בן חכם און מי איז משמח דעם אב און ווי דער לשון אין ליקוטי תורה ואז ישמחו שניהם, דער אב איז בשמחה וואס זאיין זון איז א חכם און

דער בן איז בשמחה וואס ער האט גורם גיווען אז דער אב זאל זאיין בשמחה, און שבת בראשית איז דער זמן המוכשר אויף צו מאכן א החלטה להוסיף בלימוד התורה בכל השנה ווי דער רבי דער צ״צ נ״ע האט גיזאגט ווי מי שטעלט זאך אוועק שבת בראשית אזוי גייט דאס דעם גאנצן יאר.

ב"ה.

דער רבי נ"ע זאגט אז תורת החסידות איז א תורה שלימה, ביז דעם אריז"ל האט מען חכמת הקבלה ניט גיטארט מגלה זיין נאר ליחידי סגולה, דער אריז"ל האט גע'פסק'נט אז בדורות האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה, און דער ערשטער וואס האט מגלה גיוועז און מפרסם גיוועז תורת ודרך החסידות לכל ישראל אפילו לאנשים פשוטים איז דאס דער בעש"ט הקדוש וואס מהאי טעמא רופט זאך תורת החסידות תורת הבעש"ט, וואס לכאורה האט תורת החסידות גידארפט רופן זאך תורת הרשב"י ווייל ער איז דער ערשטער וואס האט מגלה גיוועז פנימיות התורה, נאר ווייל דער רשב"י האט מגלה גיוועז נאר ליחידי סגולה און ניט לכל ישראל און דער בעש"ט האט מגלה גיוועז לכל ישראל לכן נקראת על שמו, פנימיות התורה בכלל רופט זאך רזין דאורייתא און תורת החסידות חב"ד רופט זאך רזין דרזין, חסידות חב"ד איז די פנימיות פון פנימיות התורה, עס איז ידוע אז פנימיות הכוונה פון דעם בעש"ט האט זאך אויסגיפירט דורך דעם אלטן רבי'ן וואס ער האט מגלה גיוועז און מיסד גיוועז תורת ודרך החסידות חב"ד און דער אלטער רבי איז דער ערשטער וואס האט זאך מוסר נפש גיוועז בפועל אויף הפצת המעינות (וכידוע המעשה אז דער הייליקער דער רוז'ינער האט גיזאגט אז דער אלטער רבי איז דער איינציקער וואס האט זאך מוסר נפש גיוועז בפועל אויף הפצת המעינות). סוף מעשה במחשבה תחלה תכלית ושלימות הכוונה פון דעם אלטן רבי'ן האט זאך אויסגיפירט דורך דעם רבי רש"ב נ"ע דורך דערוף וואס ער האט מיסד גיוועז ישיבת תומכי תמימים וואס דורך די תמימים איז גיווארן הפצת המעינות בכל המקומות, תכלית ושלימות הכוונה פון דעם בעש"ט פון דעם אלטן רבי'ן פון דעם רבי רש"ב נ"ע פירן זאך אויס יעצט דורך כ"ק אדמו"ר שליט"א וואס אפילו לאחר שנתיסדה הישיבה תומכי תמימים איז דאך דער עיקר הפצת המעינות גיוועז אין רוסלאנד, און אין אנדערע לענדער און בפרט אין דעם אנדערן חצי כדור העולם איז דאך כמעט גארניט גיוועז קיין הפצת המעינות ביז וואנען עס איז גיקומען רבינו נ"ע אין ארצות הברית און האט מיסד גיוועז תומכי תמימים דאמעריקא וואס פון דענסמאלט

האט זאך אנגיהייבן הפצת המעינות בכל העולם כולו אפילו בחצי כדור התחתון; ואין המצוה נקראת אלא על שם גומרה, דורך דער עבודה ויגיעה של כ״ק אדמו״ר שליט״א איז אמעריקא גיווארן ווי אמאל רוסלאנד און ברוקלין איז ליובאוויטש, כל השביעין חביבין ואחרון אחרון חביב והכל הולך אחר החיתום, יהי רצון אז בשנת השבעים של כ״ק אדמו״ר שליט״א זאל זיין די גאולה שלימה על כל ישראל און בקרוב ממש זאל כ״ק אדמו״ר שליט״א פירן אלע אידן פון גלות קיין ארץ ישראל לקבל פני משיח צדקינו, ויהי רצון אז כ״ק אדמו״ר שליט״א זאל תמיד זיין פאלקאם גיזונט און בשמחה ובטוב לבב און אפולע נחת בגשמיות וברוחניות פון כל ישראל. בניסן נגאלו אבותינו ממצרים ובניסן עתידין להיגאל ובניסן נולד מושיען של ישראל, בימיו ובימינו תיושע יהודה וישראל.

ב"ה.

דער אלטער רבי נ"ע האט געזאגט אז דריי מאל האט בא עם פאסירט אז דער יצר טוב האט אויסגענארט דעם יצר הרע, איין מאל פון די דריי איז, א איד פון ווילנא א מתנגד זיין נאמען איז געווען מענדל האט מחליט געווען אז ער וועט פארען אוספרואווען דעם אלטען רבי'ן צי האט ער רוח הקודש, אז ער איז גיקומען אין ליאזנע איז ראשית האט ער געזאגט אז זיין נאמען איז חיים און ער וויל ווערען דעם אלטין רבינ'ס א חסיד. דער סדר איז געווען אין ליאזנע אז ס'פלעגט קומען א פנים חדשות האט מען גלייך ניט אריין געלאזאן צום רבי'ן נאר מען האט געדארפט עטליכע וואכען פארברייינגען מיט חסידים וואס דאס איז געווען די הכנה איידער מען גייט אריין צום רבי'ן, אז עס איז גיקומען די צייט אז מען האט דעם אורח מציע געווען אז מען וועט עם אריין לאזען האט ער געשריבען א פדיון ער האט געשריבען אין פדיון אז ער בעט בא דעם רבי'ן א תיקון ער האט משתין געווען אויף א ציצה און האט זיך גע'חתמ'עט חיים. אז ער איז אריין צום רבין און האט אוועקגעלייגט אויפן טיש דעם פדיון, האט זיך דער רבי אנגעשפארט אויףביידע הענט און אין א ווילע ארום האט דער אלטער רבי אויפגעהויבן די קאפ און האט געזאגט מיט דעם נגון הידוע: מער גארניט מענדעלע, דער איד איז געפאלען אין חלשות און דערנאך איז ער געווארן דעם אלטן רבינס א חסיד. איך האב אליין געהערט ווי שלמה דער געלער ע"ה דערציילט אז ער איז א מאל געפארן וועגן זיינע געשעפטן, איז ער געווען ניט ווייט פון ווילנא איז ער ספעציעל פארפארן אין ווילנא א קוק טאן אויף דעם שיטבל פון אט דעם מענדל. און כעין זה האט געטראפן ביי ר' יעקב ע"ה זשוראוויצער אז דער יצר טוב האט אויסגענארט דעם יצר הרע, יעקב איז אמאל געגיינגען אין מאסקווע אין גאס און אויף דער אנדער זייט גאס איז געשטאנען א איד א פרייער און האט געהאנדלט, די געשעפטן ביי דעם אידן זיינען געווען גוטע, אויפן הארצן איז געווען פריילאך, אז ער האט דערזען אז אויף דער אנדער זייט גאס גייט א איד מיט א בארד און פאות און אין רבנישע לבושים האט ער מיט א ליצנות א געשריי געטאן ר' איד

אפשר האט איר ציצית, מזוזות, אז יעקב האט דערהערט אז דער איד שרייט צו אים האט ער זיך גמאכט ניט וויסנדיק אז דער איד פראוועט פון אים ליצנות, און איז אריבער די גאס און האט דעם אידן געגעבן א ברייטען שלום עליכם און האט פארפירט מיט אים א לענגערן שמועס פון וואנען איז ער, און ווער איז ער, און ווער איז געווען זיין פאטער, ער האט אזוי פיל מיט אים געשמועסט ביז ער האט געפונען מיט אים א שייכות. הכלל יעקב האט שטארק נושא חן געווען אין די אויגן פון דעם לץ און ער האט גענומען דעם אדרעס און האט געזאגט אז ער וועט מארגען קומען צו אים און וועט ברייגען מזוזות. אויף מארגען אז יעקב איז געקומען צו דעם אידן און אנגעקלאפט אין טיר און מען האט געעפנט, איז איידער ער איז אריין אין שטוב האט ער ארויסגענומען א מזוזה און א האמער מיט טשוועקעלאך און האט אריינגעקלאפט די מזוזה, אז ער איז אריין אין שטוב האט ער געטראפן קליינע קינדער, גאר די קליינע קינדער האט ער גענומען אויף די הענט און האט געשפילט מיט זיי, און די עלטערע קינדער האט ער פארבראכט מיט זיי און מקרב געווען זיי, הכלל ער איז די קינדער זייער געפעלען גיווארען און זיי האבען עם געבעטען אז ער זאל קומען צו זיי אפטער, פארען אוועקגיין האט ער ארויסגענומען אן א.ב. און האט זיי געוויזען א ביסל אותיות און האט געלאזען אין שטוב א סידור און האט זיך צורעדט מיט דעם פאטער אז ער וועט שיקען פאר די קינדער א מלמד, הכלל דער סוף איז געווען אז יעקב פלעגט אפט אריין גיין אין דער שטוב און אז ער פלעגט קומען איז בא די עלטערען און בפרט בא די קינדער גיווען א גרויסע שמחה און מען האט אנגעהויבן נעמען נאר כשר׳ע פלייש, און צום סוף איז דער איד געווארען א בעל תשובה בכל הפרטים און דאס אלץ איז געווארען ווייל יעקב ע״ה איז געווען א אוהב ישראל.

אין נעועל איז אמאל גיקומען א איד פון מאסקווע אן א בארד און האט געבראכט זיינעם א אינגל און האט געדונגען פאר אים א מלמד און האט געדונגען פאר אים א חדר מיט קעסט, איז מיר געווארען אינטערעסאנט א מאסקווער איד אן א בארד זאל ברייגען א אינגל א קליינעם לערנען? בין איך צוגיגיינגען אים פרעגען האט ער מיך גלייך

געזאגט בזה"ל: איך בין ר' יעקב זשוראוויצער א בעל תשובה ער האט מיר געמאכט פאר א אידען און איך וויל אז מיין זון זאל אייך זיין א איד.

ב"ה.

דער רבי נ"ע זאגט אז א רבי איז א רופא, איז דאך מובן, אז א רבי איז א רופא, איז א חסיד איז א חולה, ומבשרי אחזה, דער גוף איז דאך א משל צו דעם נפש, איז כשם ווי די מחלות פון גוף טיילן זאך בכללות אויף צווי דרגות, חולאת אברים החיצונים הייסן מחלות שאין בהם סכנה, וחלואת אברים הפנימיים זיינען מחלות שיש בהם סכנה, איז דאס איז בכללות, אבער בפרטיות איז דאך פאראן א פולע מחלות ר"ל, עס איז פאראן אזא חולה וואס לבד זאת וואס ער מוז זאך היילן צו נעמען רפואות און אייב ניט איז ער בסכנה ר"ל זאגט עם נאך אן דער רופא זייער שטריינג אז ער מוז תמיד האבן בא זיך א דבר מאכל און אפט עסן אפילו בלכתך בדרך כדי אז די הארץ זאל ניט חלש'ן ווארום אייב אז די הארץ ווערט אגישוואכט דענסמאלט העלפט שיים ניט קיין עסן, דערפאר דארף מען עסן איידער די הארץ ווערט אגישוואכט און אייב מ'היט אפ שטריינג דעם פארזאג פון דעם רופא קאן מען לעבן מיט דער מחלה הונדערט מיט צוואנציק יאר.

והאלקים עשה את האדם ישר זיינעך דאך רוב מענטשן גיזונטע, נאר ס'טרעפט אז יחידים ווערן חולה מצד סיבות שונות, אבער אמאל טרעפט א מכת מדינה, דאס רופט זאך עפידיעמיע ר"ל, דאס הייסט אז דער אויר פון דער גאנצער מדינה איז ניט קיין גוטער און במילא שאט דאס אלעמען די וואס לעבן אין דער מדינה, וככל המשל הזה ווי דאס איז אין גוף, איז אזיי איז דאס ממש אין נפש, ווי דער אלטער רבי נ"ע שרייבט אין זיין אגרת הקודש, אז עס איז פאראן אזעלכע וואס נאכן עסק התורה והתפילה פילן זיי בא זיך אז זיי זיינען פונקט ווי קודם התורה והתפילה, און ס'האט אויף זיי גארניט גע'פועל'ט, זאגט דער אלטער רבי אז אל יפול לבו בקרבו, ווייל דער גוף איז א פינסטערער חדר איז בשעת מ'צינדט אן א ליכט ווערט ליכטיק, און אז מ'נעמט צו די ליכט ווערט צוריק פינסטער איז כדי אז תמיד זאל זיין ליכטיק דארף די ליכט תמיד ברענען דאס הייסט אז מ'דארף תמיד עוסק זיין בתורה, וואס תורה איז אור און אייב מ'איז א ווייל מפסיק ווערט גלייך פינסטער, וואס דאס איז בדומה צו חולי הגוף, וואס ער דארף תמיד האבן דער דבר מאכל און אז ניט איז ער בסכנה. אין תניא פ' לג

זאגט דער אלטער רבי: ובפרט בחוץ לארץ, שאויר ארץ העמים טמא ומלא קלפות וסטרא אחרא, איז אזיי ווי אין גשמיות בשעת אז דער אויר המדינה איז ניט קיין גוטער שאט דאס לכל בני המדינה, איז כמו"כ ברוחניות אז מ'גיפינט זאך אין א אויר וואס ער איז טמא און מלא קליפות וסט"א שאט דאס דעם נפש, דערפאר שטייט גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם אז דער אויר העולם דארף האבן א רפואה, קביעות עתים לתורה, פאסקנט דער אלטער רבי מפורש אין ליקוטי תורה שיר השירים אז דאס הייסט תשובה, ובפרט פנימיות התורה, ווי עס איז ידוע דער ווארט בא חסידים, וואס איז די נפקא מינא פון מוסר ביז חסידות, מוסר גיט עצות און הכנות כדי אז מ'זאל קענען תשובה טאן, חסידות איז תשובה אליין.

ר' אברהם'קע זשעבינער האט גיזאגט אז תשובה איז א העכערער דעת, איז אז מ'לערנט חסידות לכה"פ קצת לעיונא בעקומט מען א העכערן דעת איז מען במילא א בעל תשובה, עס שטייייט אין זוהר אז פאר משיח'ן ווען נתגלה ווערן גרייסע חכמות, און מיר זעהן דאס במוחש אז די לעצטע 150 יאר זיינען נתגלה גיווארן די חכמות ווי א שטראם וואס דורך די חכמות איז דאך דער לעבן גיווארן א פולע גרינגער איז אייב אז אין גשמיות איז נתגלה גיווארן חכמות וועלכע האבן פארגרינגערט דעם לעבן, מוז דאך זיין זעלבע אויך אין רוחניות שאל"כ יש קנאה במעשה בראשית, און בפרט אז ס'שטייט דאך את זה לעומת זה עשה האלקים. דאס אין התגלות פנימית התורה און דאס מאכט אייך גרינגער דעם חיים הרוחניים אמאל ווערן א בעל תשובה האט מען גידארפט האבן תעניות וסיגופים און פראוון גלות, היינט קאן מען אפלערנען א מאמר לעיונא ווערט מען א בעל תשובה, דער רבי נ"ע האט גיזאגט אז מיר האבן בכח באלייכטן די וועלט נאר ס'דארף זיין א יחוד הכחות, כח איז תורה; תורה עוז, און אז אלע וועלן מוסיף זיין בלימוד התורה וועט זיין א יחוד הכחות, און דאס איז וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א האט גיהייסן מוסיף זיין בלימוד התורה און מ'וועט איינעמען די וועלט, וואס איינעמען הייסט ניר נאר וואס די וועלט וועט ניט מעלים ומסתיר זיין נאר דער חושך וועט נתהפך לאור וכיתרון האור מתוך החושך, כשם ווי אין אלע חכמות איז גרייסע

התגלות איז אזוי בחכמת הרפואה, וואס יעצט איז כמעט צו יעדער מחלה פאראן א רפואה, אבער צו א מת איז ניטא קיין שום רפואה, דאס איז מרובה מידה טוב וכו' אז אין רוחניות איז דא א רפואה אפילו אם נכרתה ר"ל נפשו לגמרי, פנימיות התורה איז מחי' אפילו מתים.

ויהי רצון אז מ'זאל זאך שטארקן און ניט נתפעל ווערן פון מניעות ועיכובין און מוסיף זיין בלימוד התורה בנגלה ובנסתר באופן אז כ"ק אדמו"ר שליט זאל פון אונז האבן א פולע נחת.

ב"ה.

דער רבי נ"ע האט גיזאגט יעקב זשוראוויצער (מאסקאליק) איז א ערנסטער סאלדאט; ווען איך האב צוואנציק יענקלאך בריינג איך משיח'ן, אף יעקב זשוראוויצער קאן מען זאגען אז ער איז געווען א אוהב ישראל ער האט אלעמען ליב געהאט און אלע האבען עם ליב געהאט אז מי האט דערזען יענקלען איז געווארען גוט אופן הארצען ער איז געווען שמח מיט יענעמס א שמחה פונקט ווי א אייגינע שמחה און אפשר נאך מען ווי פון א אייגינע שמחה, אז מ'האט מיר ארויסגעשיקט פון לענינגראד אין דער שטאט גארקי, בין איך דורכגעפארען מאסקווע בין איך פארפארען צו יעקב זשוראוויצער אז עס איז גיקומען די צייט מנחה דאוונען זיינען מיר אריינגעגאנגען אין דער גרויסער שול דאוונען מנחה, אז מיר זיינען אריינגיגיינגען אין דער פארהויז פון דער שול זיינען גישטאנען א רעדל פון בעלי בתים און מי האט גישמועסט, יעקב איז דאך גיווען מיט אלעמען א מחותן איז ער אויך אריין אין רעדל פארשטייט זאך ער איז גיווארען גלייך פון די ראשי המדברים לכתחילה האט ער זיך כלומערשט אריין געמישט אין די דברים בטלים וואס מי האט גערעט און דערנאך האט ער גיזאגט אז ער וועט זאגען א מגידות וואס ער האט געהערט פון א רב א מגיד א ביסל א צודרייטער, די מגידות איז בזה"ל: אמאל טרעפט אז א קלוגער רעט נארישקייט, און אמאל זעט מען אז א נאר רעט קלוגע רייד, איז וואס איז פארט דער עיקר נפקא מינה פון א קלוגן ביז א נאר, נאר דער ענין דערפון איז אזוי בא א מענטשען אין קאפ דרייט זאך א ראד א האלבע ראד איז קלוג און א האלבע ראד איז נאריש, איז אויב אז די האלבע ראד די קלוגע אין פון פארנט; איז דער מענטש קלוג און רעט קלוגע רייד, און אויב חלילה די ראד גיט זי א דריי און די האלבע נארישע קומט פון פארנט ווערט דער מענטש נאריש און רעט נארישע רייד, איז דאס איז דער חילוק פון א קלוגן ביז א נאר, א קלוגער איז זיך משתדל אז תמיד זאל זיין בא אים די האלבע קלוגע פון פארנט, אמאל טרעפ אז ער פארגעסט זאך און איז מסיח דעת און די ראד גיט זיך א דריי און ס'קומט דער נאר פון פארנט, אבער גלייך כאפט ער זיך און פארדרייט צוריק דעם נאר

פון הינטן און דעם קלוגן פון פארנט, במילא איז ע"פ רוב איז ער קלוג נאר ווען ער איז אויף א ווײלע מסיח דעת איז ער נאריש, א נאר לאזט די ראד דרייען זאך און האלט איר ניט אפ איז במילא אמאל איז ער נאריש און אמאל איז ער קלוג, היוצא לנו מזה אז א נאר דארף וויסען אז ער האט א האלבע קלוגע ראד און אויב ער וועט וועלען קאן ער האלטען תמיד די האלבע די קלוגע פון פארנט וועט ער זיין קלוג און דער קלוגער דארף וויסן אז ער דארף ניט מסיח דעת זיין; טאמער איז ער מסיח דעת אף א ווײלע קאן זאך דער רעדל א דריי טאן און דער נאר קומט פון פארנט. אז יעקב זשוראוויצער ע"ה האט גיענדיקט די מגידות און די בעלי בתים זיינען פאנאנדער-גיגאנגען, זאגט ער צו מיר דו ווייסט ווער איז דער רב דער מגיד און א ביסל א צודרייטער, דאס בין איך, בשעת איך בין געווען א רב אין א שטעטיל האב איך די מגידות גיזאגט א דרשה אפן בימה. לכאורה קען מען דאך מיינען אז דאס סתם א מגידות ע"ד ההלצה, אבער באמת איז די מגידות מיוסד אף דעם וואס ס'שטייט אין תניא אין אגרת התשובה פ' ו', והאדם הוא בעל בחירה אם לקבל השפעתו מהיכלות הסט"א או מהיכלות הקדושה שמהם נשפעות כל מחשבות טובות וקדושות וכו' איז וויבאלד אז מי איז א בעל בחירה איז אז מי וויל קאן מען א דריי טאן דעם רעדל און מקבל זיין די השפעה פון היכלות הקדושה און אויב חלילה ניט איז מען מקבל די השפעה פון היכלות הסט"א ר"ל, און דאס איז וואס יעקב זשוראוויצער האט גיזאגט אין די מגידות אז א האלבע ראד איז א קלוגע, דאס די היכלות הקדושה און א האלבע ראד א נארישע, דאס איז די היכלות הסט"א, און ווי ער זאגט דארטען גלייך אין אגרת התשובה, כי זה לעו"ז עשה האלק' וכו', יעקב זשוראוויצער ע"ה האט גיוואלט מקרב זיין אנשים פשוטים, האט ער דעם ענין פון אגרת התשובה אנגיטאן אין א משל פון מגידות כדי אז ס'זאל נתקבל ווערען בא די אנשים הפשוטים און מיט דעראויף האט ער גימאכט בעלי תשובות און דער עיקר סיבה וואס יעקב ע"ה האט מצליח געווען ווײלע ער האט גיעהאט אהבת ישראל און ער האט אלעמען מקרב גיווען, ועיקר כוונתו איז געווען ווײלע ער איז געווען מקושר

צום רבי'ן האט ער גיטאן דעם רצון פון רבי'ן און האט מקרב גיווען אלעמען בגשמיות וברוחניות, יהי רצון אז מען זאל נעמען פון עם א מוסר.

ב"ה.

התורה היא נצחית, בכל דור ובכל זמן ובכל מקום חייב כל אחד מישראל לעסוק בכל חלקי התורה ולקיים כל המצוות, אעפ"כ זאגט דער אלטער רבי נ"ע אין די הוספות לתורה אין מגילת אסתר אז דער אופן גילוי אלקות בעולם השפל שלנו איז אין דור דומה לחבירו כלל שבדור זה מתגלה אלקות בדבר זה ובדור זה בדבר אחר, בזמן הבית איז געווען עיקר גילוי אלקות ע"י הנבואה לנביאים ובימי התנאים והאמוראים איז געווען עיקר גילוי אלקות במשנה ותלמוד, ולאחר זמן התנאים והאמוראים, בימי הגאונים, איז געווען גילוי אלקות בענין ואופן אחר, ובזמן הפוסקים הקדמונים: הרי"ף והרמב"ם ובעלי תוספות איז געווען באופן אחר ועד"ז הולך ומשתנה מדור לדור. ויש זמן ועת שעיקר גילוי אלקות הוא בתפילה ויש עת וזמן בתורה.

והכוונה בכל האונפים אחת היא אלא שהשעה צריכה שיהי' עיקר הגילוי באותו הדבר דוקא והכוונה מכולם אחת היא רק שהכלי להלביש הוא בא בשינוי כו' ובדורות הללו עיקר גילוי אלקות הוא במצות גמ"ח כו' עכ"ל.

ובדור האחרון הזה עיקר גילוי אלקות הוא ע"י המבצעים.

דער אור החיים הקדוש זאגט אז די גאולה האחרונה וועט זיין בזכות משה רבינו און דערפאר גידויערט דאס אזוי פיל צאייט וואיילע משה רבינו ווארט אז דער עסק התורה זאל זיין כדבעי וועט ער דעמאלט בריינגען די גאולה. וז"ל אור החיים הקדוש: "הובא בספר זוהר חדש כי ד' גליות של ישראל כל א' מהם נגאלו ממנו בזכות אחד, גלות הראשון נגאלו בזכות אברהם אבינו ע"ה. ב. נגאלו בזכות יצחק. ג. בזכות יעקב. והד' תלוי בזכות משה ולזה נתארך הגלות כי כל עוד שאין עוסקים בתורה ובמצוות אין משה חפץ לגאול עם בטלנים מן התורה וכו' עכ"ל.

מבצע תורה האט יעצט באקומען א גרייסן חיזוק מי לערנט דראיי פרקים רמב"ם יעדן טאג יעצט קאן שוין משה רבינו בריינגען די גאולה, נאר מי דארף גידיינקען אז מבצע תורה גייט צוזמען מיט עבודת התפילה וואיילע כל האומר אין לי אלא תורה אפילו תורה אין

לו, נאר צו תורה דארף זיין תפילה בכוונה ווי דער פסק הרמב"ם תפילה בלא כוונה אינה תפילה און ווי דער אלטער רבי זאגט אז עיקר ענין התפילה איז התבוננות.

ויהי רצון אז מי זאל מחזק זאיין ענין התפילה, וועט בזכות משה רבינו ובזכות משה בן מימון קומען די גאולה שלימה בקרוב ממש.

פ"ש חמה לכל אנ"ש

אשר ס.

ב"ה

ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא וגו', דארף מען פארשטיין דעם כפל הלשון הסתר אסתיר. איז דאך ידוע דער ביאור דערפון אז הסתר אסתיר הייסט אז דער הסתר וועט זיין מוסתר, ע"ד ווי ר' הלל פאריטשער ע"ה האט געזאגט אז מ'געוויינט זיך צו צו דעם חשך און מ'מיינט אז דער חשך איז אור, איז ידוע אז דער בעש"ט האט געזאגט אז פאר הסתר האט ער ניט מורא, פאר הסתר אסתיר האט ער מורא.

וביאור הענין עס איז ידוע אז דער אלטער רבי נ"ע האט געזאגט אז ער האט אפגעשטופט דעם חשך פון דער וועלט אויף הונדערט יאר, אויך איז ידוע אז מ'האט געזאגט דעם רבי רש"ב נ"ע אז די וועלט זאגט אז ער האט א שטוף געטאן דער וועלט אויף פופציק יאר, האט דער רבי רש"ב געזאגט ניט אויף פופציק נאר אויף הונדערט יאר. מ'דערציילט אז בימי הצ"צ נ"ע איז געווען א יאר וואס מ'האט גענומען א פולע אידן אוף סאלדאטן, האט מען געפרעגט דעם צ"צ אפשר איז דאס א סימן אז אין די יאר וועט קומען משיח, האט דער צ"צ געזאגט בזה הלשון, מיר וויסן ניט פון קיין חשך מיר ווייסן נאר אור, נאר מיר פארשטיין אז דער היפך פון אור איז חשך. אבער אין דעם אור פון משיח'ן האבן מיר נישט קיין השגה, קענען מיר ניט האבן קיין השגה וואס פאר א חשך וועט זיין איידער משיח וועט קומען.

וביאור הענין הוא, מ'האט געפרעגט דעם אלטן רבי'ן, וואס איז די פעולה וואס ער אפגעשטופט דער חשך אויף שפעטער, וועט דער חשך שפעטער זיין, האט דער אלטער רבי געענטפערט אז עפ"י תורה איז כל זמן מ'קען אפשטופען דארף מען אפשטופן, יעצט אז עס איז געבליבן נאר א קורצע צייט ביז ביאת המשיח קען מען דעם חשך מער ניט שטופן, יעצט מוז מען דעם חשך מהפך זיין לאור.

דער אויבערשטער שיקט דאך אלעמאל די רפואה צו דער מכה, די רפואה צו דעם חשך איז עבודת המבצעים, איינער פון די מבצעים העיקרי איז מבצע תורה, לבד זאת תלמוד תורה כנגד כולם איז דער גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, איז כדי אז עבודת המבצעים זאל זיין כדבעי' בכמות ובאיכות, דארף מען מחזק זיין מבצע תורה. און היות

אז דער חשך איז כפול דארף דער אור וואס איז מהפך דעם חשך אויך זיין כפול אור הנגלה ואור החסידות. וכידוע אז דער ערשטער נאמען פון דעם אלטער רבי'ן איז מרמז אוף אור הנגלה און אור החסידות, שני-אור.

אלע מבצעים בכלל, ובפרט מבצע תורה איז דאך כל המרבה הרי זה משובח, איז לבד הריבוי בכמות דארף אויך זיין באיכות, דאס הייסט דער לימוד בתורה דארף זיין בעיון. כמבואר בליקוטי תורה (במדבר ט, ב) אס עס פאראן צוויי בחי' אין עבודת ה', בית און חצר. ביידע זיינען געמאכט געווארון פון אבנים, דער חצר איז א אפענע ער האט ניט קיין דאך. און בית איז פארמאכט ער האט אויבן א דאך. פאראן אזעלכע וואס זיי זיינען זיך עוסק בתורה ותפילה בלי עיון, איז דער שכל ביי זיי פנוי, דאס איז בחי' פון חצר. איז אזוי ווי א חצר איז אפן און אז עס גייט א רעגן רינט אריין אין חצר, איז אזוי אויך די וואס זיינען אין דער בחינה פון חצר דאס הייסט אז זיי זיינען זיך עוסק בתורה ותפילה בלי עיון, און דער שכל איז ביי זיי פנוי, קענען אריין פאלן מחשבות חוץ אין זייער שכל. משא"כ די וואס זיינען זיך עוסק בתורה ותפילה בעיון, איז דאס דער בחינה פון בית. ווארום אז דער שכל איז ניט פנוי ווען שיין מחשבות חוץ ניט אריין פאלן, אזוי ווי א בית וואס איז מיט א דאך איז דער רעגן גייט ניט אריין אין דעם.

אויך זאגט דער אלטער רבי אין דער מאמר, לפיכך מי שהוא בעל שכל וכו', דארף ער זיך עוסק זיין בתורה ותפילה בעיון וועט ער אין גאנצן זיין אריין געטאן בתורה ותפילה וועט במילא דער שכל ניט זיין פנוי און דאס איז דער בחינה פון בית.

מיר זיינען דאך חסידי חב"ד, זיינען מיר דאך בעלי שכל, דארפון מיר עוסק זיין זיך בתורה ותפילה בעיון כנ"ל. דער אור החיים הקדוש שרייבט אז דער ערשטער גאולה, גאולת מצרים איז געווען בזכות אברהם אבינו, דער צווייטער גאולה איז געווען בזכות יצחק אבינו, דער דריטער גאולה איז געווען בזכות יעקב אבינו. דער לעצטער גאולה דארף זיין בזכות משה רבינו, און דערפאר איז דער גלות האחרון אזוי ליינג ווייל משה רבינו וויל אז מען זאל זיך עוסק זיין אין

תורה כדבעי׳. און בטלנים וויל ער נישט אויסלייזן עכ״ל. פון דערויף איז פארשטאנדיק ווי סאיז וויכטיג מחזק זיין מבצע תורה בנגלה והפנימיות בכמות ובאיכות.

ויהי רצון אז מי זאל זיך עוסק זיין כדבעי׳ אין אלע מבצעים און בפרט במבצע התורה ,וועט מען ניט זיין קיין בטלנים, וועט בזכות משה רבינו זיין די גאולה שלימה בקרוב ממש.

ב"ה.

והאיש משה עניו מכל האדם אשר על פני האדמה. עס איז ידוע און מבואר אין חסידות אז א עניו הייסט ניט דער וואס ווייסט ניט זיינע מעלות. דער וואס ווייסט ניט זיין מהות איז א מוטעה, א עניו איז, דער וואס ווייס אלע זיינע מעלות און מ"מ איז ער א עניו ווייל ער געפינט מעלות אין דעם זולת אפילו אין דעם וואס איז באין ערוך נידעריקער פון אים און מצד העניוות האלט ער אז יענער וואלט זיין אויף זיין ארט וואלט ער געווען העכער פון אים. משה רבינו האט געוואוסט אלע זיינע מעלות און איז געווען עניו מכל האדם אשר על פני האדמה, וואס דאס מיינט דאך די נשמות דעקב' דמשיח', וואס זיי הייסן האדם אשר על פני האדמה ווייל ביי זיי זיינען די מוחין בתכלית הקטנות ואעפ"כ זיינען זיי מקיים מצוות און לערנען תורה מיט מסירת נפש, האט משה רבינו מצד זיינע עניוות געהאלטן אז זיי זיינען העכער פון אים. וביאור הענין אין גמרא (סוטה ה' ע"א) איז פאראן צוויי דעות, איין דעה האלט אז צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית און די אנדערע דעה זאגט אז לא מינה ולא מקצתה, ווי עס איז קענטיק פסק'נט דער אלטער רבי ווי די ערשטע דעה ווייל ער איז מאריך אין דעם ביאור פון ומעטרא ליה כי סאסא לשבולתא (תורה-אור, קיט, ג) נאר דער אלטער רבי רעדט וועגן א תלמיד חכם, אבער דער רבי מהר"ש אין דעם המשך מים רבים זאגט אז יעדערער מוז האבן שמיני שבשמינית, ווי ער זאגט דעם לשון שאם לא יהי' בבח' הגבהה קצת יכול ח"ו ליפול כי יחשוב בעצמו מה תופס מקום העבודה שלי בבחי' ועשה טוב ואפשר גם בבחי' סור מרע ועי"ז נופל הוא ממדריגתו לגמרי לכן צ"ל בבחי' התנשאות והגבהה קצת שפועל ע"י עבודתו מפני ששרש הנשמה שלו היא חלק אלק' ממעל ואפי' מי שיש לו רק נפש דנפש ממל' דעשי' מלובש בו אא"ס ולכן ע"י עבודתו מתעלה מעלה מעלה, ולהיפך יורד עשר מעלות אחורנית, וזהו דכתיב ויגבה לבו בדרכי ה' שצריך להתאמץ ולהתחזק להגביה א"ע פעם בכדי שעי"ז יתוסף להיות בבחי' סו"מ ועש"ט כו' עכ"ל. תורה איז דאך לשון הוראה, פון תורת אדמו"ר מהר"ש נ"ע איז א הוראה בחיים אז מ'מוז האבן התנשאות והגבהה קצת, אבער פון דעם לשון וואס ער זאגט

שצריך להתאמץ ולהתחזק ולהגביה א״ע מעט איז משמע אז דאס איז אן עבודה און ניט גאר א גרינגע, וואס לכאורה איז להגביה את עצמו מעט א גרינגע זאך, שווער איז ביטול היש, מבטל זיין דעם אייגענעם מציאות איז ניט אזוי גרינג, אבער להגבי א״ע מעט איז לכאורה גאר א גרינגע זאך איז פארוואס זאגט ער דעם לשון להתאמץ ולהתחזק וואס עס איז משמע אז עס איז ניט גאר גרינג, וביאור הענין דער רבי נ״ע אין זיינע מאמרים זאגט אויף דעם יצה״ר דעם לשון אז ער איז א אומן במלאכתו (וואס דערפאר רופט מען אים דער קלוגינקער) ער ווארפט זיך אויף אלע פראנטן, די עיקר ארבעט זיינע איז בריינגען צו ישות ווילע ישות איז דער מקור לכל מיני רע, אבער דארטן וואו ער ווייס אז קיין ישות וועט ער ניט פועל זיין טוט ער זיך אן אין א חסיד׳שן לבוש און זאגט אז מען בעדארפט זיין בשפלות, און הגבהה טאר ניט זיין במקצת אויך ניט, לא מינה ולא מקצתה. וואס זיין כוונה איז ווי דער רבי מהר״ש זאגט ולהיפך יורד ממדריגתו עשר מעלות אחרונית. די תורה איז דאך א נצחית איז דאך די הוראה פון דעם רבי׳ן מהר״ש אויף אלע דורות וביחוד אויף דור הזה האחרון דעיקב׳ דמשיח׳ וואס עבודת המוח והלב איז בשפל המדריגה ווערט דאך לכאורה א שאלה ווי קאן זיין התנשאות והגבהה קצת, איז די תשובה אויף דעם אז משה אמת ותורתו אמת, און אז משה רבינו האט געפונען אין אונז א מעלה איז דאס אמת דארפן מיר מצד דערויף זיין בשמחה ובהתנשאות ובהגבהה קצת און מ׳האלט זיך פאר א חסיד, פירט מען זיך ווי א חסיד דארף זיך פירן מ׳לערנט נגלה און חסידות יעדן טאג און מ׳פראוועט אמאל איתכפיא וכו׳ וכו׳, אבער אז מען איז בשפלות, און הגבהה איז לא מינה ולא מקצתה ווערט מען באמת א שפל, ויהי רצון אז מען זאל מחזק זיין לימוד ליקוטי תורה ברבים, והמאור שבה יחזיר למוטב.

ב"ה.

והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה, איז דאך ידוע דער דיוק אין דעם וואס לכאורה איז די ווערטער אשר על פני האדמה א יתור לשון, ווייל עס איז דאך מובן מעצמו אז די כוונה איז אויף דעם אדם וואס על פני האדמה, און ניט אויף דעם אדם וואס על השמים, איז דאך ידוע דער ביאור פון דעם אז מכל האדם אשר על פני האדמה גייט דאס אויף דעם דור פון עקבתא דמשיחא, וואס משה רבינו האט געזען א מעלה אין דעם דור וואס פאר משיח'ן, און ער איז זייער נתפעל געווארן פון דעם דור וואס פאר משיח'ן, אז ער איז געווארן עניו מאד, ומבואר בחסידות אז די מעלה וואס משה רבינו האט געזען אין דעם דור וואס פאר משיח'ן איז, וואס פאר ביאת המשיח וועלן זיין נשמות נמוכות און זייערע מוחין וועלן זיין בתכלית הקטנות, ומ"מ וועלן זיי מקיים זיין תורה ומצות מיט מסירת נפש, וביאור הענין פארשטיין בתוספת ביאור די מעלה פון דעם דור וואס פאר משיח'ן, איז דאך ידוע דער משל אויף דערויף, א מלך גדול האט געהאט צוויי זין, איינער איז געווען א חכם גדול איז דאך מובן אז דער מלך האט געהאט פון עם גרויס נחת, ווײלע בחכמתו האט ער פארשטאנען די גדלות פון דעם פאטער דעם מלך, ובמילא איז זיין הנהגה געווען ווי א בן מלך דארף זיך פירן האט ער גורם דעם פאטער דעם מלך גרויס נחת מחכמתו ומהנהגתו, דער אנדער זון איז געווען א פשוט ניט קיין חכם. איז דאך לכאורה מובן אז פון דעם אנדער זון האט דער מלך ניט געקענט האבן קיין נחת, אבער דער אמת איז אז פון דעם אנדער זון האט דער מלך געהאט נאך מער נחת ווי פון דעם בן חכם, דער אנדער זון איז טאקע געווען ניט קיין חכם, אבער א זון איז ער דאך, און בטבע וויל דאך יעדער זון אז דער פאטער זאל האבן פון עם נחת, האט ער מחליט געווען אז ער וועט זיך פירן ווי א בן מלך דארף זיך פירן וועט ער אויך גורם זיין דעם פאטער נחת, אבער ער איז דאך ניט קיין חכם ווייס ער דאך ניט ווי א בן מלך דארף זיך פירן, האט ער נאכגעקוקט אויף דער הנהגה פון דעם בן חכם און ער האט זיך געפירט בפועל בדיוק ווי דער בן חכם האט זיך געפירט, איז דער מלך זייער נתפעל געווארן פון דער הנהגה פון דעם בן פשוט אפולע מער

ווי פון דער הנהגה פון דעם בן חכם, טבע המלכים איז נתפעל ווערן פון א חידוש וכידוע ממשל צפור המדברת וכו׳, אז דער בן חכם האט זיך געפירט ווי א בן מלך דארף זיך פירן איז דאך ניט קיין גרויסער חידוש, ווייל בחכמתו האט ער פארשטאנען גדלות המלך, במילא האט ער זיך געפירט ווי א בן מלך דארף זיך פירן, משא״כ דער בן פשוט וואס מצד זיין פארשטאנד האט ער ניט בכח משיג זיין גדלות המלך, ומ״מ איז זיין הנהגה בפועל ווי א בן מלך דארף זיך פירן, איז דאס א גרויסער חידוש און דער מלך האט געהאט דערפון גרויס נחת, וככל המשל הזה כן הוא הנמשל, פאראן אזוינע וואס זאגן אז א חסיד האט מען געקענט זיין אמאל אין די צייטן פון דעם אלטן רבי׳ן און דעם מיטעלן רבי׳ן, וואס דעמאלט איז דעווען א דור דעה זיי האבן געהאט גרויסע קעפ און ברייטע הערצער האבן זיי געקענט זיין חסידים, משא״כ בדור יתום הזה.

תורה איז מלשון הוראה פון דערוף וואס תורה זאגט והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה אז משה רבינו איז נתפעל געווארן דוקא פון דעם דור וואס פאר משיח׳ן וואס אעפ״י אז עס וועלן זיין נשמות נמוכות און זייערע מוחין וועלן זיין בתכלית הקטנות, ומ״מ האט משה רבינו געזען אין זיי א מעלה גדולה ונפלאה, וואס די מעלה האבן ניט געהאט די פריערדיקע דורות אעפ״י אז זיי זיינען געווען א דור דעה. די הוראה דארף באגייסטערן יעדערן אז מ׳קען זיין גאר אין דער קלענסטער מדרגה און דורך קיום התורה והמצות במס״נ גורם זיין נחת רוח למעלה מער ווי די פריערדיקע דורות בעלי מדריגות, קען מען דאך מיינען אז קיום התורה והמצות במס״נ איז שייך נאר אין א לאנד וואו פאר קיום התורה והמצות פארשיקט מען אין סיביר, משא״כ אין די פרייע לענדער איז לכאורה ניט שייך קיין מס״נ, אבער דער אמת איז אז מ׳איז מוסיף בלימוד התורה יותר מחפצו ורגילותו און אזוי אויך בקיום המצות ובפרט במצות הצדקה איז אין לך מס״נ גדול מזה, וכפי המבואר בתניא ובלקוטי תורה, ובפרט בעלי עסקים אז זיי זיינען קובע עתים לתורה זאגט דער אלטער רבי מפורש אין לקוטי תורה (שיר השירים) אז

קביעות עתים לתורה פון א בעל עסק איז תשובה, און ווי ער איז מבאר דער טעם דערפון.

היוצא לנו מכל זה איז, אז אפי׳ בזמן הזה און אפילו נשמות היותר נמוכות און קטני המוחין קענען זיין חסידים דורך התקשרות צו דעם רבי׳ן שליט״א און התקשרות הייסט: אז מ׳פאלגט, דער עיקר וואס כ״ק אדמו״ר שליט״א מאנט יעצט איז להוסיף בלימוד התורה, און אז מ׳איז מוסיף בלימור התורה וקיום המצות יותר מחפצו ורגילותו, איז אין לך מס״נ גדול מזה, און דאס איז דער אדם אשר על פני האדמה וואס משה רבינו האט געמיינט.

ב"ה

והאיש משה עניו מאד מכל האדם וכו' עס איז ידוע אז חסידות איז מבאר אז מכל האדם אשר על פני האדמה גייט דאס אויף די דורות פון עיקבא דמשיחה, משה רבינו האט גיזען אז בסוף הגלות האחרון בשעת אז דער חושך וועט זאיין כפול ומכופף און די נשמות וועלן זאיין נמוכות און אעפי"כ וועלן זיי זאך עוסק זאיין בתורה און מקיים זאיין מצוות במסירת נפש איז משה רבינו דערפון זייער נתפעל גיווארן און פון דערוף איז ער גיוועזן בעניוות גדולה. וביאר הענין בשנת תרפ"ו אין ליענינגראד בין יום כיפור לסוכות האט דער רבי נ"ע גיבעטן אז חסידים זאל זאך צונייפקלייבן און מי זאל ריידן אין ענינים פון חסידות האט מען זאך צונייפגיקליבן אין דער שטוב פון החסיד ר' בנימין ע"ה אלטהוייז ער האט גילעבט אין דעם זעלבן הויף ווי דער רבי נ"ע האט גילעבט עס האט זאך צונייפגיקליבן אגרייסער עולם מי האט פארבראכט ביז נאך האלבע נאכט אז דער עולם איז זאך פאנאנדער גיגאיינגען איז גיבליבן זיצן באיין טיש ר' יצחק מתמיד ע"ה און מיכאל דווארקין ע"ה זיי האבןביידע גינומען משקה, האט ר' מיכאל דווארקין דערצייל א משל וואס ער האט גיהערט אין ליובאוויטש, עס איז אמאל גיוועזן אמלך וואס ער האט גיהאט א תענוג גיין אין וואלד כאפן חיות איז ער אמאל גיוועזן אין וואלד א פולע צאייט ביז וואנען ער האט זאך גיכאפט אז עס איז שוין גיווארן נאכט, האט ער גינומען ארוייס גיין פון וואלד אז ער איז ארויסגיגאנגען פון וואלד איז גיוועזן זייער פינסטער און עס איז גיגאנגען א רעגן עס איז גיווארן זייער קאלט און ער איז גיוועזן זייער הונגעריק, און צו זאיין פאלאץ היכל המלך איז גיוועזן א מרחק רב האט ער גינומען זוכן א שטוב כדי אראיין גיין אנווארימען זאך, האט ער דערזען א קליין שטיבל איז ער אראיין אין דער שטיבל וואס דארטן האט גילעבט אן ארומער פויער, אז ער האט דער זען דעם מלך איז ער גיווארן זייער צוטראגן ער האט ניט גיהאט מיט וואס צו מכבד זאיין דעם מלך, זאגט צו אים דער מלך אז ער איז זייער הונגעריק זאגט דער פויער אז ער האט נאר א טרוקענעם, שווארצן שטיקל ברייט, זאגט דער מלך אז ער זאל אים געבן דעם שטיקל ברייט, דער

מלך איז גיוון אזוי שטארק הונגעריק אז ער האט גיגעסן דעם שווארצן שטיקל ברייט מיט דעם גרעסטן אפעטיט און איז גיווארן זאט, און האט גיזאגט צו דעם פויער אז עס איז קאלט, האט דער פויער גיזאגט בעטגיוואנט האט ער ניט נאר ער האט פארשפרייט שטריי אויף דעם פלאר און האט איינגידעקט דעם מלך מיט אלטע בגדים, דער מלך האט זאך דערווארימט און איז גישלאפן זייער גוט, אז עס איז גיווארן טאג איז דער מלך אויפגישטאנען און איז אוועק אין זאיין היכל המלך שפעטער האט דער מלך גירופן דעם פויער און האט גיזאגט אז דערפאר וואס ער האט עם גיגעבן עסן און טרינקען און עם דערווארימט גיט ער עם במתנה א גרייסן שיינעם פאלאץ און א גרייסן סכום געלט און ער וועט זיצן מיט די שרים היושבים ראשונה במלכות, איז בא די שרים גיווארן א גרוייסע וואונדער; האבן זיי גיפרעגט דעם מלך, פארוואס אז דער מלך קומט צו זיי צוגאסט נעמען זיי עם צו אין די בעסטע פאלאצן און מי איז עם מכבד מיט בעסטע מאכלים און משקאות און ער ווערט ניט אזוי נתפעל, און דער פויער האט עם גיגעבן א שווארצן שטיקל ברייט מיט אביסל קאלטע וואסער האט אים דער מלך אזוי דערהייבן, האט דער מלך גיזאגט צו די שרים אז בשעת ער איז אראיין צו דעם פויער אין דער קליין שטיבל איז ער גיוועןאזוי הונגעריק אז ער האט גיגעסן דעם שווארצן שטיקל ברייט מיט אזא גרויסן תענוג אז זינט ער איז א מלך האט ער ניט גיהאט אזא תענוג פון די בעסטע מאכלים און פון די בעסטע משקאות און ער איז קיין מאל ניט גישלאפן א זיסן שלאף ווי ער איז גישלאפן בא דעם פויער אין דער קליין שטיבל, דערפאר איז דער פשוטער פויער בא אים גיווארן אזוי חשוב, ר' יצחק מתמיד ע"ה און ר' מיכאל דווארקין ע"ה האבן פארבראכט די גאנצע נאכט און ר' יצחק מתמיד האט גיחזרט די ווערטער פון דעם משל, אז עס איז פינסטער און עס איז קאלט און מי איז הונגעריק ווי טאיער איז דעמאלט דער טרוקענער שטיקל ברייט, דער משל איז א הוראה פאר דעם דור הזה האחרון וואס דער חושך איז כפול ומכופל און נתקטנו המוחות והלבבות און אעפ"כ איז מען זאך מתבונן לכה"פ קצת קודם התפילה און בשעת התפילה איז מען זאך מתבונן בפירוש המלות פון די תיבות התפילה ווי דער אלטער רבי

זאגט אין לקוטי תורה אז דער עיקר ענין התפילה איז התבוננות, איז די עבודת התפילה של הדור הזה חשוב למעלה מער ווי די עבודת התפילה פון די דורות הקודמים בגדלות המוחין, וכמבואר בהמשל אז דער טרוקענער שטיקל ברייט איז בא דעם מלך גיוועןטאיערער פון די בעסטע מאכלים וואס ער האט גיהאט פון די שרים הגבוהים, ויהי רצון אז מי זאל תמיד גידיינקען דאס וואס דער אלטער רבי זאגט אז עיקר ענין התפילה איז התבוננות און דער עיקר פון א חסיד חבד איז עבודת התפילה, גדול תלמוד שמביא לידי מעשה מי מוז לערנען ליקוטי תורה לכה"פ קצת בעיון וועט ממילא זאיין די תפילה כדבעי המאור שבה מחזירו למוטב.

ב"ה.

והנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה וגו'. איז ידוע אז סולם איז דער ענין התפילה כמ"ש בזוהר סולם דא צלותא, און סתם סולם איז פון ד' שליבות, איז אזוי אויך אין תפילה ד' מדריגות: ביז ברוך שאמר, עולם העשי'; פסוקי דזמרא, עולם היצירה; ברכות ק"ש און ק"ש, עולם הבריאה; שמונה עשרה, עולם האצילות. איז ידוע דאס וואס מ'פרעגט, פארוואס האט מען קובע געווען ברכת סלח לנו דוקא אין שמונה עשרה, לכאורה האט מען געדארפט די בקשה סלח לנו קובע זיין קודם התפילה און שטעלן זאך דאוונען לאחרי הסליחה, און אפילו אויב אז די ברכה סלח לנו דארף זיין דוקא בתוך התפילה, האט מען דאך געקענט קובע זיין די ברכה פאר שמונה עשרה, כדי אז שמונה עשרה (כעומד לפני המלך) זאל מען זאגן לאחר הסליחה, ומבשרי אחזה, אז מען דארף אריין גיין צו א מלך בו"ד, איז איידער מ'גייט אריין אין היכל המלך רייניקט מען זאך כדי אז מ'וועט אריין אין היכל המלך צו דעם מלך זאל מען זיין ריין, ווילע אריין גיין צו דעם מלך א מלוכלך איז העדר כבוד המלך; עאכו"כ אז מ'דארף אריין גיין לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, דאס הייסט שמונה עשרה (עולם האצילות - כעומד לפני המלך) האט דאך געוויס געדארפט פרייער זיין בקשת הסליחה און לאחר הסליחה א ריינער אריין גיין צו דעם מלך (זאגן שמונה עשרה), אויך דארף מען פארשטייען פארוואס האט מען קובע געווען די ברכות רפאנו און ברך עלינו אין שמונה עשרה, לכאורה האט מען געדארפט די בקשות אויף גשמיות קובע זיין פאר שמונה עשרה און אין שמונה עשרה (עולם האצילות) קובע זיין בקשות אויף רוחניות.

והענין הוא, עס איז מבואר אין חסידות אז די בקשה סלח לנו דארף זיין דוקא אין שמונה עשרה און ניט קודם התפילה ווילע קודם התפילה איז כל דרך איש ישר וכו' פילט מען ניט אז עס פעלט קאן מען ניט זאגן סלח לנו כי חטאנו מיט אן אמת, משא"כ לאחר עבודת התפילה און מען הויבט אן זאגן שמונה עשרה דעמולט דערפילט מען אז מ'איז רחוק מאלקות, איז דעמולט די בקשה סלח לנו כי חטאנו מיט אן אמת, אויך איז מבואר אין חסידות אז די ברכות אמצעיות פון

שמונה עשרה זיינען כפולות, דאס הייסט אז מ׳בעט אויף גשמיות און מ׳האט אין זינען אויך רוחניות, רפאנו איז בקשת רפואה א רפואה צו דעם גוף און א רפואה צו דעם נפש, ברך עלינו בקשת פרנסה פאר דעם גוף און פרנסה פאר דעם נפש, אבער עס איז נאך אלץ ניט פארשטאנדיק צוליב וואס האט מען געדארפט צוניפמישן די בקשות אויף גשמיות און אויף רוחניות צוזאמען און ביידע קובע זיין אין שמונה עשרה, לכאורה האט מען געדארפט די בקשות אויף גשמיות קובע זיין פאר שמונה עשרה און אין שמונה עשרה (עולם האצילות) קובע זיין נאר די בקשות רוחניות.

וביאור הענין הוא, עס דארף דאך זיין בכל דרכיך דעהו, כידוע דער ווארט פון דעם אלט׳ן רבי׳ן, דער אויבערשטער גיט אידן גשמיות און אידן מאכן פון גשמיות רוחניות, דאס הייסט אז בא אידן איז גשמיות אויך רוחניות. והענין הוא, האבות הן הן המרכבה און יעקב אבינו בחיר שבאבות ובפרט בשעת ער איז געשטאנען אויף דעם ארט וואס ער האט געזאגט אין זה כי אם בית אלקים וזה שער השמים, האט ער דעמולט געבעטן ונתן לי לחם לאכול וגו׳ (ואין מקרא יוצא מידי פשוטו לחם כפשוטו), איז דאך פארשטאנדיק אז יעקב׳ס גשמיות איז רוחניות. ומעשה אבות סימן לבנים, האט יעקב אבינו געגעבן א כח צו יעדער אידן אז ער זאל בעטן גשמיות כדי צו מאכן פון די גשמיות רוחניות. לפי זה איז מובן פארוואס מ׳האט קובע געווען די בקשות גשמיות דוקא אין שמונה עשרה און ניט קודם התפילה, ווייל כשם ווי קודם התפילה טאר מען ניט עסן ווייל די אכילה וועט מגשם זיין ווייל דעמולט איז מען נאך בבחי׳ ארצה איז אזוי אויך קודם התפילה טאר מען ניט אויך בעטן עסן ווייל די כוונה וועט זיין ניט כדבעי, משא״כ אז מ׳קומט צו השמימה (שמונה עשרה) דעמולט בעט מען גשמיות כדי מאכן פון זיי רוחניות.

וביאור הענין הוא, עס איז ידוע אז דער ענין התפילה איז העלאה ממטה למעלה און בדרך מלחמה כמאמר שעת צלותא שעת קרבא, און עס איז דאך פארשטאנדיק אז דער וואס גייט אויף מלחמה דארף זיין א בעל כח והראי׳ אז א חלוש נעמט מען ניט אויף מלחמה, אויך, גיין ארוף א בארג דארף מען אויך זיין א בעל כח, ובפרט אז עס איז ביידע

זאכן צו-זאמען אז מ'דארף גיין ארוף דעם בארג און בדרך מלחמה איז דאך פארשטאנדיק אז מ'דארף זיין א בעל כח ביותר, וואס דערפאר זאגט דער אלטער רבי אין ליקוטי תורה אז קודם התפילה דארף זיין ג' ענינים: טבילה, צדקה און לימוד פנימיות התורה.

אז מ'איז זאך נוהג יעדער וואך לערנען בעיון פרשת השבוע פון תורה אור וליקוטי תורה ווערט מען א בעל כח אז אפילו קודם התפילה איז מען בבחי' ארצה (בשפל המדריגה) איז מען דורך דעם סולם התפילה מגיע השמימה.

מבצע התורה וליקוטי תורה איז דער מבצע הכללי וואס גיט כח וחיות אין די מבצעים: תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים, טהרת המשפחה, כשרות ונש"ק.

ב"ה.

וזה לעומת זה מי הוא יהודי לעומת מי הוא חסיד.

רבינו נ"ע זאגט אז מי וויל מתקן זאיין א דבר לא טוב דארף מען קודם כל מתקן זאיין די סיבה פון דעם דבר לא טוב וועט ממילא ווערן מתוקן דער מסובב, אבער אז מי איז מתקן נאר דעם מסובב און די סיבה בלאייבט ניט מתוקן וועט דער תיקון ניט האבן קיין קיום.

וביאור הענין: מי דארף פארשטייען פון וואנען האט זאך גינומען די מישוגעת מי הוא יהודי, בדורות הקודמים זאיינען גיוועןן די משכילים זיי זאיינען גיוועןן רשעים גמורים, אעפ"כ איז זיי קיין מאל ניט ארוף אפן זינען פרעגן א שאלה מי הוא יהודי וואיילע אפילו דער גרעסטער רשע האט אויך גיוואוסט אז א איד דער וואס איז גיבארן גיווארן פון אידעשער מוטער און דער וואס זאיין מוטער איז ניט קיין אידעשע איז ער א גוי,

איז פון וואנען האט זאך גינומען די מישוגענע שאלה מי הוא יהודי, איז דער ביאור דערפון מפורש אין תורה שבכתב בפשוטו של מקרא, והי' כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וגו' זאגן רז"ל (ר"ה כ"ט) וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה אלא לומר לך כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים ואם לאו וכו' וואס פון די דברי רז"ל איז פארשטאנדיק פון וואנען האט זאך גינומען די גזירה פון מי הוא יהודי.

בדורות הקודמים האבן חסידים זאך עוסק גיוועןן בעבודת התפילה היו מסתכלים כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים והיו מתגברים אז עבודת התפילה איז גיוועןן כדבעי' איז וגבר ישראל אבער בדורות האחרונים אז עבודת התפילה איז ניט כדבעי' איז וגבר עמלק.

און פון התגברות עמלק נעמען זאך אלע גזירות רעות.

וכנ"ל אז מי דארף מתקן זאיין די סיבה וועט ממילא ווערן מתוקן דער מסובב און דער עיקר סיבה פון וגבר עמלק איז דאך העדר עבודת התפילה כמפורש במקרא דארף מען מחזק זאיין עבודת התפילה, הן אמת אז מי קאן ניט גלאייכן זאך צו די דורות הקודמים וואיילע

נתקטנו המוחות והלבבות, אבער דאוונען ווי דער רבי רש"ב נ"ע שראייבט אין קונטרס התפילה ווי צעירים דארפן דאוונען דאס איז דבר השוה לכל נפש און צו דער עבודה דארף מען ניט האבן דוקא גדלות המוחין נאר קטני המוחין קאנען אויך אזוי דאוונען וכמבואר באריכות בקונטרס התפילה ויהי' רצון אז אנ"ש זאל מחזק זאיין עבודת התפילה וועלן אי"ה בטל ווערן אלע גזירות רעות און בקרוב ממש וועט קומען די גאולה השלימה.

פ"ש לכל אנ"ש

אשר ס.

ב"ה.

וזה לעומת זה מי הוא יהודי לעומת מי הוא חסיד. וביאור הענין הוא כנגד ארבעה בנים דברה תורה אחד חכם ואחד רשע וגו', עס איז ידוע די שאלה פארוואס האט מען אוקגיזעצט דעם בן רשע לעבן דעם חכם, לכאורה האט מען געדארפט דעם בן רשע אוועקזעצן דעם לעצטן. איז ידוע דער תירוץ אז דעפאר האט מען אוועקגיזעצט דעם בן רשע לעבן דעם בן חכם כדי אז דער בן חכם זאל זעך פארנעמען מיט דעם בן רשע און געבן אים צו פארשטייען אז ער איז א טיפש. אין יעדער דור זאיינען דאך פאראן די ארבעה בנים, עס איז דורך גיגאנגען אזויפיל דורות און דעם בן רשע איז ניט ארויף אויפן זינען אזא טיפשות פרעגן מיהו יהודי, דער גרעסטער רשע האט גיוואוסט אז א יהודי איז דער וואס איז גיבארן גיווארן פון א אידיעשער מוטער אויך האט קיינמאל ניט גיטראפן אז דער בן רשע זאל כאפן א אידן און אפשערען אים די בארד, ווען עס וואלט אויפגישטאנען א בן רשע פון די דורות הקודמים און וואלט זען וואס טוען די רשעים בדור הזה, וואלט אפי' ער זאגען אז זיי זאיינען טיפשים גדולים שאין כמוהם, איז פון וואנען האט זאך גינומען אזא טיפשות און אזא העזה בא דעם בן רשע פרעגן אזא נארעשע שאלה און טאן אזא רישעות ווי אפשערן בא א אידן די בארד, איז דאס דערפאר וואיילע דער בן חכם פרעגט ניט דאס וואס א בן חכם דארף פרעגן ווערט דאס נשתלשל אז דער בן רשע פרעגט דאס וואס אפילו א רשע דארף דאס ניט פרעגן.

וביאור הענין, דער רבי נ"ע האט דערציילט אז הגאון ר' יוסף דובער סלאווייטשיק ז"ל האט אמאל גיזאגט א שיעור גמרא פאר צוויי אידן למדנים איז אין מיטן שיעור אנגיקומען א איד א עסקן ציבורי וואס ער האט געדארפט גיין צוזאמען מיט ר' יוסף דובער וועגן פדיון שבוים האט ר' יוסף דובער גיהייסן אים ווארטן ביז ער וועט ענדיקן דעם שיעור, אז ער האט גיענדיקט און זיי זאיינען ביידע גיגאנגען וועגן דעם ענין האט דער איד געזאגט אז אים וואונדערט פארוואס האט מען ניט מפסיק גיוועזן אין מיטן דעם שיעור, דער ענין וואס זיי האבן גידארפט גיין איז גיוועזן זייער א וויכטיקער האט מען גידארפט גלאייך מפסיק זאיין, און די אידן פון דעם שיעור וואלטן דערוואייל

אליין גילערנט, האט אים ר' יוסף דובער ז"ל מסביר געווען פארוואס ער האט ניט מפסיק געווען בזה"ל, אז ער זאגט דעם שיעור פאר די גרויסע למדנים, און איז פאראן וואס מי זאגט א שיעור פאר בעלי בתים ניט קיין למדנים, און פאראן אזוינע וואס גייען אין שול נאר שבת און פאראן אזוינע וואס קומען נאר ימים טובים ביז וואנען אז עס איז פאראן דער אפטייקער וואס ער קומט אין שול איין מאל אין יאר יום כיפור, וואס אזוי פירט זאך אין כלל ישראל א סדר השתלשלות איז אויס אז עס זאל ווערן עפעס א חלישות בא די גדולי ישראל קאן דאס פועל זאיין א חלישות אין דער גאנצער השתלשלות ביז אז דער אפטייקער זאל יום כיפור אויך ניט קומען און ער קאן ח"ו שמד'ן זאך, איז וויבאלד אז די מעשה האט דערציילט דער רבי נ"ע דארף מען פון דער מעשה ארויס נעמען א הוראה, וואס די הוראה איז אז דער בן חכם דער חסיד חב"ד דארף זאך אריינטראכטן מי הוא חסיד, וועט במילא ווערן די שאלה במה אנו חסידים, וואס לכאורה איז אויף דער שאלה מיהו חסיד חב"ד דער ענטפער פשוט דער וואס דאוונט אזוי ווי עס איז מבואר אין קונטרס התפלה פון דעם רבי רש"ב נ"ע אט דער איז א חסיד, אבער דער בן חכם טענה'ט אז נתמעטו הלבבות בדור הזה און יעצט איז מען צעירים, איז אפי' נניח הדבר אז די טענה איז א אמת'ע איז דאך פאר צעירים גיט דער רבי רש"ב אויך א סדר ווי זיי דארפן דאוונען וז"ל הצעירים אשר עוד לא למדו דא"ח כל צרכן וכו' צריכים תחלה ללמוד דא"ח עם חבריהם היודעים יותר מהם ויהיו מוכנעים אל הגדולים לקבל מהם ויבחרו בענינים ללמוד אותם בעיון לייגע א"ע לדעת את ה' להבין היטב את הדברים לאשורם ועל בוריים וזאת תהי' עבודתם בתפלה לאחר הכנה כללית שנת' לעיל בסעיף א להסיר הטרדות כו' יתפללו בקביעות מקום מתוך הסידור במתינות גדולה ולכוין פי' המלות ויהי' התפלה בקול קצת ובדבור מבורר שיצאו התיבות היטב ויהיו התיבות חיים ומאירים להם מהרגש פי' התיבות וכו' וכו'. אמנם זהו דבר השוה לכל נפש מישראל שכאו"א צריך לקבל עליו עומ"ש שלימה לידע בנפשו שיש לו אדון הוא ה' אלקינו שמייחד מלכותו ית' על כאו"א בפרט וגם הוא צריך לקבל עול מלכותו ית' עליו ולהיות עבד נאמן אליו ית' (ולא עבד לזרים ח"ו הם

הקלי' והסט"א שמצד הנה"ב אפי' שעה אחת) ולעשות רצונו ית' בקיום התומ"צ בסו"מ וע"ט בפו"מ ובכל הענינים ודקדוקי סופרים הן בהנוגע לסו"מ והן בהנוגע לוע"ט ויעיין האדם על עצמו תמיד בכל מדה ומדה שלו ובכל ענינים הגשמיים שלו שיהיו בישוב הדעת האלקי ע"פ התו' ולא יסיח דעתו אף רגע א' לעשות דבר בלי דעת כ"א יעיין ויפקח ויביט על כל פרט ופרט שלו וכל איזה דבר רע שעשה מצד איזה מדה רעה יהי' נחקק ונרגש בנפשו ויעמוד נגד עיניו היינו שידע בעיניו המעשה אשר עשה ולא ישוב עוד לעשותה ח"ו ויתאמץ לתקן מקור הדבר הוא המדה רעה החומרית והבא לטהר מסייעין לו מלמע' בסיוע רב שיש בה ממש ויפתח לו השי"ת פתח יתירה להאיר מוחו ולבו בתורתו ועבודתו ית', עכ"ל. ויה"ר אז חסידי חב"ד וואס זיי זאיינען ראש ומוח לגבי נשמות ההמון וע"ה, זאלן דאוונען און זייער הנהגה זאל זאיין לכה"פ ווי צעירים כמבואר בקונטרס התפלה וועט דאס פועל זאיין א התעוררות אין דעם גאנצן כלל ישראל ובזכות זה וועט קומען די גאולה שלימה בקרוב ממש.

ב"ה.

ויאמינו בה' ובמשה עבדו וגו'. דארף מען פארשטייען פארוואס איז ער כוללביידע אמונות צוזאמען, די אמונה בה' און די אמונה במשה עבדו בחדא מחתא, הן אמת אז אמונת חכמים איז א חובה ובפרט משה רבינו וואס ער איז גואל ראשון וגואל אחרון, ומשה קיבל תורה וכו', ושכינה מדברת מתוך גרונו של משה, והתורה נקראת על שמו תורת משה, ועבד נאמן קראת לו וכו' וכו', דאך איז משה רבינו געווען א בשר ודם ווי רש"י שרייבט מפורש אז משה האט געזאגט אני בשר ודם, האט מען לכאורה ניט גידארפט כולל זיין ביידע אמונות צוזאמען ויאמינו בה' וגם במשה עבדו. און פון דערוף וואס ער זאגט ובמשה עבדו איז משמע אז ביידע אמונות גייען נאר צוזאמען.

איז כדי אז מ'זאל דאס גוט פארשטייען דארף מען מקדים זיין האט דאס וואס הרב הצדיק הגאון ר' לוי יצחק נ"ע זי"ע שרייב אין זיין ספר קדושת לוי אויף דעם פ' וידבר ה' וגו' בקרבתם לפני ה' וימותו וגו', פרעגט ער פון פשטות הכתוב איז דאך משמע אז די סיבה פון דעם וימותו איז געווען, דאס וואס בקרבתם לפני ה', איז דאך ניט מובן, ס'שטייט דאך ואתם הדבקים בה' וגו' חיים כולכם וגו', איז דאך משמע, אז מ'ווערט נתקרב לה' איז חיים לעבט מען, און דא איז משמע אז ווייל בקרבתם וגו' איז געווארן היפך החיים, און ער איז דאס מבאר בזה"ל: נדב ואביהוא זיינען געווען גרויסע צדיקים עובדי ה', איז זיי אריין א גידיינק אז בעסער איז דינען דעם אויבערשטן אליין אן קיין שום ממוצע אפילו ניט משה רבינו, ער איז טאקע א איש אלקי', אבער דאך איז ער א נברא.

תורה איז דאך לשון הוראה, זאגט תורה אז זיי זיינען געווען ניט גירעכט, זיי זיינען טאקע געווען גרויסע צדיקין און עס איז פאראן א סברא אז זיי זיינען געווען גרעסער אפילו פון משה ואהרן ווי רש"י זאגט מפורש אז משה האט געזאגט צו אהרן'ן אז זיי זיינען גרעסער פון אונז וכו', מכל מקום האט זייער עבודה גידארפט זיין נאר עפ"י הוראת משה, ווייל משה איז געווען דער נשיא הדור און אלע השפעות והמשכות דארפן גיין נאר דורך עם און אויב חלילה ניט איז היפך

החיים, און דער בארדיטשעווער איז ממשיך: און אז ניט דוקא בדורו של משה איז אזוי נאר בכל דור ודור איז אלע המשכות והשפעות מוזן זיין דוקא ע״י נשיא הדור ההוא, און דער וואס איז נגד הוראת הנשיא איז ער חייב ר״ל היפך החיים, עכ״ל.

איז דערפאר שטייט ויאמינו בה' ובמשה עבדו וויילעביידע אמונות גייען דוקא נאר צוזאמען, ווען איז שלימות האמונה בה' אז עס איז שלימות האמונה במשה נשיא הדור, וכשם אז דאס וואס די תורה רופט זאך תורת משה איז דאס דערפאר וויילע מסר נפשו עליה, כמו״כ פנימיות התורה רופט זאך תורת הבעש״ט וויילע התגלותו איז גיוועו דורך מס״נ, און אזוי אויך תורת חב״ד רופט זאך תורת אדמו״ר הזקן וויילע עס איז גיוועו על ידי מס״נ, וכידוע די גרויסע צרות וואס דער אלטער רבי נ״ע האט איבערגילעבט ביז דעם מאסר, ובפרט דער מאסר.

היוצא לנו מכל זה איז: אז כדי אז די אמונה בה' זאל זיין בשלימות דארף זיין בשלימות די אמונה במשה עבדו, וואס דאס איז דער נשיא שבכל דור ודור, און דער נשיא הנשיאים דער אלער רבי נ״ע, און כדי אז מ'זאל זיין מקושר לה' דארף מען זיין מקשור צו דעם נשיא, און צו דעם נשיא ווערט מען מקושר ע״י לימוד תורתו, ס'דארף זיין נעוץ תחילתן בסופן, תניא און ליקוטי תורה איז תחילתן און די שיחות קודש פון כ״ק אדמו״ר שליט״א איז בסופן, וואס זיי זיינען די הוראות בדור הזה בפרט.

ויהי רצון ביום ההילולא דאדמו״ר הזקן כ״ד טבת, אז מיר זאלן זוכה זיין ללמוד תורתו הנגלה ותורתו החסידות, און ס'זאל זיין והאר עינינו אז דער לימוד זאל זיין ע״מ לעשות, וזי״ע בגשמיות וברוחניות.

ב״ה, ומבשרי אחזה וגו׳ איז א כלל גדול בתורת החסידות.

מבשרי פון דעם סדר חיי הגוף קאן מען וויסן סדר חיי הנשמה, כשם אז כדי דער גוף זאל האבן א קיום און זאיין געזונט מוז ער האבן אכילה ושתי׳, דער עיקר פון אלע מאכלים איז דער לחם וואיילע נאר לחם איז סועד הלב וכמ״ש ולחם לבב אנוש יסעד וגו׳, אבער עס איז פאראן א תנאי אז דער לחם דארף זיין אפוי כל צרכו, ווארום לחם איז ניט אפוי כל צרכו וועט ער ניט נאר ניט געבן קיין תועלת דעם גוף נאר ער וועט נאך מזיק זיין דעם גוף, איז כדי אז דער גוף זאל מקבל זיין חיות פון דעם לחם ווי עס דארף צו זיין, מוז זיין דער לחם אפוי כל צרכו, נאך א תנאי איז פאראן אין דעם לחם און אזוי אויך אין אלע מאכלים אז אלעס וואס מי עסט דארף מען גוט צוקייען, ווייל אויב מי זאל עסן, אפילו נאר די בעסטע מאכלים און שלינגען זיי ניט צוקייען, וועט דאס ברייגען צו גרויסע חלאת׳ן, איז כדי אז מי זאל זיין פאלקאם געזונט, דארף מען אלעס וואס מי עסט גוט צוקייען, וכשם ווי אכילה איז מוכרח פאר דעם גוף איז אזוי אויף מוכרח פאר דעם גוף שתי׳, וכמאמר אכל ולא שתה אכילתו דם, און הגם אז מיט לחם און מים קאן דער גוף האבן א קיום (בדוחק), אבער לא על הלחם לבדו יחי׳ האדם און כדי אז דער גוף זאל זיין פאלקאם גיזונט איז פאראן אפולע מיני מזון וואס דער גוף מוז זיי האבן וכדומה חלב, בשר, דבש, יין, שמן, וכו׳ וכו׳, אויך מוז דער גוף האבן לבושים און א בית, און צו די אלע ענינים איז זייער נויטיק פאר דעם גוף אז ער זאל זאך געפינען אין א אויר טוב, ווייל א אויר לא טוב איז מזיק דעם גוף.

וככל המשל הזה אזוי ווי דאס איז בחיי׳ הגוף, אז כדי דער גוף זאל זיין פאלקאם גיזונט מוז ער האבן די אלע ענינים הנ״ל, איז אזוי דאס אויך ממש בחיי׳ הנשמה, אז כדי די נשמה זאל זיין גיזונט, און פילן זאך גוט, מוז זי אויך האבן די אלע ענינים, לחם, מים, חלב, בשר, דבש, יין, שמן, וכו׳ לבושים און בית, און אויר טוב. לחם איז תורה און דער לחם התורה דארף זיין אפוי כל צרכו, וכמבואר בליקוטי תורה באריכות וואס דאס הייסט, שתי׳ איז תפילה, כמבואר בליקוטי תורה, חלב בשר און דבש איז אויך מבואר אין חסידות וואס דאס איז,

יין איז רזין דאורייתא און שמן איז רזין דרזין, לבושים זיינען מצות, און בית איז מבואר אין ליקוטי תורה וואס דאס איז, אויר טוב שטייט אין היום יום אז מי גייט אין גאס און מי טראכט אדער מי זאגט דברי תורה שאפט מען א אויר טוב.

נאך א ענין זעט מען בחיי הגוף, אז עס טרעפט אז אעפ"י אז מי עסט נאר די בעסטע מאכלים, נאר מי האט פארפעלט עסן איינע פון די מיני מאכלים ווערט מען דערפון ניט גיזונט מיט דער מחלה וואס רופט זאך וויטמינאז, דאס הייסט אז אין יענעם מאכל איז פאראן א וויטאמין וואס דער גוף דארף עם האבן, און אז מי עסט ניט יענעם מאכל פעלט דאס דעם גוף, און ער ווערט דערפון ניט גיזונט, און אזוי איז דאס ממש בחיי הנשמה, אז עס טרעפט אז מי לערנט אפולע ענינים אין תורה און איין ענין פארפעלט מען און דער ענין פעלט דער נשמה, און פון דערוף פילט זי זיך ניט גוט, וכמבואר בהקדמת התניא, וואס דערפאר איז בהכרח לערנען ליקוטי תורה, דער רבי שליט"א האט גיזאגט אז אין ליקוטי תורה איז אלעס פאראן, איז אז מי לערענט ליקוטי תורה, פעלט קיין זאך ניט, וכשם ווי במזן הגוף איז אז אלע מאכלים וואס מי עסט דארף מען צוקייען און דענסטמאלט גיבן זיי צו תועלת ווי ס'דארף צו זיין, איז אזוי אויך במזון הנשמה דארף דער לימוד התורה זיין בעיון, וכמ"ש בתניא פ"ה, וכשלומדה היטב בעיון שכלו עד שנתפסת בשכלו והיו לאחדים נעשה מזון לנפש וחיים בקרבה מחיי' החיים א"ס ברוך הוא, וכמ"ש בתורה אור במגילת אסתר בארוכה.

תרי"ג מצות נתנו לישראל בא אדמו"ר שליט"א והעמידן על שש, ששה מבצעים, ובפרט מבצע התורה וליקוטי תורה כי גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, ויהי רצון אז מי זאל זאך עוסק זיין אין די ששה מבצעים און בפרט במבצע תורה וליקוטי תורה בשמחה ובטוב לבב, וכשם ווי בחיי הגוף אז מי פירט זאך בסדר מסודר זאגט דער רמב"ם אני ערב לו אז ער וועט תמיד זיין גיזונט, איז דאך פארשטאנדיק במכ"ש אז אזוי איז דאס בחיי הנשמה, אז מי וועט זאך עוסק זיין אין די ששה מבצעים ובפרט במבצע תורה וליקוטי תורה, וועט מען תמיד

זיין געזונט, וטוב לב משתה תמיד, און מי דארף אפטער מיט חסידים נעמען א ביסל משקה.

ב"ה.

כ"ק אדמו"ר שליט"א האט גיזאגט אין דער התוועדות פון ט"ו בשבט אז מ'זאל מוסיף זאיין בלימוד התורה און מיט דערוף וועט מען נעמען די וועלט און מען זאל דאס מודיע זאיין און מפרסם זאיין בכל העולם כולו, דאס זעלבע האט דער רבי שליט"א איבערג'חזרט בשעת דער התוועדות פון פורים און שבת הגדול און י"א ניסן וכו' וכו', כל מי שיש לו מוח בקדקדו דארף פארשטייען אז דער ענין איז ערנסט און ס'איז נוגע דעם כלל ישראל און יעדערן בפרט, כי בזה תלוי ביאת הגואל, כמבואר בליקוטי תורה שיר השירים, אז קביעות עתים לתורה, פון בעלי עסקים הייסט, תשובה, איז דאך אפילו למ"ד אז אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, און דער אלטער רבי נ"ע פסקנ'ט מפורש אז קביעות עתים לתורה, הייסט תשובה מוז דורך דערוף קומען די גאולה שלימה, דער בעש"ט זאגט אז אלעס וואס מ'הערט אפילו פון א אינו ישראל דארף מען פון דערוף ארויס נעמען א הוראה אין עבודת ה', בשעת איך בין גיוועזן אין רוסלאנד אין תפיסה האט מיר דער סליעדאוואטיעל (דער פארשער) גיזאגט, אז שניאורסאהן איז אנטלאפען אין אויסלאנד, וועלען מיר יעצט אייך משפט'ן פאר עם, האב איך גיפרעגט פארוואס זאל מען אונז משפט'ן פאר עם, האט ער מיר געענטפערט וואיילע איר זיינט זיינע אגענטן, איז פון דערוף א הוראה אז אלע ליובאוויטשער און בפרט די וואס זאיינען ציקומען די לעצטע צען יאר פון רוסלאנד זאיינען דעם ליובאוויטשער רבי-נס אגענטן וואס הייסט א אגענט, אז אלע ענינים וואס דער רבי שליט"א מאנט בריינגט ער דאס אראפ אין פועל ממש בא זיך און בחלקו בעולם, יעצט איז דאס ע"ד ווי בא חבקוק והעמידן על אחת דער עיקר פליכט אונזערער איז יעצט אז אלע זאלען מוסיף זיין בלימוד התורה וועט במילא אלעס זאיין אין בעסטען ארדענונג כי גדול תלמוד שמביא לידי מעשה עס איז מבואר בליקוטי תורה אז דורך דערוף וואס אידען נוצן זאך מיט די לשונות פון די ע' אומות זאיינען זיי מיט דערוף זיי מברר, נאש דעוויז להוסיף בלימוד התורה.

ב"ה.

כנגד ארבעה בנים דיברה תורה אחד חכם וגו' דער כלל ישראל איז כלול פון די ארבעה בנים וואס אזוי איז דאס בכל הדורות אז אין יעדער דור זאיינען פאראן אטאדי ארבעה בנים, נאר עס איז פאראן א חילוק אין די דורות אז עס איז אכשור דרא זאיינען מער בנים חכמים און אז עס איז אכשור דרא בתמיה איז ווייניקער בנים חכמים, דארף מען פארשטייען ווער הייסט א בן חכם, דער אריז"ל אז בדורות אלו האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה איז דאך פארשטאנדיק אז ווער הייסט א חכם בדורות אלו דער וואס איז זאך עוסק בזאת החכמה, דארף מען פארשטייען אויב ער איז א בן חכם איז וואס פרעגט ער שאלות א חכם דארף אלעס ויסן און אויב אז ער וייס ניט און דארף פרעג איז ער ניט קיין חכם, וביאור הענין, בא א בן חכם קאן אמאל אויך ווערן א שאלה, אז ער איז א חכם און איז זאך עוסק בזאת החכמה איז פארוואס הייסט מען אים עוסק זאיין זאך במבצעים, די צאייט וואס ער פארנעמט זאך מיט מבצעים קאן ער דאך אין דער צאייט בעסער לערנען חסידות ובפרט אז ער וייס אז בדורות הקודמים איז די עבודה פון מבצעים אין גאנצן ניט גיוועז איז פארוואס איז בדור הזה גיווארן אזא גרייסער שטורם אז מיזאל טאן אין מבצעים, ואף אתה אמור לו אז דער דור איז קרוב ממש לביאת המשיח דארף מען צוגרייטן אלע ארבעה בנים לקבלת פני המשיח דארף דער בן חכם ויסן אז אויף אים ליגט א חוב פארנעמען זאך מיט אלע בנים אפילו מיט דעם בן רשע וואס אויף אים זאגט מען אילו הי' שם לא הי' נגאל, איז דוקא שם לא הי' נגאל אבער יעצט אין דער גאולה האחרונה דארף ער אויך נגאל ווערן און ווי עס שטייט הקהה את שיניו ס'שטייט ניט אז מי זאל אים מאכן אויס מציאות מי בעדארף נאר אויסהאקן זאיינע נארעשע שאלות וועט ער ווערן אויס רשע, אויך דארף דער בן חכם פארנעמען זאך מיט דעם בן תם, תם איז לשון תמימות דער בן תם איז א שומר תורה ומצוות אבער קיין חכם איז ער ניט, וואיילע ער איז זאך ניט עוסק בזאת החכמה פרעגט ער וואס איז דער הכרח עוסק זאיין זאך דוקא בזאת החכמה ער לערנט תורה און איז מקיים מצוות, איז ער ניט קין חכם אבער א

ערלעכער איד איז ער דאך, דארף דער בן חכם אים געבן צו פארשטייען ער וויל דאך אז משיח זאל קומען בקרוב און וויבאלד אז דער אריז"ל זאגט אז בדורות אלו האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה מוז מען מגלה זאיין זאת החכמה דאס הייסט אז אלע דארפן זאך עוסק זאיין בזאת החכמה וועט משיח קומען בקרוב ממש, אויך דארף דער בן חכם וויסן אז בדור הזה איז עבודת המבצעים מער ווי אין די דורות הקודמים וואיילע בדור הזה זאיינען פאראן א פולע בנים שאינם יודעים לשאול אפולע מער ווי אין די דורות הקודמים יעצט זאיינען פאראן אפולע אידן וואס ווייסן ניט אז עס איז געווען יציאת מצרים און מתן תורה און מ'דארף דאך אלע בנים צוגרייטן צו קבלת פני משיח, איז דערפאר איז יעצט עבודת המבצעים א מלאכה מרובה איז וואס מער מ'וועט טאן אין מבצעים וועט גיכער קומען די גאולה שלימה און אלע ארבעה בנים וועלן גיין בקרוב ממש מקבל זאיין פני משיח צדקינו.

ב"ה.

להבין פארוואס איז אויף פ' שופטים ניטא קיין לקוטי-תורה, גיוויס איז מן הסתם פאראן א מאמר חסידות פון דעם אלטן רבי נ"ע אויף פ' שופטים אדער אויף דער הפטרה פון פ' שופטים, ואפילו את"ל אז עס איז ניטא, האט מען דאך גיקאנט דער מאמר אני לדודי אראיין שטעלן אין פ' שופטים, ובפרט אז די מאמרים פון פ' ראה זאיינען באריכות גדולה, האט מען צו פ' ראה נאך מוסיף גיווען דעם מאמר אני לדודי פון פ' שופטים האט מען גילאזן פנוי. עס איז דאך ידוע אז אלע מאמרים פון לקוטי תורה האט מסדר גיווען דער רבי דער צ"צ נ"ע, איז דאך מובן אז אלעס איז בדיוק ובכוונה.

פארשטייען דאס דארף מען מקדים זאיין וואס דער אלטער רבי האט גיזאגט אז מ'בעדארף לעבן מיט דער צאייט (מיט דער פרשת השבוע) די וואך אין וועלכער עס איז ר"ח אלול דארף מען לערנען דעם מאמר אני לדודי כדי אז מ'זאל לעבן מיט דער צאייט, במילא איז מובן אז דער רבי דער צ"צ האט גימוזט דעם מאמר אני לדודי אראיין שטעלן נאר אין פ' ראה, און פ' שופטים האט ער גימוזט לאזן פנוי, וואיילע אויב אני לדודי וואלט גיווען אין פ' שופטים, איז ווען די קביעות איז אז שבת מברכים אלול איז אין פ' עקב, וואלט מען דעם מאמר אני לדודי ניט גילערנט בזמן דער וואך פון ר"ח אלול, נאר אין דער אנדער וואך, אויך האט מען גימוזט לאזן פ' שופטים פנוי וואיילע אויב אויף פ' שופטים וואלט גיווען א חסידות, איז ווען די קביעות איז אז שבת מברכים אלול איז אין פ' ראה איז דאך שופטים אין דער וואך פון ר"ח אלול וואלט מען אין דער וואך גילערנט די חסידות פון שופטים און אני לדודי וואלט מען גילרענט נאר אין דער פריערדיקער וואך, און די כוונה איז דאך לעבן מיט דער צאייט מוז מען אין דער וואך פון ר"ח אלול לערנען די מאמרים אני לדודי בלי ישונה, אבער אז די מאמרים אני לדודי זאיינען קבוע אין פ' ראה איז אויף אלע אופנים לערנט מען די מאמרים אני לדודי אין דער וואך פון ר"ח אלול, אויב אז די קביעות איז אזיי ווי האי יאהר אז שבת מברכים אלול איז אין פ' ראה, און אויף שופטים איז דאך ניטא קיין מאמר חסידות, פארשטייען אלע אז מ'דארף אין דער וואך לערנען די מאמרים אני לדודי, און ווען

אז די קביעות איז אז שבת מברכים אלול איז אין פ' עקב, לערנט מען די וואך פון ר"ח אלול די מאמרים פון פ' ראה צוזאמען מיט די מאמרים אני לדודי און פ' שופטים לערנט מען נאך אמאל די מאמרים אני לדודי.

באקומט זאך אז ווי די קביעות זאל ניט זאיין לערנט מען אלע מאל אין דער וואך פון ר"ח אלול די מאמרים אני לדודי, נאר וואס עס קומט אויס לערנען צוויי מאל די מאמרים אני לדודי, איין מאל אין פ' ראה און דעם אנדער מאל אין פ' שופטים. איז דאס מאכט ניט אויס וואיילע "מאסלא וו' קאשו ניע מעשאיעט".

ב"ה.

מבשרי אחזה וגו' איז א כלל גדול בתורת החסידות, מבשרי פון די עניני הגוף קאן מען וויסן די עניני הנפש דער גוף איז א משל צו דער נפש, כשם ווי אז דער גוף זאל זאיין פאלקאם גיזונט איז פאראן כמה תנאים וועלכע מ'בדארף בדיוק אפהיטען, ראשית דארף מען עסען, און יעדען טאג, לכה"פ צוויי מאל אין טאג, און מען דארף עסען פארשידענע מאכלים, ווארום אז מ'זאל עסען נאר איין מאכל אפילו גאר דעם בעסטען וועט מען ניט זאיין פאלקאם גיזונט, נאר מ'מוז עסען פארשידענע מאכלים, און די מאכלים דארפען זאיין גוטע און פרישע.

דער עיקר פון אלע מאכלים איז לחם, איז דער לחם דארף זאיין גוט אויסגיבאקט ווילע אויב דער לחם וועט זאיין רוי קאן מען חלילה קראנק ווערען, אויך דארף זאיין מלח (זאלץ) אין די מאכלים כמאמר היאכל תפל מבלי מלח, און אויף דארף מען זאך געפינען אין א אויר טוב ווארום א אויר מעופש שאט זייער צום גיזונט, און אויב אז מ'וויל מ'זאל זאיין פאלקאם גיזונט דארף מען מטהר זאיין דעם אויר וככל המשל הזה, איז אזוי איז דאס ממש אין נמשל, בעניני הנפש, כדי אז דער נפש זאל זאיין פאלקאם גיזונט, זיינען אויך פאראן די זעלבע תנאים, ראשית דארף מען עסען: תורה איז לחם מזון הנפש (כמבואר בתניא פ"ה) מ'בדארף עסען יעדען טאג, לכה"פ צוויי מאל אין טאג כמאמר פ' א' שחרית ופ' א' ערבית, און מ'בדארף עסען פארשידענע מאכלים, מקרא, משנה, גמרא, הלכה, און די מאכלים דארפען זאיין פרישע כמאמר בכל יום יהיו בעינך כחדשים, און דער לחם התורה דארף זאיין גוט אויסגיבאקט וכמבואר בליקוטי תורה באריכות, וואס הייסט אז דער לחם התורה זאל זאיין גוט אויסגיבאקט און ס'דארף זיין אין די מאכלים מלח (זאלץ) וכמבואר בליקוטי תורה אז מלח איז דער עירבת קב חומטין פנימית התורה, און מ'דארף זאך געפינען באויר טהור, וכמ"ש בתניא פ' ל"ג ובפרט בארצות עו"ג שאוירם טמא ומלא קליפות וסט"א, און דער רבי נ"ע זאגט אז מ'רעט אדער מ'טראכט דברי תורה איז מען מטהר דעם אויר, און כשם ווי בגשמיות הגוף איז אז מ'פירט זאך בסדר מסודר זאגט דער רמב"ם אני ערב לו

וכו' איז כמו"כ אזוי אויך ברוחניות איז דער אלטער רבי מבטיח אז עבודתו תהי' תמה און נאך מער, דער רמב"ם זאגט אני ערב לו אז מ'וועט ניט זאיין קראנק, און דער אלטער רבי זאגט אין תניא פ' ל"ד אז אויב אפילו מ'האט נאר די מעגליכקייט צו מאכען א קביעות נאר פ' א' שחרית ופ' א' ערבית ובזה ישמח לבו ויגל ויתן הודאה על חלקו בשמחה ובטוב לבב על שזכה להיות אושפזיכן לגבורה פעמים בכל יום וכו'.

און כשם אזוי ווי בגשמיות אז מ'האט ניט דעם סדר ווי דער רמב"ם שרייבט איז קיין וואונדער ניט פארוואס מ'פילט זאך ניט געזונט איז כמו"כ אזוי אויך ממש ברוחניות אז מי היט דעם סדר פון תניא און ליקוטי תורה פילט מען זאך גוט ומכלל הן אתה שומע לאו וכו' און כשם ווי בגשמיות דארף מען לערנען דעם רמב"ם כדי אז מ'זאל וויסען דעם סדר וועלכען מ'דארף זאך פירען איז כמו"כ אזוי אויך ברוחניות דארף מען לערנען ליקוטי תורה לכה"פ קצת לעיונא כדי אז מ'זאל וויסען וואס מ'דארף טאן וגדול תלמוד שמביא לידי מעשה ואין לך בן חורין כמו מי שעוסק בליקוטי תורה.

עס איז ידוע אז פארן בעש"ט איז די וועלט געווען א פארחאלעשטע און דער בעש"ט האט די וועלט אפגעלעבט וכידוע אז דער בעש"ט האט געזאגט אז זיין התגלות וועט זיין ע"י מסירת נפש, און כמו"כ אזוי אויך און נאך ביתר שאת ובית עז איז די וועלט געווען פארחאלעשט בעת תחילת נשיאותו פון דעם רבי נ"ע, און דער רבי נ"ע מסירת נפשו בפועל כל ימי נשיאותו וע"י די חסידות וואס ער האט מגלה געווען האט ער די וועלט בכלל און אנ"ש בפרט אפגעלעבט, ע"כ דארף מען ביום ההילולא י' שבט נתעורר ווערען בהתעוררות גדולה און מאכן אן החלטה לערנען בהתמדה די חסידות פון דעם רבי נ"ע און מיט דערוף וועט מען לעבען ביז משיחן.

ב"ה.

מבשרי אחזה אלק', איז א כלל גדול בעבודת השם, מבשרי פון דעם סדר חיות הגוף קאן מען וויסן דעם סדר חיות הנשמה, דער סדר חיות הגוף איז אז כדי אז דער גוף זאל לעבן און זאיין גיזונט מוז ער האבן מזון לבוש און בית, מזון איז א שם כללי וואס ער איז כולל ריבוי מינים, לחם בשר שמן יין וכו' וכו' יעדער מין פון מזון הגשמי האט א בעזונדער כח וחיות כמבואר בסיפרי הטבעיין. און דעם וואס דער גוף איז בא אים טאיער און וויל אז דער גוף זאל זאיין פאלקאם גיזונט איז ער זאך משתדל נהנה זאיין מכל מיני המזון הגשמיים וואיילע יעדער מין האט א בעזונדער כח וחיות און פון אלע מינים צוזאמען בעקומט דער גוף ריבוי כחות וחיות, אבער עס איז פאראן א תנאי ווי מידארף נוצן דעם מזון, די מאכלים וואס מי עסט מוז מען צוקאיען דעמאלט בעקומט דער גוף א חיות פנימי משא"כ אויב אז מי זאל די מאכלים שלינגען ניט צוקאיען איז ניט נאר וואס דער גוף וועט ניט באקומען קיין גיזונט פון די מאכלים נאר ער וועט ווערן א חולה שיש בו סכנה, נאך א תנאי איז פאראן במזון הגשמי, דער עיקר המזון איז לחם ווארום לחם לבב אנוש יסעד דארף דער לחם זאיין אפוי ווארום אויב דער לחם איז ניט אפוי כדבעי ווערט דער וואס עסט דעם לחם חולה, וואס דאס איז דער סדר חיות הגוף, וככל המשל הזה איז אזוי אויך ממש דער סדר חיות הנשמה כדי אז די נשמה זאל לעבן און זאיין גיזונט מוז זי האבן מזון, תורה איז מזון הנשמה וכשם ווי דער מזון הגוף איז כולל ריבוי מיני מזון איז אזוי אויך מזון הנשמה וואס דאס איז תורה כולל ריבוי ענינים ווי דער אלטער רבי זאגט אין ליקוטי תורה אז דאס וואס תורה רופט זאך בשמות לחם מים יין ושמן, וואייזט דאס אויף ענינים שונים וואס זאיינען פאראן אין תורה, וכשם ווי די ריבוי מיני מזון הגשמיים האט יעדער מין א בעזונדער כח וחיות כנ"ל איז אזוי אויך די ריבוי ענינים וואס זאיינען פאראן אין תורה האט יעדער ענין א בעזונדער כח וחיות רוחני, רש"י זאגט אז דער א' האט גיגעבן צוויי תורות תורה שבכתב און תורה שבע"פ, איז דאס איז בכללות, ובפרטיות איז תורה שבכתב, תורה, נביאים, וכתובים, און תורה שבע"פ איז משנה, גמרא, מדרשים פוסקים

ראשונים ואחרונים דאס איז תורה הניגלית, און פנימית התורה איז זוהר הקדוש כל סיפרי המקובלים און תורת החסידות הכללית ותורת חב"ד, אויך אז די תורה גיגעבן גיוואורן בפשט רמז דרוש וסוד וואס דאס זאיינען די ריבוי ענינים וואס זאיינען פאראן אין תורה וואס זיי זאיינען דער מזון הנשמה ומבשרי אחזה כשם ווי במזון הגשמי דער וואס וויל אז דער גוף זאל זאיין פאלקאם גיזונט איז זאך משתדל נהנה זאיין מכל מיני המזון איז אזוי אויך דער וואס איז א בעל נפש דארף זאך משתדל זאיין עוסק זאיין זאך בכל חלקי התורה וועט די נשמה באקומען ריבוי כחות וחיות פון ריבוי ענינים וואס זאיינען פאראן אין תורה, וכשם ווי די מאכלים הגשמיים וואס דער גוף עסט מוז מען זוי צוקאיען כנ"ל איז אויף אזוי דער מזון הנשמה הרוחני, וואס דאס איז תורה דארף מען אויך צוקאיען דאס הייסט אז תורה דארף מען לערנען בעיון וואס דעמאלט ווערט דער מזון התורה דם ובשר כבשרו און די נשמה בעקומט א חיות פנימי (וכמבואר בתניא פ"ה). וכשם ווי דער לחם הגשמי מוז זאיין אפוי כדבעי' וואס דעמאלט בעקומט דער גוף א חיות פנימי פון דעם לחם איז אזוי אויך דער לחם הנשמה וואס דאס איז תורה דארף זאיין אפוי דאס הייסט אז תורה דארף מען לערנען מיט א חיות און א ווארימקאייט דעמאלט בעקומט די נשמה פון דעם לחם התורה א חיות פנימי וכמבואר כל זה בליקוטי תורה באריכות און דער עיקר סגולה אז דער לחם התורה זאל זאיין אפוי כדבעי' איז לימוד ליקוטי תורה בעיון וכפתגם הרבי הצמח צדק אז ליקוטי תורה איז ניט נאר מחזק די אמונה נאר עס איז מחי' די אמונה.

ובזכות לימוד בעיון ליקוטי תורה ורמב"ם וועט קומען די גאולה שלימה בקרוב ממש.

ב"ה.

מבשרי אחזה וגו' מבשרי פון דעם גוף קאן מען אפלערנען אויף דער נשמה, דער גוף איז א שפיגל צו דער נשמה, די פאסרינוגען וואס טרעפן מיטן גוף, טרעפן אויך מיט דער נשמה, עס טרעפט אז דער גוף ווערט ל"ע חולה, אמאל א מחלה שאין בה סכנה, און אמאל ר"ל א מחלה שיש בה סכנה, ע"פ הוראת התורה אז מי ווערט חולה דארף מען גיין צו א רופא, ניתן רשות לרופא לרפאות, אפילו א מחלה שאין בה סכנה איז בעסער וואס פרייער גיין צום רופא און ניט פארלאזן די מחלה, ווייל אז מי פארלאזט א מחלה און מי איז זאך ניט עוסק ברפואות קאן ר"ל פון א מחלה שאין בה סכנה ווערן א מחלה שיש בה סכנה, א מחלה שאין בה סכנה איז ניט שווער צו אויסהיילן מי נעמט רפואות און בזמן קצר ווערט מען גיזונט, אבער א מחלה שיש בה סכנה דארף מען זאיין זייער פארזיכטיק נעמען די רפואות וואס דער רופא פארזאגט בדיוק און אמאל טרעפט אז רפואות אליין העלפן ניט און מי דארף ר"ל מאכן א ניתוח.

עס איז ידוע דאס וואס שטייט אין זוהר הקדוש אז פאר משיח'ס קומען וועלן נתגלה ווערן חכמות חדשות, איז יעצט נתגלה גיווארן חדשות בחכמת הרפואה אז דאס וואס א מאל האט מען גימוזט מאכן א ניתוח און רפואות האבן ניט גיהאלפן איז יעצט נתגלה גיווארן רפואות חדשות וואס זיי היילן באופן אז מי באגייט זאך בלי ניתוח.

וככל הדברים וככל המשל הזה איז אזוי אויף מיט דער נשמה עס טרעפט אז די נשמה ווערט חולה במחלה שאין בה סכנה און אויך ר"ל במחלה שיש בה סכנה, עס איז מבואר אין די מאמרים פון דעם רבי מהר"ש נ"ע אז חולה שאין בו סכנה איז תאוות היתר, און חולה שיש בו סכנה איז תאוות איסור, און כשם ווי בחלי הגוף דארף מען ע"פ הוראת התורה גיין צו א רופא איז אזוי אויך בחולי הנפש דארף מען ע"פ הוראת התורה גיין צו א חכם, א חכם איז דער רופא וואס ווייס ווי צו היילן חולי הנפש.

ביז התגלות הבעש"ט זאיינען גיווען די חכמים וואס האבן גיגעבן רפואות לחולי הנפש, די חכמי המוסר זייערע רפואות זאיינען גיווען

תעניות וסיגופים און צו גאר גרייסע חטאים גלגול שלג, איז כשם ווי בגשמיות איז נתגלה גיווארן רפואות חדשות וואס פארבייטן תעניות וסיגופים און אפילו גלגול שלג, וואס די חדשות וואס זאיינען נתגלה גיווארן ברוחניות פאר משיח'ס קומען איז תורת הבעש"ט, ע"פ תורת הבעש"ט איז די רפואה צו אלע מחלות, לימוד התורה ובפרט פנימית התורה בעיון ובשמחה וקיום המצוות ובפרט מצוות הצדקה בהידור ובשמחה, ובכל דרכיך דעהו איז דאך אויך א מצוה דארף אויך זאיין בשמחה, זינט דער בעש"ט איז נתגלה גיווארן איז גיווארן א מנהג אז מי קלאייבט זאך צונייף און מי נעמט א ביסל משקה, דאס איז וואיילע שמחה איז א רפואה בגשמיות וברוחניות, כי בשמחה תצאו דורך שמחה גייט מען ארויס פון אלע צרות בגשמיות וברוחניות, וטוב לב משתה תמיד.

פ"ש חמה לכל אנ"ש, אשר. ס.

ב"ה.

מרגלא בפומיה דרבינו שליט"א אז תורה איז לשון הוראה און אויך יעדער מעשה וואס מי הערט פון צדיקים און חסידים הקודמים דארף מען פון זיי ארויס נעמען א הוראה חיים לעבודת ה', והענין הוא איינע פון די עיקרים וואס חסידות האט אפגיטאן איז עבודת התפלה און ווי מען האט דאס גיזעהן בדורות הקודמים אז רובן של חסידי חב"ד האבן זאך עוסק גיווען בעבודת התפילה, ווערט האט גיהייסן א חסיד חב"ד דער וואס האט גידאוונט מיט התבוננות און האט מאריך גיווען בתפלה, כל חד לפום שיעורה דילי, ווי דער לשון פון אלטן רבי'ן אין ליקוטי תורה (פ' ראה) אז עיקר ענין התפילה הוא ההתבוננות, ווערט דאך א שאלה במה אנו חסידי חב"ד, איז הגם אז אויף דעם דור היתום האחרון הזה איז פאראן א לימוד זכות אז נתקטנו המוחות והלבבות והחושך כפול ומכופל עד קצה האחרון, וכידוע אז אמאל בימי רבינו הצ"צ נ"ע איז געווען א יאר וואס מי האט גינומען זייער אפולע אידן אין צבא האט מען גיפרעגט בא דעם צ"צ אפשר איז דאס א סימן אז דער יאר וועט קומען משיח האט דער צ"צ גיזאגט בזה"ל: מיר ווייסן ניט פון קיין חושך מיר ווייסן נאר אור נאר מיר פארשטייען אז העדר האור איז חושך. אבער אין דעם אור פון משיח'ן האבן מיר ניט קין השגה, האבן מיר אויך ניט קין השגה אין דעם חושך וואס וועט זיין פאר משיח'ן עכ"ל. איז דאך פארשטאנדיק וואס פאר א חושך כפול ומכופל איז יעצט בדור הזה האחרון, איז דאך דער לימוד זכות אויף דעם דור א אמת-ער, אבער אויך נאך דעם לימוד זכות בלייבט נאך אלץ די שאלה במה אנו חסידים.

וביאור הענין הוא אמאל האט א חסיד דערציילט זיין דאגה פאר ר' הלל פאריטשער ז"ל אז ער לערנט חסידות פארן דאוונען און בשעת ער לערנט ווערט ער נתעורר, און דער נאך אז ער דאוונט איז אין דאוונען גאר ניט קאנטיק אז ער האט פארן דאוונען גילערנט, פונקט ווי ער האט ניט גילערנט פארן דאוונען, איז לכתחילה האט ר' הלל גיזאגט ער זאל גיין פרעגן בא דעם רבי'ן די שאלה, אבער אז ער איז שטארק צוגישטאנען צו ר' הלל'ן אז ער זאל אים ענטפערן, האט ר' הלל עס גיזאגט איז וואס ווילסטו דו דאוונסט פארן דאוונען, איז די

מעשה א הוראה לדור הזה אמאל איז דאס גיווען א שאלת יחיד היינט איז דאס א שאלת רבים, און די הוראה איז אז אויב מצד סיבות שונות ומשונות דאוועוונט מען ניט באריכות דארף מען לכה"פ דאוונען פארן דאוונען, אמאל זיינען גיווען אויך חסידים בעלי עסקים וואס האבן א גאנצע וואך ניט גיקאנט דאוונען באריכות, אבער שבת האבן אללע גידאוונט באריכות. איז אזוי אויך בזמן הזה די וואס דאוונען פארן דאוונען דאס הייסט אז מען לערנט פארן דאוונען איז כדי אז דער לערנען זאל הייסן אז מי האט גידאוונט אזוי ווי ר' הלל האט גיפסק'נט דארף דער לערנען זיין בעיון ובאריכות, דאס הייסט אז מען דארף שבת אויפשטיין בהשכמה און עטליכע שעה פארן דאוונען לערנען חסידות וועט בעזהשי"ת הייסן אז מען האט גידאוונט פארן דאוונען, און די מצוה פון שינה בשבת תענוג דארף מען אפלייגן אויף א אנדער צייט ניט פארן דאוונען, עפ"י הוראת התורה איז דאך ילמד אדם במקום שלבו חפץ אבער ליקוטי תורה פרשת השבוע מוזן אלע לערנען דאס איז דבר השוה לכל נפש, און כדי אז דער לימוד זאל זיין כדבעי דארף מען זאך משתדל זיין לערנען ליקוטי תורה ברבים, הפך בה והפך בה דכולא בה, כ"ק אדמו"ר שליט"א האט גיזאגט אז אין ליקוטי תורה איז אלעס פאראן. וכל האומר אין אלא תורה אפילו כו' אלא תורה וליקוטי תורה.

יתן השי"ת לנו ולכל ישראל כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגו"ר.

ב"ה.

מרגלא בפומיה דרבינו שליט"א "התורה על הרוב תדבר". דארף מען פארשטיין, דאס רוב אידן זיינען דאך ניט קיין בינונים, ואפי' בדורות הקודמים זיינען דאך געווען בינונים נאר יחידים, בלייבט דאך די שאלה וואס דער אלטער רבי פרעגט אין אנהויב תניא, "ואם יהי' בעיניו כרשע ירע לבבו ויהי' עצב ולא יוכל לעבוד ה' בשמחה ובטוב לבב. ואם לא ירע לבבו כלל מזה יכול לבוא לידי קלות ח"ו", וביאור הענין הוא, עס איז ידוע אז איינע פון די ענינים העיקריים וואס תורת החסידות האט אויפגעטאן איז, עבודת ה' בשמחה, ביז דעם בעש"ט האבן החרדים לדבר ה' עוסק געווען בלימוד ספרי מוסר און זייער עבודה איז געווען בהעדר השמחה, און אויך לאחרי התגלות תורה החסידות, איז נאר די וואס זיי זיינען זיך עוסק בלימוד תורת החסידות און פירן זיך בדרכי החסידות זיינען בשמחה, און די וואס האבן ניט קיין שייכות צו חסידות איז ביי זיי העדר השמחה, וכידוע אז א מאל איז געקומען א רב פון א שטאט צו דעם רבי מהר"ש נ"ע און האט אפגעגעבן א באריכט פון אלעס וואס עס האט זיך געטאן אין שטאט, אז ער האט געענדיקט אפגעבן דעם באריכט, פרעגט דער רבי מהר"ש, און וואס מאכן די אומעטיקע (דאס האט דער רבי מהר"ש געמיינט די מתנגדים), זעט מען דאך אז דער שם התואר פון מתנגדים איז, די אומעטיקע, ווייל אן לימוד החסידות ודרכי החסידות איז העדר השמחה, און נאר דורך חסידות קען מען צוקומען צו אמיתית ענין השמחה, וביאור הענין הוא, דורך תורת החסידות בכלל ובפרט תורת חב"ד איז נתגלה געווארן די גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, וכמאמר אז דער אלטער רבי האט אריינגעשטעלט אזא גרויסן רבש"ע אין א קליין ספר (תניא), תורת החסידות האט אנטפלעקט די מעלה פון דער נשמה, אז זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש, און די מעלה פון תורה און מצות, אז תורה איז חכמתו ורצונו של הקב"ה און אורייתא וקוב"ה כולא חד, און מצוה איז מלשון צוותא וחיבור, און דורך לימוד התורה וקיום המצות ווערן דער מצַוה און דער מצֻווה איין זאך. דורך תורת החסידות איז נתגלה געווארן יחוד ה' האמיתי אז אפי' בארץ מתחת אין עוד מלבדו, און אמיתית ענין ההשגחה פרטית, תורת

החסידות האט געמאכט קלאר דעם ענין פון נתאווה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים, און דאס פירט זיך דורך דוקא דורך דעם גוף ונפש הבהמית, וואס אעפ"י אז דער גוף איז א חומרי א פינסטערער חדר און דער נפש הבהמית איז רוח הבהמה היא היורדת למטה, אעפ"כ אז מ'איז מזכך און מברר דעם גוף און דעם נפש הבהמית דורך תורה ועבודה וגמילות חסדים, איז דוקא דורך זיי פירט מען אויס דעם ענין פון דירה בתחתונים, וכמבואר בליקוטי תורה אז דוקא דורך דעם נפש הבהמית קומט מען צו צו דער אהבה פון בכל מאדך, וואס דאס איז דער תכלית פון ירידת הנשמה. מכל הנ"ל איז מובן אז מ'לערנט חסידות לכה"פ קצת לעיונא און מ'איז זיך מתבונן אין גרויסקייט פון דעם אויבערשטן, און אין דער מעלה פון תורה אז אורייתא וקוב"ה כולא חד, און אין דער מעלה פון דער נשמה וואס יעדער איד פארמאגט אז זי איז א חלק אלוקה ממעל ממש, און מ'איז זיך מעמיק אין דערוף וואס דער אלטער רבי שרייבט אין תניא פ' ל"ג כמו שאדם ישמח בירושה שנפלה לו הון עתק שלא עמל כן ויותר מכן לאין קץ יש לנו לשמוח על ירושתינו שהנחילנו אבותינו הוא יחוד ה' האמיתי אשר אפי' בארץ מתחת אין עוד מלבדו וזו היא דירתו בתחתונים וגו', און מ'בעטראכט דעם ענין פון השגחה פרטית וואס דער אויבערשטער איז משגיח על כל הנבראים ועל עמו שיראל בפרט און אז דורך לימוד התורה ובפרט פנימיות התורה וקיום המצות, איז מען גורם א נחת רוח למעלה, איז יעמאלט אעפ"י אז יהי' בעיניו כרשע און בכי' תקיעא בליבאי מסטרא דא פון דעם גוף החומרי און דעם נפש הבהמית וואס רוח הבהמה היא היורדת למטה, איז אעפ"י אז ירע לבבו מ"מ האט דאס ניט קיין באטרעף לגבי די חדוה תקיעא בליבא מסטרא דא, און דער עצבון הגוף האט ניט קיין ווערדע לגבי די שמחת הנפש כי רבה היא, דער ירע לבבו קען נאר אפטאן אז ער זאל זיין נבזה בעיניו וכו' ולב נשבר ורוח נמוכה מצד הגוף החומרי ונפשו הבהמית היא היורדת למטה, אבער דאס שטערט ניט די שמחה מצד נפשו השנית, אדרבה דורך דערוף וואס מ'געדיינקט חומריות הגוף ונפש הבהמית העלפט דאס אז מ'זאל מקבל זיין בשמחה כל המאורעות המתרגשות ובאות בין מן השמים בין ע"י הבריות וכו' כמבואר באגרת התשובה, מכל

הנ"ל איז מובן אז דוקא ע"י לימוד החסידות ודרכי החסידות קען זיין די עבודה בשמחה ויהי רצון אז מ'זאל מחליט זיין להוסיף בלימוד התורה ותלמוד מביא לידי מעשה וועט אי"ה זיין א שנת לימוד התורה וקיום המצות בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה.

מרגלא בפומיה דכ"ק אדמו"ר שליט"א, אז תורה איז לשון הוראה, תורה לערנט ווי צו מאכן דעם לעבן, (עס איז מובן אז דאס וואס די וועלט זאגט מאכן א לעבן איז דאס שקר) וואיילע ואתה מחי' את כולם אז דער אייבערשטער איז מחי' לעבט מען, און אייב חלילה ניט, קאן קיינער ניט מאכן קיין לעבן, נאר וואיילע אין רוחניות איז דאך שייך דער ווארט מאכן דעם לעבן און ניט נאר שייך, נאר מ'מוז מאכן דעם לעבן וואיילע דאס איז דער תכלית בריאת האדם אז ער זאל מאכן דעם לעבן, וכמבואר בתורה אור פ' תשא, אז אעפ"י אז הכל איז מלמעלה, מ"מ בודאי יש דבר התלוי בבחירתו של האדם וכו', וכמבואר שם באריכות ווי דער אדם קאן און דארף מאכן דעם לעבן, ובפרט ווי עס איז מבואר דער פסוק ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו, פרעגט מען דאך אייב אז דער תשלם איז נאר כמעשהו איז וואס איז דער חסד, ענטפערט מען אז דער פי' פון דעם פסוק איז אזיי, אייב אז א איד טוט א גוטע זאך איז אעפ"י אז רובא דרובא איז גיוועז אין דער מעשה סיעת' דשמיא קומט דאך אויס אז דער עיקר האט גיטאן דער א' און דער מענטש האט נאר צוגילייגט א פינגער, פונדעסטוועגן זאגט דער א' אז ער פארעכנט אז דער מענטש האט אלעס אליין גיטאן און דאס איז דער פי' תשלם לאיש כמעשהו איז דאך מובן אז אין רוחניות קען מען און מי בעדארף מאכן דעם לעבן, משא"כ בגשמיות קען קיינער ניט מאכן קיין לעבן נאר דער אייבערשטער אליין, נאר קליפה איז כקוף בפני אדם, זאגן זיי אייך נאך דעם ווארט מאכן אלעבן הגם דאס איז שקר, דאס איז ע"ד ווי ר' יחזקאל ע"ה ז"ל (פייגין) פלעגט זאגן אז וואיילע אין זוהר שטייט אז בעיקבתא דמשיחא איז עשי' לעילא, דערפאר איז אין עולם גיווארן אז ארבעט האט באקומען א גרייסע חשיבות, אן שטאט דערוף וואס אמאל האט מען זאך גישעמט מיט ארבעט א בעל מלאכה איז גיוועז א נבזה, איז יעצט גיווארן אז א בעל מלאכה איז א בר מעלה, וואס דאס קומט בהשתלשלות פון קדושה פון דעם ענין וואס יעצט איז עשי' לעילא כמו"כ אזיי אויך, וואיילע אין רוחניות מאכט מען דעם לעבן, מיינט דער צד אחר אז אין גשמיות קאן מען אויך מאכן א לעבן.

תורה זאגט, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים (אין היום יום שטייט אז אחרים מיינט מען גוטע פריינד) אז מי דערציילט די דאגה פאר גוטע פריינד זאגט רש"י אז די אחרים וועלן בעטן פאר אים רחמים, דער אלטער רבי נ"ע זאגט אין ליקוטי תורה אז מי רעד אויס די דאגה פאר א צוויטן איז מיט דעם ריידן גופא גייט ארויס דער צער, לכאורה דארף דער ענין האבון ביאור דאגות נעמען זאך פון צרות, צרות נעמען זאך פון חטאים, וכמאמר אין יסורים בלא חטא אויב אז עס קומען ר"ל צרות איז דאך פשוט עפ"י הוראת התורה אז תשובה תפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה ביזל וואנען דער א' העלפט אז מי ווערט פטור פון די צרות, איז די הוראה כפסק המשנה חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה (לקבולי' בשמחה) איז וואס איז נאך די הוראה אז ישיחנה לאחרים, איז דער ביאור דערפון אזיי, אז א פאטער שטראפט זאיין בן יחיד איז כל זמן דער בן יחיד ווערט ניט איבער גיאנדערשט וואייזט עם דער פאטער א פנים זועפים און אעפ"י אז דער פאטער האט צער פון דעם וואס זאיין בן יחיד איז בצער און אמאל קאן זאיין אז דער זון האט מער צער פון דעם פנים זועפים ווי פון דעם שטראף אליין, אבער דער פאטער האט ניט קין ברירה, ער קאן ניט וואייזן דעם זון א פנים שוחקות וואיילע דענסמאלט וועט דער שטראף זאיין בלי תועלת, אבער ער איז דאך פארט א גוטער פארטער טוט עס דאך ווי די הארץ פאר זאיין בן יחיד מאכט ער עם וויסן אז עס איז פאראן א עצה ווי צו מאכן גרינגער די דאגה אז ישיחנה לאחרים, וככל המשל הזה כן הוא בנמשל, אז דער א' גיט ר"ל יסורים איז הן אמת אז דער סדר עפ"י תורה איז אז תשובה תפילה וצדקה מעבירין וכו' אבער ביזל וואנען מיטוט תשובה און ביזל וואנען די תפילות וועלן נתקבל ווערן, איז דער א' א גוטער פאטער און גיט דערוואיילע א עצה ווי צו מאכן גרינגער די דאגה, כפשוטו רעד זאך דאך וועגן א דאגה גשמית, ועל אחת כמה וכמה די דאגה פון רוחניות, די דאגה פון רוחניות איז א כפולה ומכופלת, ווי דער רבי שליט"א טייטשט כפולה ומכופלת אין פיער'ן, וואיילע כפולה איז אין צווייען ומכופלת נאך אמאל אין צווייען איז צוזאמען אין פיער'ן, די דאגה אין רוחניות איז א פיער'נדיקע, א) דער גוף איז א

חומרי א פינסטערער חדר, און ווי דער רבי מהר"ש נ"ע האט גיזאגט, ווי קאן מען זאך בעהאלטן פון דעם א' נאר אין א גוף, ב) דער נפש הבהמית איז כשמו כן הוא און ווי דער לשון אין ליקוטי תורה פ' אמור, מ"מ הוא רוצה לאכול כמעשה בהמה וכו', ג) די חטאים ועוונותת זאיינען מבדיל, ד) דער עולם איז מלא קליפות וסט"א ובפרט בדרא דעיקבתא דמשיחא אז עס איז ריבוי העלמות והסתרים והחושך כפול ומכופל ומבואר בחסידות בכמה מקומות אז אין עולם ווערן ריבוי העלמות והסתרים ווערן דער גוף אין דער נפש הבהמית בדרך ממילא נתגבר, איז וויבאלד אז די דאגה פון רוחניות איז א כפולה ומכופלת איז דאך ממילא מובן אז די עצה פון ישיחנה לאחרים איז צו דער דאגה רוחניות זייער נייטיק חסידעשער פארברייינגען, און דאס גייט אריין אין כלל פון ישיחנה לאחרים, אמאל האט דער פארברייינגען פארנומען די גרעסטע חשיבות בדרכי החסידות, מיהאט גיווארט אויף דעם פארברייינגען, וואיילע מי האט גיוואוסט אז פון דעם פארברייינגען ווערט מען אפגילעבט, היינט איז גיווארן פארברייינגען א ענין פון מהיכי תיתי, און אז מי פארברייינגט שיין טרייבט מען אז מי זאל מאכן בקיצור, ווי דער רבי שליט"א זאגט אז דארטן וואו די זאך איז זייער נייטיק שטעלט זאך דער יצר הרע מיט א גרייסן תוקף און אויף מיט זאיידענער זופיצע, דער רבי נ"ע פלעגט אפט דערמאנען דעם ענין אז די מלאכה האט האלט דעם טרונק די עיקר מלאכה איז יעצט אליין מוסיף זאיין בלימוד התורה און משתדל זאיין זאך אז אנדערע זאלן מוסיף זאיין בלימוד התורה איז כדי די מלאכה זאל זאיין בהצלחה מרובה איז די בעסטע סגולה איז ניט פארגעסן אז די מלאכה האט האלט דעם טרונק, א גדול האט א מאל גיזאגט, גילויבט דער א' פאר דעם ביטערן טראפן ווען חלילה ניט דער ביטערע טראפן וואלט גיווען א פולע שווערער ווארטן אויף משיח. וטוב לב משתה תמיד.

ב"ה.

מרגלא בפומא דרבינו שליט"א אז אין רוחניות איז ניטא קיין קלייניקייטן. דארף מען פארשטייין וועלכע ענינים אין רוחניות זיינען פאראן וואס מ'קאן מיינען אז זיי זיינען לכאורה קלייניקייטן וואס דער רבי שליט"א האט געדארפט באווארענען אז זיי זיינען ניט קיין קלייניקייטן.

והענין הוא, עס איז ידוע דאס וואס דער רמב"ם זאגט אז כשם ווי עס איז פאראן חולי הגוף אזוי איז אויך פאראן חולי הנפש. וביאור הענין הוא, כשם ווי דער גוף טיילט זיך בכללות אויף דריי חלקים ראש, גוף ורגל, אזוי אויך איז אין נפש פאראן ראש, גוף, רגל; ראש איז מוחין, גוף איז מדות, און רגל איז מחשבה דיבור ומעשה. וכשם ווי אין חולי הגוף איז בפרטיות פאראן חולי הראש, חולי הגוף, און חולי הרגל, אזוי אויך אין נפש איז פאראן חולי המוחין, חולי המדות און חולי הרגל שבנפש, וכשם ווי בחולי הגוף איז אז כדי עוסק זיין זאך ברפואות דארף מען לכל לראש איינשטעלן א ריכטיקן דיאגנאז וואס דעמולט ווייס מען וועלכע רפואות מ'דארף צונעמען, וואס דערפאר אז מ'פילט אז מ'איז חולה ר"ל גייט מען לכתחילה צו א רופא מומחה כדי צו וויסן ריכטיק די מחלה ווילע אנדערש ווייס מען ניט וועלכע רפואות מ'דארף מקבל זיין, איז אזוי אויך בחולי הנפש דארף מען לכל לראש אריין גיין צו א רופא מומחה (צו א רבי'ן) און אז דער רבי שטעלט איין דעם דיאגנאז דעמולט קען מען זאך עוסק זיין ברפואות, פון דערויף וואס דער רמב"ם גיט א דוגמא אויף חולי הנפש פון חולי הגוף איז דאס א הוראה אז מ'דארף פון עניני הגוף אפלערנען הוראות אויף עניני הנפש, בחולי הגוף זעט מען אז א אבר ווערט חולה הויבט מען אן פילן דעם אבר, די אברים וואס זיינען געזונט פילט מען זיי ניט, וועלכן אבר פילט מען נאר דעם קריינקן. הייסט דאס אז הרגשת הגוף איז א סימן אויף חולי הגוף, איז אזוי אויך בחולי הנפש הרגשת הישות איז חולי הנפש, וכמבואר בתורה אור סוף פ' משפטים וז"ל והוא עיקר נקודת קליפת גסות הרוח שנעשה בטבע האדם בחטאו מעץ הדעת טוב ורע דהיינו שרואה א"ע ומכיר חסרונו וגו', וואס לפי זה איז מובן וואס לכאורה קאן מען פרעגן, דער רמב"ם האט

געקאנט זאגן נאר אז עס איז פאראן חולי הנפש צוליב וואס האט ער געדארפט צוגלייכן צו דעם גוף, דער גוף איז א גשמי און דער נפש איז א רוחני ואין ערוך ביניהם איז וואס גיט מען א דוגמא פון דעם גוף אויף דעם נפש, וכפי המבואר איז מובן אז דער גוף איז א משל מכוון ממש צו דעם נפש ובפרט אין דעם ענין פון הרגשה וואס כשם ווי הרגשת הגוף איז חולי הגוף איז אזוי אויך הרגשת הנפש איז חולי הנפש, ואע״פ אז בחולי הנפש איז ישות די גרעסטע מחלה ווילע זי איז א מקור לכל מיני רע, מ״מ א שמינית שבשמינית מוז מען האבן, קאן מען דאך מיינען אז עס פעלט די שמינית שבשמינית איז דאס א קלייניקייט ובפרט אז עס איז פאראן א דעה אז א שמינית שבשמינית דארף אויך ניט זיין, אבער תורת החסידות פסק'נט אז א שמינית שבשמינית מוז זיין.

איז אויף דערויף איז די הוראה פון כ״ק אדמו״ר שליט״א אז אין רוחניות איז ניטא קיין קלייניקייטן און אז עס פעלט חס וחלילה די קלייניקייט איז דאס א סתירה צו די ענינים העיקריים, און ווי דער רבי מהר״ש נ״ע זאגט אין דעם מים רבים וז״ל שאם לא יהי' בבחי' הגבהה קצת יכול ח״ו ליפול כי יחשוב בעצמו מה תופס מקום העבודה שלי בבחי' ועשה טוב ואפשר גם בבחי' סו״מ ועי״ז נופל הוא ממדריגתו לגמרי, לכן צ״ל בבחי' התנשאות והגבהה קצת שפועל ע״י עבודתו מפני ששרש הנשמה שלו היא חלק אלקה ממעל ואפי' מי שיש לו רק נפש דנפש ממל' דעשי' מלובש בו אא״ס, ולכן ע״י עבודתו מתעלה מעלה מעלה, ולהיפוך יורד עשר מעלות אחרונית, וזהו דכתיב ויגבה לבו בדרכי ה' שצריך להתאמץ ולהתחזק להגביה א״ע מעט בכדי שעי״ז יתוסף להיות בבחי' סו״מ ועש״ט וכו', וואס מכל זה איז פארשטאנדיק אז אין רוחניות איז ניטא קיין קלייניקייטן ווי דער רבי מהר״ש נ״ע זאגט מפורש אז אויב עס וועט פעלן דער שמינית שבשמינית איז יורד עשר מעלות אחרונית, ולהיפוך דורך דעם שמינית שבשמינית זאגט ער מתעלה מעלה מעלה ועי״ז יתוסף להיות בבחי' סו״מ ועש״ט, נאך אין א מאמר באווארנט דער רבי מהר״ש נ״ע אז עס דארף זיין שמינית שבשמינית דוקא און ניט מער, איז כדי אז עס זאל זיין במדה נכונה לא פחות ולא יותר דארף זיין א חסיד'ש ביסל

משקה, חסידים האבן א חוש הריח זיי דערפילן גלייך סיי דעם פחות סיי דעם יותר און חסידים האבן א כח מוסיף זיין דעם פחות און ממעט זיין דעם יותר. ויהי רצון אז עס זיין ווי דער רבי מהר״ש האט געזאגט נאר אריבער ויגבה לבו בדרכי ה'.

ב"ה.

מרגלא בפומי' דרבינו שליט"א, אז תורה איז לשון הוראה. תורה איז הוראה בחיים, תורה זאגט אז מ'דארף לעבן, ובחרת בחיים וחי בהם, און תורה לערנט ווי מ'זאל מאכן דעם לעבן. תורה זאגט, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, זאגט רש"י ז"ל שמא ישיאוהו עצה. דער ערוך זאגט אז די אחרים וועלן אויף אים מעורר זיין רחמים, דער אלטער רבי נ"ע אין ליקוטי תורה זאגט נאך א טעם אז דורך ישיחנה לאחרים גייט אוועק דער צער פון דער דאגה, עס איז פאראן א דאגה וואס יעדערער האט איר כל חד לפום שיעורה דילי'. די דאגה איז א כפולה ומכופלת און ווי דער רבי שליט"א טייטשט אז כפולה ומכופלת איז אין פיער'ן, כפולה אין אין צוויי'ן, ומכופלת נאך אמאל אין צוויי'ן איז צוזאמען איז פיער'ן, די דאגה וואס יעדערער האט איר איז א פירענדיקע א) וואס מ'געפינט זיך אין א עולם וואס ער איז מלא קליפות וסט"א און דער חושך איז א כפול ומכופל, ב)וואס מ'איז מלובש אין א גוף חומרי משכא דחווי', ג) דאס וואס דער נה"ב איז כשמו כן הוא א בהמה ממש ורוח הבהמה היא היורדת למטה ער שלעפט תמיד אויף אראפ, ד) דאס וואס העוונות מבדילים און ווי עס איז מבואר אין ליקוטי תורה אז עוונות מיינט מען ניט דוקא עבירות ממש נאר תאוות היתר הייסן אויך עוונות ווילע עון איז לשון עיקום און פון די עוונות ווערט א מחיצה של ברזל המפסקת וכו', און פון די אלע פיר פראבלעמען ווערט א גרויסע דאגה, און א דאגה מאכט שווער דעם לעבן, (ווי איינער א גדול האט געזאגט אז דאגות זיינען ווי אייזערנע רוטן), לעבן הייסט אז מ'דאוונט כדבעי, און במילא איז דער עסק התורה אויך כדבעי, והלימוד המביא לידי מעשה האט מען די ג' דברים שעליהם העולם עומד, תורה ועבודה וגמ"ח, הייסט דאס גילעבט, אבער אז די דאגות זיינען מבלבל דעם דאוונען, איז במילא דער עסק התורה אויך ניט כדבעי, וואיילע דאווענען איז הקדמה צו דעם עסק התורה און אז די הקדמה איז ניט כדבעי, איז דער עסק התורה אויך ניט כדבעי, הייסט דאס אז דער לעבן איז א שווערער. תורה איז דאך תורת חיים, גיט תורה א עצה טובה ווי פטור צו ווערן פון די דאגות, און זאגט, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, אז

מ'דערציילט די דאגות לאחרים צו גוטע פריינד ווערט מען געהאלפן, די ג' טעמים אויף ישיחנה לאחרים, א) וואס רש"י ז"ל זאגט שמא ישיאוהו עצה, ב) וואס דער ערוך זאגט אז די אחרים וועלן מעורר זיין רחמים, ג) וואס דער אלטער רבי נ"ע זאגט אז דורך ישיחנה לאחרים גייט אוועק דער צער פון דער דאגה, גייען אלע טעמים צוזאמען ווילע מר אמר חדא ומר אחד חדא ולא פליגי, דער מקום און דער זמן היותר מסוגל אויף ישיחנה לאחרים איז דאס בא א חסידישע ביסל משקה, וכידוע פון כמה סיפורים אז בא אמאליקע חסידים איז אזוי געווען דער סדר אז בא א חסידישע ביסל משקה האט מען זיך אויסעליידיקט פון אלע דאגות, און דאס איז אויך איינע פון די טעמים וואס אין די דרכי החסידות פארנעט דער גרעסטער ארט דער ענין פון א חסידישע ביסל משקה. ווילע דורך א חסידישע ביסל משקה ווערט מען געהאלפן פון אלע דאגות און צרות בגשמיות וברוחניות. וכידוע דער ווארט פון דעם רבי דער צ"צ נ"ע, אז דאס וואס חסידים קאנען אויפטאן מיט א ביסל משקה קאן דאס א רבי אויך ניט, כ"ק אדמו"ר שליט"א זאגט אז דארטן וואו דער ענין איז זייער וויכטיק פארלייגט זאך דער יצה"ר מיט אלע זיינע כוחות אפקילן דעם ענין, ווילע א חסידישע ביסל משקה איז פון די דברים העומדים ברומו של עולם קאן טרעפן אז דער קלוגינקער זאל אנטאן די זיידענע זופיצע און זאגן אז בעסער איז לערנען חסידות אין דער צייט וואס מ'נעמט א ביסל משקה, ע"כ מי האיש החפץ חיים דארף וויסן אז כשם ווי לא עם הארץ חסיד אז כדי זיין א חסיד מוז מען לערנען איז אזוי אויך כדי זיין א חסיד מוז מען מיט חסידים נעמען א ביסל משקה, וכידוע דער ווארט פון החסיד ר' זלמן משה ע"ה אז מ'נעמט ניט מיט חסידים א ביסל משקה ווערט מען פארשימלט, ויהי רצון אז מ'זאל זיין געזונט אז מ'זאל קאנען אפטער מיט חסידים נעמען א ביסל משקה וטוב לב משתה תמיד.

ב"ה.

"מרובים צרכי עמך ודעתם קצרה" דארף מען פארשטייען אין מרובים צרכי עמך איז אלעס כלול און בפרט דעתם קצרה, וואס דאס איז דאך דער עיקר פון אלע צרכי עמך, ווייל אויב ניט דעתם קצרה, איז ניטא קיין מרובים צרכי עמך, וכמאמר: "דעת קנית מה חסרת" איז פארוואס נאך דערוף, וואס ער זאגט מרובים צרכי עמך, איז מוסיף נאך אז ודעתם קצרה. נאר דער ענין דערפון איז: עס איז דאך ידוע דער פירוש דערפון עפ"י חסידות, אז ודעתם קצרה איז א טעם פארוואס איז מרובים צרכי עמך, ווייל דעתם קצרה, ווייל אויב ניט דעתם קצרה איז ניט שייך מרובים צרכי עמך. ראשית, איז אויב מיהאט א דעת רחבה איז די צרכים באטרעפן ניט, (אזוי ווי עס איז ידוע דערווארט, אז דעם מיטעלן רבי'נס חסידים זיינען געווען ארימע לייט און זיי זיינען געווען מיט רויטע בעקלעך, ווייל גשמיות האט בא זיי ניט באטראפן און רוחניות האט זיי ניט געפעלט) והשנית, איז אז מיבאקומט א דעת רחבה ווערן נתמלא אלע צרכים כפשוטו, ווי דער רבי שליט"א האט דערמאנט אין דער התועדות פון שמח"ת דשנה זו, דאס וואס דער אלטער רבי נ"ע זאגט אין ליקוטי תורה, אז יעדער איד איז ראוי לכל טוב דעוה"ז, והראי' אז נבוכדנצר איז געגאנגען דריי פסיעות צוליב דעם אייבערשטן האט אים דער אייבערשטער געגעבן דריי דורות מלוכה: לו, ולזרעו, ולזרע זרעו. היינט וויפל פסיעות טוט יעדער איד צוליב דעם אייבערשטן, נאר דאס וואס עס טרעפט ר"ל מניעת הפרנסה, אדער מניעת בריאת הגוף, אדער אנדערע יסורים ח"ו איז דאס, ווייל כי מנסה ה' אלק' אתכם לדעת, אז מי זאל צוקומען צו דעת. און אז מיקומט צו צו דעת איז מען ממילא ראוי לכל טוב עוה"ז כפשוטו.

דער אור החיים הקדוש זאגט, אז די בירורים פון א נשמה בעוה"ז איז דורך תורה אז עס פעלט תורה פארבייט מען דאס מיט יסורים. איז דאך מובן, אז מיאיז זיך עוסק בתורה איז דער אייבערשטער ממלא כל הצרכים און מיווערט פטור פון אלע יסורים, נאר לימוד התורה און קיום המצוות דארף דאך זיין מיט א חיות און א חיות באקומט מען דורך לימוד תורה אור און ליקוטי תורה לכה"פ קצת לעיונא.

וכמעשה הידוע: אמאל איז געקומען אין ליובאוויטש אויפן יריד א איד, א עולמשער, א גרויסער למדן בבחינת עילוי, און א גביר. אז ער אפגעפאטערט אויפן יריד זיינע ביזנעס איז ער אריינגעגאנגען צו דעם רבי דעם צ"צ נ"ע און האט גערעט אין לערנען. אז עס האט זיך געענדיקט דער שמועס אין לערנען האט ער געזאגט צו דעם רבי-ן דעם צ"צ, רבי, גיט מיר אן עצה, וואס זאל איך לערנען, כדי מחזיק זיין די אמונה, צי דעם מורה נבוכים, צי דעם כוזרי. האט דער רבי געענטפערט אים בזה"ל: "אז איר וואלט געווען א חסיד וואלט איך אייך געגעבען אן עצה לערנען ליקוטי תורה, ווייל ליקוטי תורה איז מחי' די אמונה, נאר אזויווי איר זייט אן עולמשער איז מיין עצה לערנען דעם כוזרי. דער איז געווען א סוחר און האט געהאט געשעפטן מיט חסידי חב"ד, האבן דערציילט חסידים סוחרים, וואס האבן מיט אים געהאנדלט, אז סיפלעגט אריינגייען צו אים אין שטוב פלעגט מען טרעפן אויפן טיש ליקוטי תורה.

דער רבי שליט"א זאגט, אז כשם ווי תורה איז הוראה בחיים, כמו"כ, אז מיהערט א מעשה דארף מען פון יעדער מעשה ארויסנעמען א הוראה בחיים. די מעשה איז א גרויסער מוסר השכל. דער איד איז געווען אן עולמשער, און א גרויסער למדן, און א גביר מ"מ, אז ער האט געהערט, אז דער רבי האט געזאגט אז ליקוטי תורהאיז מחי' די אמונה האט ער געלערנט ליקוטי תורה.

היוצא לנו מכל זה איז, אז מי האיש החפץ חיים דארף לערנען ליקוטי תורה. דער רבי שליט"א זאגט, אז דארטן וואס די זאך איז זייער נויטיק, דארטן פארלייגט דער יצ"הר אלע כחות און טוט אן די זיידענע זופיצע און טענהט שטארקע טענות. אז ער פילט, אז מיוויל מאכן אן החלטה צו לערנען ליקוטי תורה איז ראשית, זאגט ער, אז ליקוטי תורה איז געווען א לימוד פאר אמאליקע חסידים, זיי זיינען געווען בעלי מדריגה האט פאר זיי געפאסט דער לימוד, משא"כ בדור היתום הזה איז דער לימוד צו הויך, והשנית, זאגט ער, אז לימוד התורה דארף דאך זיין בהשגה והבנה און לגבי הדור היתום הזה איז ליקוטי תורה למעלה מן ההשגה. איז לכאורה טענהט ער שטארקע טענות, אבער דער יסוד פון די טענות איז שקר וכזב. דאס, וואס ער

זאגט, אז ליקוטי תורה איז פאר אמאליקע חסידים, איז דאך ידוע, אז דעם תניא און ליקוטי תורה האט דער אלטער רבי געשריבן פאר אלעמען און פאר אלע דורות ביז משיח'ן, און דאס וואס ער זאגט אז עס איז למעלה מן ההשגה, איז לכתחלה פארשטייט מען ווייניקער און במשך הזמן איז ימים ידברו ורוב שנים יודיעו חכמה ביז וואנעט אז יעדערער הויבט אן פארשטייען כל חד לפום שיעורא דילי'.

יהי רצון, אז מיזאל געדיינקען יעדן טאג, דאס וואס דער רבי שליט"א פארזאגט "ויעקב הלך לדרכו" אז מיזאל היטן די קביעות עתים לתורה.

ב"ה.

משה קיבל תורה מסיני וכו', דארף מען פארשטיין, די תורה איז דאך געגעבן געווארן צו אלע אידן ווי מיר מאכן אלע טאג די ברכה ונתן לנו את תורתו, איז פארוואס זאגט מען אז דוקא משה קיבל תורה? אויך דארף מען פארשטיין דאס וואס שטייט זכרו תורת משה עבדי וגו', די תורה איז תורת הוי' שעשועי המלך, און משה רבינו איז נאר געווען דער סרסר אויף צו איבערגעבן די תורה פון דעם א' צו אידן ווי רש"י זאגט דאס מפורש, איז פארוואס רופט זיך די תורה תורת משה?

איז דאך ידוע דער ביאור דערפון אז דערפאר רופט זיך די תורת משה ווייל ער מסר נפשו עליה, און ווייל קבלת התורה בפנימיות איז נאר דורך מסירת נפש דערפאר איז דוקא משה קיבל תורה, בשעת מתן תורה האט נאר משה מוסר נפש געווען זיך אויף דער תורה, דערפאר איז נאר משה קיבל תורה, שפעטער בימי מרדכי דאסתר אז אלע אידן האבן געהאט מסירת נפש, שטייט וקבל היהודים את אשר החלו לעשות, דעמאלט האבן אלע אידן מקבל געווען.

וכשם אז קבלת כללות התורה איז געווען ע"י משה רבינו ומסר נפשו עליה, און דערפאר רופט זיך די תורה תורת משה, אזוי איז אויך התגלות פנימיות התורה איז געווען ע"י הבעש"ט ומסר נפשו עליה, און אויך דערפאר רופט זיך פנימיות התורה תורת הבעש"ט, און אזוי אויך התגלות תורת חב"ד איז געווען ע"י אדמו"ר הזקן דמסר נפשו עליה, און אויך דערפאר רופט זיך תורת חב"ד תורת אדמו"ר הזקן.

עס איז ידוע אז דאס וואס דער בעש"ט האט געמאכט א פולע נסיעות און געווען אין א פולע ערטער, איז דאס געווען בכדי צו געבן א כח צו די אידן וואס וועלן זיין שפעטער אין די ערטער, אויך איז ידוע אז דער בעש"ט האט געזאגט אויף א לאנד אז ער האט די לאנד מקדש געווען בקדושת ארץ ישראל, וואס פון דעם זעט מען אז לבד זאת וואס דער בעש"ט האט מגלה געווען תורת החסידות ודרך החסידות, איז ער נאר בכבודו ובעצמו ארום געפארן אין אלע ערטער כדי צו מאכן אלע ערטער למקום תורה ועבודה, דורך משה רבינו, און דעם בעש"ט, און

דעם אלטן רבי'ן, האבן אידן מקבל געווען די תורה הנגלית והפנימית, און מ'האט געמאכט די וועלט פאר א מקום תורה ועבודה.

נאך דאס אלעס איז געווען נאר אין איין חצי כדור העולם, משא"כ דער חצי כדור השני פון דעם עולם איז די גאנצע צייט ניט געווען קיין מקום תורה, והלא דברים ק"ו - דער בעש"ט איז נתגלה געווארן אין א לאנד וואס איז געווען א מקום תורה, און אין יענער צייט זיינען געווען א פולע צדיקים גאונים קדושי עליון, אויך האט דער בעש"ט געהאט חברים צדיקים הנסתרים און תלמידים, ומ"מ איז די התגלות געווען ע"י מסירת נפש כידוע, קען מען זיך פארשטעלן - אז דער רבי נ"ע איז געווען דער ערשטער רבי וואס איז געקומען קיין אמאריקע, וואס ביז זיין קומען איז אמעריקע געווען א מדבר שמם, א ארץ לא זרועה אשר לא דרך בה אדם - וויפל מסירת נפש און יסורים האט געהאט דער רבי נ"ע ביז ער האט געמאכט די קאלטע אמעריקע פאר א מקום תורה ועבודה.

אין בעל הנס מכיר בניסו;

מיר זיינען געקומען קיין אמעריקע אויף אלעמען פארטיקן, פילן מיר ווי קען גאר זיין אנדערש, כל מי שיש לו מוח בקדקדו זאל זיך מתבונן און פארשטעלן זיך ווי וואלט זיין ווען דער רבי נ"ע וואלט ח"ו ניט געקומען קיין אמעריקע, וועט פארשטיין און דערפילן אז דער רבי נ"ע איז דער בעש"ט פון דעם חצי כדור השני און ער האט געמאכט דעם חצי כדור השני פאר א מקום תורה ועבודה, און בכח פון דעם רבי'ן נ"ע קאן מען אויך אין אמעריקע זיין א חסיד א ירא"ש און א למדן (חי"ל).

און כדי אז דער כח פון דעם רבי'ן זאל זיין ניט נאר בדרך מקיף נאר אויך אין א פנימיות, דארף מען זיין מקושר צו דעם רבי'ן דורך לערנען זיינע חסידות לעיונא, דער יום ההלולא י' שבט איז א יום מסוגל צו מאכן אין דעם טאג א החלטה להוסיף בלימוד החסידות בכמות ובאיכות, וזכותו יגן עלינו ועל כל ישראל בגשמיות וברוחניות.

ב"ה.

משנכנס אב, דער ענין פון אב איז העלמות והסתרים והתגברות הנפש הבהמית והקליפות והסט"א איז ממעטין בשמחה, דורך שמחה וואס דאס איז תורה איז מען ממעט אלע העלמות והסתרים.

יעדן טאג נאכן דאוונען זאגט מען שש זכירות למען תזכור וגו' יעצט איז צוגיקומען א זיבעטע זכירה, למען תזכור אז כ"ק אדמו"ר שליט"א הייסט מוסיף זיין בלימוד התורה בכלל ובליקוטי תורה בפרט, אויך איז א ציווי פון כ"ק אד"ש אז יעדער איד איז מחוייב משתדל זיין זאך, מבטל זיין די גזירה האיומה דעם חוק פון "מיהו-יהודי". לאחר אז עס איז גיווארן דער חוק "מיהו-יהודי" דארפן משתדל זיין זאך מבטל זיין דעם חוק, אבער כדי אז דער חוק זאל מלכתחילה ניט זיין, אז די קלי הדעת זאלן ניט האבן קיין העזה צו פרעגן די שאלה מיהו-יהודי, איז די סגולה דערצו אז מ'זאל פרעגן בא זיך די שאלה מיהו-חסיד, חסיד הייסט דער וואס טוט וואס דער רבי שליט"א הייסט, אליין מוסיף זיין בלימוד התורה און משתדל זיין זאך אז די סביבה זאל מוסיף זיין בלימוד התורה און אז אלע וועלן מוסיף זיין בלימוד התורה אזיי ווי דער רבי שליט"א מאנט וועט במילא ניט האבן קיין ארט צו קיין גזירה מיהו-יהודי, וכידוע המעשה וואס דער רבי נ"ע זצוקללה"ה דערציילט פון הגאון ר' יוסף דובער ז"ל מבריסק אז אמאל זיינען גיקומען עסקני הכלל צו הג' ר' יוסף בער ז"ל וואס זיי האבן גידארפט מיט עם גיין וועגן זייער א וויטיגן ענין כללי, בשעת זיי זיינען גיקומען האט ר' יוסף בער אין דער צייט גיזאגט דעם שיעור פאר זיינע תלמידים מובהקים וואס איינעם האט מען גירופן מיט דעם נאמען דער קלאץ, און דעם אנדערן דער הארב, האבן די עסקני הכלל גימוזט ווארטן ביז ר' יוסף בער האט גיענדיקט דעם שיעור, זיינען זיי גיווארן זייער אופגירעקט, אז מ'דארף גיין וועגן זייער א וויכטיגן ענין כללי איז עת לעשות לה' הפרו תורתך, האט ער גידארפט גלייך מפסיק זיין און גיין מיט זיי, אז ער האט גיענדיקט דעם שיעור האבן זיי עם אויסגירעט, האט ער זיי גיענטפערט אז ער היט אפ זיין שיעור זייער שטריינג ווייל אייב ניט קען זאך ח"ו דער אפטייקער שמד'ן זאך, און האט זיי גיגעבן דאס צו פארשטיין, אז ער זאגט זיין שיעור זאגט מען

אייך א שיעור פאר פשוטע בעלי בתים קומען פשוטע אידן אלע טאג צום שיעור, און פארן אידן וואס קומען לערנען צוויי מאל א וואך און פאראן אזעלכע וואס קומען נאר שבת און פארן אזעלכע וואס קומען נאר יו"ט ביז וואנען עס איז פארן דער אפטייקער וואס ער קומט דאוונען נאר יום כיפור. האט ר' יוסף בער אויסגיפירט אז אייב ער וועט ניט היטן שטריינג זיין שיעור קאן ח"ו ווערן א שינוי אין דעם גאנצן סדר ההשתלשלות ביז וואנען אז דער אפטייקער זאל ח"ו ווערן אויס איד. דער רבי שליט"א זאגט כשם אזיי ווי תורה איז מלשון הוראה כמו"כ און אזיי אייך, אז פון יעדער מעשה דארף מען ארויס נעמען די הוראה וואס עס איז פאראן אין דער מעשה. פון דער מעשה איז א הוראה אז כל ישראל זיינען א קומה שלימה. אין א קומה איז פאראן דער מוח ולב און די רגלים, איז אז די אידן וואס זיי זיינען דער מוח ולב פון דער עדה זיינען מוסיף בלימוד התורה און מ'איז מחזק די שיעורים פון די קביעות ברבים פועלט דאס אויף דעם רגל, דעם אפטייקער אז ער זאל ניט פרעגן מיהו-יהודי און ער זאל אייך זאגן אתה בחרתנו וכו'.

ב"ה. משנכנס אדר מרבים בשמחה.

איינע, פון די צרכי החסידות העיקרים, איז, וואס חסידים קלאייבן זאך צונויף און מי נעמט א ביסל משקה, וואס דער טעם וואס מי נעמט משקה דוקא, איז לבד זאת כפשוטו וואס יין ישמח און נכנס יין יצא סוד, און דער דרך פון חסידות איז אז מי בעדארף זאיין בשמחה תמיד, איז לבד זאת האט מען גיהערט פון רבינו נ"ע כמה טעמים אויף דעם ענין פון א חסידעשער ביסל משקה, דער נפש הבהמית איז דאך כשמו כן הוא א בהמה, און א בהמה פאר דער שחיטה טרינקט מען איר אן כדי אז עס זאל זאיין גרינגער צו שינדן די פעל פון איר, אויך איז פאראן א ווארט פון רבינו נ"ע, אז מי בעדארף פארשיכרן דעם נפש השיכלית ער זאל ניט דרייען קיין מוח, אויך איז פאראן א משל אויף דעם וואס חסידים נעמען משקה, אמאל האט א מלך פארשיקט זאיין בן יחיד למרחקים און ער האט זאך גיפונען צווישן פראסטע פויערים פארשטייט זאך אז ער איז גיוועז זייער צובראכן פון דעם גלות, אמאל האט ער זאך בעטראכט אז אעפ"י אז ער געפינט זאך צווישן די פויערים וואס ווייסן ניט פון גדלות פון דעם מלך דעם פאטער, און במילא ווייסן זיי ניט די מעלה פון הבן יחידו של המלך, אבער ער ווייס דאך אז ער איז בנו יחידו של המלך און סוף כל סוף וועט דער מלך דער פאטער אים ארויס נעמען פון דעם גלות, איז ער גיווארן מלא שמחה און האט גיוואלט גיין טאנצן פון גרויס שמחה אבער ער גיפינט זאך דאך צווישן די פויערים וועלן זיי זאגן אז ער איז גיווארן מישוגע, האט ער די פויערים אנגיטרונקען מיט בראנפן זאיינען זיי גיגאנגען טאנצן האט ער אויך צוזאמען מיט זיי גיטאנצט, זיי האבן גיטאנצט פון די בראנפן און ער האט גיטאנצט פון דער שמחה וואס ער איז בנו יחידו של המלך, והנמשל מובן א איד איז בשמחה פון דעם וואס ער איז בנו יחידו של הקב"ה. אבער דער גוי אשר בקרבך פילט דאס ניט, גיט מען אים אביסל משקה כדי ער זאל ניט מבלבל זאיין. וביאור הענין אין תניא (פ"ט) זאגט ער דעם לשון וכמו ששני מלכים נלחמים על עיר אחת וגו', וואס די מלחמה איז דאך תמיד בכל יום ובכל עת ובכל שעה, דער דרך הלוחמים איז, ובפרט א מלחמה וואס ווערט נמשך לזמן ארוך מאד, אז לעת מן העתים מאכט

מען א הפסקה, וואס בזמן ההפסקה בעטראכט מען ווי צו פארבעסערן דעם פלאן פון דער מלחמה, וככל המשל הזה כן הוא במלחמת היצר, אז חסידים פארברייינגען איז דעמאלט א צאייט א הפסקה פון מלחמת היצר דעמאלט איז א שעת הכושר צו בעטראכטן ווי צו איינשפאנען דעם נפש הבהמית, דער טבע פון נפש הבהמית איז אז מי שפאנט אים שוין איין, שלעפט ער נאר דער עיקר שווערקייט איז לכתחילה דער איינשפאנען, און חסידות גיט א פולע עצות ווי צו איינשפאנען דעם נפש הבהמית, און בשעת אז חסידים פארברייינגען איז דעמאלט די פאסיקע צאייט אויף אריין טראכטן אין די אלע עצות וואס עס איז פאראן בתורת החסידות און ברייינגען זיי אל הפועל. כל בעלי השיר יוצאין בשיר זאגט דער אלטער רבי אז דאס גייט אויך אויף דעם נפש הבהמית מיט שיר שלעפט מען ארויס דעם נפש הבהמית, רוח הבהמה היא היורדת למטה און מיט שיר שלעפט מען איר ארויס אז זי זאל ניט שלעפן למטה, וואס דערפאר האט דער אלטער רבי גיהייסין חסידים לערנען זאך נגינה.

און דאס איז נאך א טעם וואס חסידים דארפן נעמען משקה ווארילע נגינה איז פארבונדן מיט משקה אז מינעמט אביסל משקה זינגט זאך בעסער. מכל המבואר איז פארשטאנדיק ווי וויכטיק איז א חסידעשע ביסל משקה איז, עס איז פאראן א ווארט פון החסיד ר' זלמן משה ע"ה, אז עס גייט דורך א צאייט און מי נעמט ניט מיט חסידים אביסל משקה ווערט מען פארשימלט, אויך איז ידוע דער סיפור פון א חסיד וואס ער איז גיוועזן פון גדולי החסידים פון דעם רבי צמח צדק און ער פלעגט דאווענען באריכות גדולה און בשעת אז פלעגט זאיין א חסיד'שער פארברייינגען פלעגט ער קומען דער ערשטער, ויהי רצון אז מי זאל מחזק זאיין די קביעות פון לימוד התורה וליקוטי תורה ברבים אז מילערנט ברבים לכה"פ קצת לעיונא ווערט במילא א התעוררות אויף צו מאכן א פארברייינגען, דער רבי דער צמח צדק נ"ע האט איינעם פון זאיינע קרובים מקרב גיוועזן מער פון אלע קרובים דערפאר וואס ער האט זאך מטריח געווען ברייינגען פאר חסידים משקה.

וכפי המבואר איז גוט פארשטאנדיק, די צייט וואס חסידים נעמען אביסל משקה איז דאס א גליקלעכע צייט, לבד זאת וואס דאס איז מנוחת הנפש מ'ווערט פראיי פון דעם יצר הרע, איז אויך די צייט מסוגל אז מ'זאל קומען צו זיך און זאך באטראכטן וואס מ'האט געטאן און וואס מ'דארף להבא טאן, וואס דעם חשבון קען מען מאכן נאר בא אביסל משקה, אז מ'ווערט באפרייט פון דעם יצר הרע, ווײלע אזוי סתם ניט בא אביסל משקה, איז ניט שייך צו מאכן א בעטראכט ווײלע דער יצר הרע פארדרייט אזוי די קאף אז מ'ווייס ניט אויף וואס פאר א וועלט מ'איז.

והדברים ק"ו, אויב אז דעם מיטעלן רבי'נס חסידים, וואס זיי זיינען געווען א דור דעה און גשמיות האט בא זיי ניט בעטראפן און רוחניות האט זיי ניט געפעלט, און זיי זיינען געווען אין א זמן וואס דער חושך כפול ומכופל איז גאר ניט געווען ווי יעצט, והראי' אז דענסטמאלט איז ניט געווען קיין גזירה "מיהו יהודי", ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט געזאגט אז די גזירה "מיהו יהודי" איז א סימן אז יעצט איז דער חושך כפול ומכופל ביותר, ומ"מ איז בא זיי געווען יקר דער ענין פון נעמען מיט חסידים אביסל משקה באופן אז זיי האבן געהאט גרויס צער פון דעם העדר, על אחת כמה וכמה אנן, בא אונדז איז דאס פיקוח נפש ממש.

דער בעש"ט האט געזאגט אז אין יעדער זאך איז פאראן דער יצר הרע איז אויף דערוף גופא אויך פאראן דער יצר הרע, ער פארגינט ניט אז חסידים זאלן האבן מנוחה, איז ער זיך משתדל אז עס זאל זיין וואס ווייניקער חסידי'שע פארברענגען'ס.

דארף מען אים אויף צו להכעיס, אפטער מיט חסידים נעמען אביסל משקה, און לבד זאת וואס א חסידי'שע ביסל משקה איז מדרכי החסידות און עס איז א ענין נעלה ביותר כמבואר אין די ליקוטי דיבורים פון דעם רבי נ"ע, קען גאר זיין אז עפ"י נגלה איז מען עתיד ליתן את הדין פארוואס מ'האט פארפעלט נעמען מיט חסידים אביסל משקה.

עס שטייט אין שו"ע עתיד אדם ליתן דין וחשבון על כל מה שראתה עינו ולא אכל, איז אויב פאר ולא אכל וועט מען דארפן אפגעבן דין וחשבון, וואס דאס איז הנאת הגוף, איז מכ"ש פאר ולא שתה וואס דאס איז רפואת הנפש און דער שכל הישר איז אויך אזוי מחייב.

דער אויבערשטער האט באשאפן יין שרף און האט אין אים אריינגעגעבן א כח נפלא וואס ער איז מגלה די פנימיות און פארשלעפרט דעם נפש הבהמית און איז משמח אלקים ואנשים מכניס אהבה ומוציא שנאה, איז אז מ'נוצט זיך ניט מיט א חסידי'שע ביסל משקה, איז מען אויף זיך אליין א גזלן.

ובזה יומתק וואס הת' הנע' ר' מ"מ יחי' פוטערפאס האט געטייטשט ועל חטא שחטאנו לפניך במאכל ובמשתה, חטא איז לשון חסרון, שחטאנו במשתה הייסט וואס מ'האט פארפעלט נעמען מיט חסידים אביסל משקה.

דער רבי דער צ"צ נ"ע האט געזאגט, דאס וואס חסידים קענען אויפטאן בא אביסל משקה, קען דאס א רבי אויך ניט. האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים - האט דער הייליקער רוז'ינער געטייטשט, יקרא לשון קרירות , באחרית הימים וועט זיין קאלט, און די עצה צו די קעלט איז, הקבצו, און פארשטייט זיך אז הקבצו מיינט מען מיט א ביסל משקה.

יהי רצון אז מ'זאל זיין געזונט בגו"ר, און מ'זאל אפטער מיט חסידים נעמען א ביסל משקה.

ב"ה "משנכנס אדר מרבים בשמחה"

וידבר ה' אל משה וגו' בקרבתם לפני ה' וימותו, הרב הצדיק הגאון ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו זאגט אז דער חטא פון די בני אהרן איז גיווען וואס זיי האבן געוואלט דינען דעם אויבערשטן ניט דורך דעם רבי'ן משה רבינו, וז"ל ויקרבו עצמן לפני ה' שהם יקבלו מהשי"ת ולא ע"י משה לכן נתבטלו ממציאותן ונשרפו, והוא הדין בכל ישראל ובכל דור ודור השי"ת צימצם לגדול הדור וממנו לתלמידיו ומהן לכל ישראל והרוצה ללמוד בעצמו ולהתקרב בעצמו להשי"ת שלא על ידי המשכת הצינורות מרבם חייב מיתה וזהו בקרבתם לפני ה' כו' כלומר קרבו עצמן להשי"ת שלא על ידי המשכת הצינורות למשה לכן קרה להם כה, עכ"ל.

פון די ווערטער וואס הרב הצדיק מבארדיטשעוו זאגט אז בכל דור ודור השי"ת צימצם שכינתו לגדול הדור וממנו לתלמידיו ומהן לכל ישראל איז פארשטאנדיק אז מי מוז טאן אלעס כפי הוראת גדול הדור, יעצט מאנט דער רבי שליט"א אז מי זאל מוסיף זאיין בלימוד התורה וקיום המצוות ובשמחה דוקא, דארף מען פארשטייען: דער רמב"ם זאגט דאך אז עבודה בשמחה איז א עבודה גדולה, ובפרט בזמן הזה אז נתקטנו המוחות והלבבות איז ווי אזוי קאן מען צוקומען צו שמחה, וביאור הענין וועט מען דאס פארשטעייען עפ"י משל הידוע, אמלך האט גיהאט צוויי זין דער עלטערער זון איז גיווען א חכם און דער קלענערער זון איז גיווען א פשוט, האט דער מלך גיבעטן זאיינעם א ידיד וואס ער איז גיווען א חכם גדול אז ער זאל אכטון געבן אויף זאיינע ביידע זין און זאל געבן אים א בעריכט וואס איז זאיין מיינונג וועגן זאיינע זין, דער ידיד המלך האט זאך גוט צוגיקוקט צו דער הנהגה פון די ביידע זין און איז גיקומען צו דעם מלך און האט גיזאגט אז ער איז אין גרייס התפעלות דוקא פון דעם קלענערן זון דעם פשוט, דער עלטערער זון איז א חכם איז קיין חידוש ניט אז ער פירט זאך ווי א חכם דארף זאך פירן אבער דער זון דער פשוט אז זאיין הנהגה איז על דרך ווי א הנהגה פון א חכם דאס איז אגרייסער חידוש און פון דערויף איז דער ידיד המלך שטארק נתפעל גיווארן.

וואס אין דער נמשל איז דער מלך, ממה"מ הקב"ה דער ידיד המלך איז משה רבינו, דער אויבערשטער האט געוויזן משה רבינו אלע דורות וואס אין זיי זאיינען גיווען צדיקים גדולים קדושים וטהורים, איז פון וועמען איז משה נתפעל גיווארן דוקא פון דעם דור דעיקבתא דמשיחא, פון די נשמות הנמוכות קטני המוחין און פונדעסטוויגן וועלן זיי האבן גרייס מס"נ אויף לימוד התורה וקיום המצוות, דוקא פון די נשמות איז משה רבינו גיווען אין גרויס התפעלות, וכידוע דער ביאור אין חסידות אויף דעם פסוק והאיש משה עניו מאוד מכל האדם אשר על פני האדמה, אז האדם אשר על פני האדמה, גייט דאס אויף דעם דור וואס פאר משיח'ן.

איז אז מי איז זאך מתבונן אין דעם ענין בעקומט מען רוממות הנפש ושמחה רבה.

דער אוה"ח הקדוש זאגט אז גאולה הראשונה איז גיווען בזכות אברהם אבינו והשנית בזכות יצחק אבינו והשלישית בזכות יעקב אבינו והגאולה האחרונה וועט זאיין בזכות משה רבינו ויהי רצון אז משה רבינו זאל ברייננגען די גאולה האחרונה בקרוב ממש.

ד"ש חמה לכל אנ"ש. אשר ס.

ב"ה. משנכנס כסלו מרבים בשמחה;

אין היום יום שטייט אז פסח שני איז א הוראה אז עס איז ניטא קיין פארפאלן, מי שהי' טמא או בדרך רחוקה און האט ניט גיקאנט מקריב זאיין דעם קרבן פסח במועדו בי"ד בניסן, איז ניטא קיין פארפאלן און ער איז מקריב זאיין קרבן פסח, בפסח שני בי"ד באייר. און אזוי ווי נאך פסח קומט פסח שני כדי אז עס זאל ניט זאיין קיין פארפאלן, איז אזוי אויך נאך ראש השנה, קומט י"ט כסלו, ראש השנה, שני, אויך כדי אז עס זאל ניט זאיין קיין פארפאלן. ע"ד החסידות, איז טמא, הייסט דער וואס איז נכשל גיווארן ר"ל אין א דבר איסור, און דרך רחוקה, הייסט, תאוות היתר, קיין טמא ווערט מען ניט פון תאות היתר אבער דרך רחוקה איז דאס, דורך תאות היתר ווערט מען רחוק מהדרך הישר, וכשם אז דער וואס איז גיוועז טמא או בדרך רחוקה, בניסן איז ניטא קיין פארפאלן וואיילע נאך פסח קומט פסח שני, אזוי אויך דער וואס פילט אז ראש השנה איז ער גיוועז בדרך רחוקה ובמילא האט ער ניט אופגיטאן דאס וואס ער האט גידארפט אופטאן, איז אויך ניטא קין פארפאלן און נאך ראש השנה קומט י"ט כסלו, ראש השנה שני.

אויך א הוראה אז עס איז ניטא קיין פארפאלן, מי זאל ניט מיינען אז אויב ראש השנה איז מען גיוועז בדרך רחוקה מוז מען שוין דעם גאנצן יאר זאיין ל"ע בדרך רחוקה, איז אויף דערוף אי די הוראה אז י"ט כסלו איז ראש השנה שני, און פון י"ט כסלו קאן מען אוועקגיין פון דעם דרך רחוקה און גיין מיט דעם דרך הקרובה, און אלע ענינים וואס מי האט גידארפט אופטאן אין חדש תשרי, קאן מען זיי אופטאן אין חודש כסלו, י"ט כסלו איז חג החגים עס איז א חג וואס ער איז כולל כל החגים, י"ט כסלו איז ראש השנה און אויך שמחת תורה סיום התורה, סיום התניא (תורה שבכתב), אלע חגים וואס שטייען מפורש אין דער תורה איז יעדער חג האט א בעזונדערן זמן, י"ט כסלו איז א חג וואס ער שטייט ניט מפורש אין דער תורה קאן ער כולל זאיין כל החגים בזמן אחד, ר"ה, מתן תורה, שמחת תורה וכו' וכו', ע"ד ווי אין עולם האצילות איז עשר אורות בתוך עשר כלים, עשר ולא תשע, וויילע עולם האצילות איז סדר ההשתלשלות מוז יעדער אור האבן א

בעזונדערע כלי, משא״כ למעלה מסדר ההשתלשלות עולם העקודים איז עשר אורות עקודים בכלי אחד, עד״ז, איז י״ט כסלו דער חג פון פנימית התורה למעלה מסדר ההשתלשלות, איז ער כולל כל החגים וכל הענינים בזמן אחד, למעלה מסדר ההשתלשלות, איז הכל בהתכללות ובאחדות, י״ט כסלו איז ראש השנה לחסידות, דאס הייסט אז דאס איז א טאג וואס ער איז מסוגל לקבל עול החסידות צומאכן א החלטה להוסיף בלימוד החסידות בכמות ובאיכות, י״ט כסלו רופט זאך חג, חגים לשמחה, און שמחת סיום התניא (חתן תורה) והתחלת לימוד התניא (חתן בראשית), נאך י״ט כסלו, איז חנוכה, די גמר חתימה טובה, דער רבי נ״ע האט גיזאגט אין דעם פארברייינגען פון י״ט כסלו תרפ״ז בזה״ל, אין פוילעשע ספרים שטויט אז חנוכה איז די גמר חתימה טובה זאל דער א׳ געבן א גמר חתימה טובה עכ״ל דאס וואס חנוכה איז די גמר חתימה טובה איז אויך א הוראה אז עס איז ניטא קין פארפאלן. מי שהי׳ בדרך רחוקה בשעת אז עס איז געווען די גמר חתימה טובה בחודש תשרי, איז ניט קיין פארפאלן און מי האט די גמר חתימה טובה בחנוכה.

אז דער אלטער רבי האט גיפראוועט דעם ערשטן מאל די סעודת י״ט כסלו איז דער אלטער רבי גיגאנגען ארום אלע טישן וו דער עולם איז גיזעסן און האט גיטיילט משקה און האט גיזאגט אידן עסט און טרינקט א גרויסער נס האט אונז גישען.

חג שמח פ״ש חמה לכל אנ״ש.

ב"ה.

משנכנס כסליו מרבים בשמחה

דער רבי נ"ע זאגט אז תורת החסידות איז א תורה שלימה, כשם ווי אויף תורה בכלל זאגט די גמרא (שבת, פ"ח ע"א), דרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא בריך רחמנא דיהיב אוריאן תליתאי לעם תליתאי על ידי תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי. אזיי אויך דארף מען זאגן אויף תורת החסידות חב"ד, בריך רחמנא דיהיב אוריאן תליתאי חב"ד, חכמה, בינה, דעת, לעם תליתאי, דער רבי נ"ע זאגט אז תורת החסידות איז גיגעבן גיווארן ניט נאר צו א סוג מיוחד נאר צו אלע אידן און אלע אידן טיילן זאך אויף דראיי סוגים, חסידי חבד, חסידי פולין, און סתם אידן, על ידי תליתאי, דער אלטער רבי נ"ע איז דער דריטער פון דעם בעש"ט, אויך על ידי תליתאי דורך דראיי, אין קוראין אבות אלא שלשה, די אבות פון תורת החסידות זאיינען דראיי, דער אלטער רבי, דער מיטעלער רבי און דער צ"צ, ביום תליתאי דער ערשטער י"ט כסלו איז גיוועזן ביום ג' לשבוע, בירחא תליתאי, כסלו איז דער דריטער חודש פון תשרי, וכשם ווי תורה בכלל איז כולל, תורה שבכתב און תורה שבעל פה און ראשונים ואחרונים, אזיי איז אויך תורת החסידות חב"ד: תניא, איז תורה שבכתב, ליקוטי תורה איז תורה שבעל פה, דער רמב"ם פון תורת החסידות איז תורת הרש"ב, און די אחרונים פון תורת החסידות זאיינען די נשיאים הבאים אחריו, י"ט כסלו איז ראש השנה לחסידות, כשם אז מי שהי' טמא או בדרך רחוקה און האט ניט גיקאנט פראווען פסח איז ניטא קיין פארפאלן און עס איז פאראן פסח שני, אזיי אויך מי שהי' בדרך רחוקה בחודש תשרי און האט ניט אופגיטאן בחדש תשרי דאס וואס ער האט גידארפט אופטאן, איז אויך ניטא קיין פארפאלן און עס איז פאראן נאך אמאל ראש השנה י"ט כסלו, כשם אז דורך דעם קבלת עול פון ראש השנה ווערט נמשך חיות על כל השנה, אזיי אויך דורך דער החלטה פון י"ט כסלו לערנען חסידות בהתמדה ובעיון ווערט נמשך חיות אויף דעם גאנצן יאר, דער רבי נ"ע האט גיזאגט י"ט כסלו תרפ"ז, בזה"ל, עס שטייט אין פוילעשע ספרים אז חנוכה איז די גמר חתימה טובה, זאל דער אייבערשטער געבן א גמר חתימה טובה עכ"ל, לכאורה

דארף מען פארשטייען, עס איז דאך ידוע אז הושענא רבה איז די גמר חתימה טובה.

וביאור הענין הוא, מלכותא דארעה כעין מלכותא דרקיע, פון דער הנהגה פון מלכותא דארעה קאן מען וויסן ווי די הנהגה איז אין מלכותא דרקיע, בנוהג שבעולם איז, אז מי האט א משפט און ס'פעלן זכיות אויף צו געווינען דעם משפט, איז מען זאך משתדל אז מי זאל דעם משפט אפלייגן, די מעלה פון אפלייגן דעם משפט איז ראשית איז בת דינא בטל דינא, והשנית איז מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל, אפשר שפעטער וועט מען גיפונען זכיות און מי וועט זוכה בדין זאיין, וואס אזיי אויך איז כמלכותא דרקיע, די וואס האבן גוטע זכיות, איז צדיקים לאלתר לחיים און הושענא רבה באקומט מען די גמר חתימה טובה, אבער אזיינע וואס בא זיי פעלט זכיות לייגט מען אף זייער משפט ביז חנוכה און חנוכה באקומען זיי די גמר חתימה טובה.

ויהי רצון אז מי זאל י"ט כסליו מאכן די החלטה להוסיף בלימוד התורה וליקוטי תורה און חנוכה זאל זאיין די גמר חתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות בהטוב הנראה והנגלה און עס וועט זאיין שנת לימוד התורה וקיום המצוות בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה.

משנכנס כסליו מרבים בשמחה

ואנכי הסתר אסתיר פני ביום ההוא וגו'. וואס דאס גייט אויף דעם זמן הגלות וואס בזמן הגלות איז דער חושך כפול ומכופל. דארף מען פארשטיין דעם חילוק פון הסתר און הסתר אסתיר. וואס באמת איז דער חילוק באין ערוך. וכידוע אז דער בעש"ט האט געזאגט אז פאר הסתר האט ער ניט קיין מורא, אבער פאר הסתר אסתיר האט ער מורא. איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער חילוק איז באין ערוך. דארף מען פארשטיין וואס איז דער עיקר החילוק.

וביאור הענין הוא. עולם איז מלשון העלם, וואס דערפאר איז אפילו עולם האצילות און אפילו חכמה דאצילות איז כעשי' גופנית לגבי' עצמותו ית', הייסט דאס אז אפילו אצילות איז העלם והסתר, והגם אז לגבי' בי"ע איז אצילות סובב, מ"מ לגבי' עצמותו ית' איז אצילות כעשי' גופנית און עס איז העלם והסתר. ומכ"ש עולם הבריאה וואס דאס איז יש הנברא איז דאך געוויס העלם והסתר, ומ"מ איז דער העלם והסתר פון עולם היצירה באין ערוך לגבי' דעם עולם הבריאה כמ"ש יוצר אור ובורא חושך וואס בריאה רופט מען חושך לגבי' יצירה, וכמבואר בחסידות דער פירוש דערפון, און אזוי אויך עולם העשי' לגבי עולם היצירה, ובפרט עולם הזה הגשמי שאין תחתון למטה הימנו איז דאך דער העלם והסתר פון עולם הזה באין ערוך לגבי עולמות הרוחניים, איז פון דעם אלעם פארשטאנדיק אז אין דעם ענין פון העלם והסתר איז פאראן רבוי רבבות מדריגות פון עולם הזה הגשמי ביז חכמה דאצילות, ואעפ"י אז עס איז מבואר אין תניא (פ' מ') אז עולם הזה הוא עולם השפל בב' בחינות כי ההארה שבו מצומצמת מאד עד קצה האחרון ולכן הוא חומרי וגשמי וגם זאת הוא בלבושים ומסכים רבים וגו', איז דאך דער העלם והסתר פון עולם הזה עד קצה האחרון, מ"מ כל זמן אז מען פילט דעם העלם והסתר דאס הייסט אז מען פארשטייט און מען פילט אז דער אמת איז ניט אזוי, נאר מער-ניט וואס עס איז פאראן א דבר וואס איז מסתיר אויף דעם אמת, איז וואס פאר א הסתר עס זאל ניט זיין אבער וויבאלד אז מען פארשטייט

און מען פילט אז עס איז א הסתר איז דאס נאר הסתר און ניט הסתר אסתיר, משא"כ אבער ל"ע אז מען פילט ניט דעם הסתר דאס הייסט אז מען פילט ניט אז עס איז היפך האמת, ע"ד ווי ר' הלל פאריטשער האט געזאגט אז מען געוואוינט זאך צו צו דעם חושך און מען מיינט אז דער חושך איז אור, דאס איז הסתר אסתיר, דאס הייסט אז דער הסתר איז מוסתר און מען פילט ניט אז עס איז א הסתר. עס איז ידוע אז קודם התגלות הבעש"ט איז די וועלט געווען א גע'חלש'טע און דורך התגלות הבעש"ט האט די וועלט אפגעלעבט.

וביאור הענין הוא, תורה איז אור, דער אור התורה באלייכט דעם חושך הגלות, די דורות וואס זיינען געווען ביז דעם בעש"ט האט פאר זיי מספיק געווען דער אור התורה הנגלית וויילע עס איז נאך ניט געווען דער הסתר אסתיר, אין דעם זמן ווען עס איז געווען התגלות הבעש"ט וואס דעמולט האט די וועלט אנגעהויבן חלש'ן דאס הייסט אז עס האט זאך אנגעהויבן דער הסתר אסתיר, און כדי צו באלייכטן דעם חושך כפול ומכופל פון הסתר אסתיר האט געמוזט זיין התגלות הבעש"ט - התגלות תורת החסידות, און דעפאר שרייבט דער אריז"ל אז בדורות אלו האחרונים מצוה לגלות זאת החכמה.

וביאור הענין הוא, כשם ווי בכללות איז דאך ג' אבות, אברהם יצחק ויעקב, און עד אברהם הי' העולם מתנהג באפילה ואברהם התחיל להאיר, ויעקב הוא בחיר שבאבות, איז אזוי אויך די אבות פון תורת החסידות זיינען, דער בעש"ט, דער מגיד, און דער אלטער רבי, עד הבעש"ט הי' העולם מתנהג באפילה הבעש"ט התחיל להאיר, והבחיר שבאבות איז דער אלטער רבי וואס ע"י איז נתגלה געווארן תורת החסידות חב"ד, און דורך תורת החסידות בכלל, ובפרט תורת החסידות חב"ד, איז מען מהפך דעם חושך כפול ומכופל פון דעם הסתר אסתיר לאור, וכידוע אז דער אלטער רבי האט געזאגט אז ער האט מדחה געווען דעם חושך אויף הונדערט יאר, איז פון דערוף אלעס פארשטאנדיק אז יעצט אין דעם זמן פון הסתר אסתיר און חושך כפול ומכופל איז מוכרח לימוד החסידות בכלל, ובפרט ליקוטי תורה, וכידוע אז א מאל פלעגן חסידים זאגן אז מען קאן ניט שטעלן זאך דאוונען איידער מען לערנט ליקוטי תורה, ויהי רצון אז מען זאל

מחזק זיין מבצע ליקוטי תורה וועט דאס ממילא געבן א חיזוק און א חיות אין אלע מבצעים הפך בה והפך בה דכולא בה ווי דער רבי רש״ב נ״ע האט געזאגט אז ליקוטי תורה איז אם כל חי, דער מקור החיות איז ליקוטי תורה.

ב"ה.

משנכנס כסליו מרבים בשמחה, י"ט כסליו איז ר"ה לחסידות און מתן תורה פון חסידות, (און שמחת תורה פון חסידות ווייל מ'איז דאך מסיים תורה שבכתב פון חסידות (תניא)), אין סדר ההשתלשלות איז דאך א סדר זמנים יעדער יום טוב האט זיין זמן, ראש השנה איז ענינו קב"ע, איז זיין זמן א' תשרי, שבועות איז מתן תורה, איז אנאנדער זמן, ו' סיון, שמחת תורה איז א בעזונדער זמן למחר נאך שמיני עצרת, און אזוי אויך אלע מועדים יעדער יום טוב האט זיין זמן איז דאס אזוי אין סדר ההשתלשלות, משא"כ פנימית התורה איז דאך א גילוי מלמעלה מסדר ההשתלשלות, איז דאך למעלה מן הזמן קאנען זיין כמה ענינים בזמן אחד (עקודים בכלי אחד) דערפאר רופט זאך י"ט כסלו חג החגים עס איז א חג וואס אין עם זיינען כלול אלע חגים, דער רבי נ"ע זאגט אז חסידות איז א תורה שלימה, תניא איז תורה שבכתב, ליקוטי תורה איז תורה שבעל פה די חסידות פון רבי רש"ב נ"ע איז, רמב"ם, און די חסידות וואס נאך דעם רבי רש"ב נ"ע איז אחרונים, איז כשם אזוי ווי בנגלה דתורה, איז דאך דער מקור פון כל הראשונים והאחרונים, די גמרא, איז כמו"כ אזוי אויך דער מקור פון כל הראשונים והאחרונים פון חסידות, איז ליקוטי תורה, ווי כ"ק אדמו"ר שליט"א האט גיזאגט אז אין ליקוטי תורה איז אלעס פאראנען, ליקוטי תורה איז די גמרא פון חסידות וד"ל, איז היות אז תורת החסידות איז א תורה שלימה איז כשם ווי די גמרא זאגט אין שבת ד' פ"ח ע"א, דרש ההוא גלילאה עלי' דרב חסדא, בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי לעם תליתאי ע"י תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי איז כמו"כ אזוי אויך דארפן מיר זאגען, בריך רחמנא דיהב אוריאן תליתאי, תורת חב"ד איז תליתאי, חכמה, בינה, דעת, לעם תליתאי, דער אלטער רבי נ"ע האט גיזאגט אז תורת החסידות איז ניט נאר צו איין סוג אידן נאר צו אלע אידן, און אלע אידן טיילן זאך אף דריי סוגים (תליתאי) חסידי חב"ד, חסידי פולין, סתם אידן, על ידי תליתאי, עס איז ידוע אז דער אלטער רבי פלעגן רופען דעם בעש"ט זיידע, איז דאך דער אלטער רבי תליתאי, דער בעש"ט, דער מגיד, דער אלטער רבי, ביום תליתאי דער ערשטער י"ט כסלו איז גיווען ביום ג'

(דינסטיג) בירחא תליתאי, כסלו איז דער דריטער פון תשרי, מתן תורה איז גיווען אין סיון וואס ער איז סמוך לניסן, ווייל ניסן איז דודי לי, און תורה איז אויך דודי לי מלמעלה למטה, מתן תורת החסידות איז גיווען אין כסלו סמוך לתשרי, אני לדודי ווייל חסידות האט מגלה גיווען די מעלה פון דעם מטה פון דעם גוף ונפש הבהמית וכמבואר בליקוטי תורה אז נאר דורך דעם נפש הבהמית קומט מען צו צו דער אהבת בכל מאודך וואס דאס איז דער תכלית ירידת הנשמה בגוף, און ווי עס איז ידוע וואס דער בעש"ט האט גיזאגט אף דעם פ' וחדלת מעזוב לו, עזוב תעזוב עמו, ביז דעם בעש"ט, איז גיווען וחדלת מעזוב לו, דער גוף, ונפש הבהמית איז גיווען דברים מאוסים מ'האט זיי גיפייניגט אז זיי זאלען ניט שטערען און ניט מבלבל זיין לעבודת ה', תורת הבעש"ט האט אויפגיטאן אז עזוב תעזוב עמו אז מ'בעדארף דינען דעם אויבערשטן נאר מיטן גוף ונפש הבהמית און דוקא דורך זיי פירט זאך אויס די כוונה פון דירה בתחתונים וכיתרון האור הבא מתוך החושך דוקא, המעשה הוא העיקר איז בהנוגע לפועל, י"ט כסלו איז ר"ה, קבלת עול, מ'בעדארף ביום זה בעת רצון מאכן א החלטה מיט קבלת עול אף צו לערנען חסידות לעיונא ובשמחה רבה וואס מיר האבען זוכה גיווען צו דעם גילוי אור החסידות עס איז דאך ידוע וואס שטייט אין זוהר אז תורה הניגלית איז גופא דאורייתא און פנימית התורה איז נשמתא דאורייתא איז כשם ווי אז עס ווערט נמשך און ס'ווערט נתפשט די נשמה אין גוף לעבט דענסמאלט דער גוף, אזוי איז אז מ'איז זאך עוסק בלימוד החסידות ווערט די תורה וואס רופט זאך גוף א לעבעדיקע און במילא ווערט די גאנצע וועלט א לעבעדיקע און ווי מ'זאגט אז חסידות איז חיות לעבען, און דאס איז וואס ס'גייט יעצט אין דער וועלט א ווארט אז מי בעדארף מאכען א לעבען, אז מ'לערנט חסידות לעיונא הייסט דאס אז מי מאכט א לעבן.

ב"ה.

משנכנס תמוז מרבין בשמחה, עס איז ידוע וואס מען פרעגט פארוואס איז דוקא משנכנס אדר מרבין בשמחה, עס איז דאך פאראן חדשים וואס אין זיי איז געווען מערער ניסים און לגמרי למעלה מדרך הטבע, און אזוי ווי חודש ניסן וואס ער איז געווען פול מיט ניסים מכת בכורות, יציאת מצרים, קריעת ים סוף וכו' וכו' און מ"מ אויף ניסן שטייט ניט מרבין בשמחה, און דוקא אדר וואס דער נס איז געווען מלובש בדרך הטבע שטייט ביי איהם מרבין בשמחה. און מען קען ניט זאגען אז ווייל אין אדר איז די סכנה געווען גרייס להשמיד ולהרוג את כל היהודים ר"ל, דערפאר איז די שמחה אויך גרויס משא"כ בניסן, שטייט דאך מפורש אין פסוק אמר אויב ארדוף אשיג וגו', איז דאך אין ניסן אויך די סכנה געווען אויף דעם גאנצן כלל ישראל, און מ"מ שטייט ניט אויף ניסן, משנכנס ניסן מרבין בשמחה.

איז דאך ידוע דער ביאור דערפון דער נס פון פורים איז געקומען לאחר דעם מסירת נפש וואס זיי האבן געהאט א גאנצן יאהר ביז זיי זיינען צוגעקומען צו קיימו וקיבלו את אשר החלו לעשות, אז מתן תורה איז געווען מערניט ווי א התחלה לגבי פורים, דאס הייסט אז צו דעם נס פון פורים זיינען זיי צוגעקומען דורך דעם מסירת נפש וואס זיי האבן געהאט א גאנצן יאהר מלמטה למעלה, משא"כ די ניסים און גילויים וואס זיינען געווען בחודש ניסן און אזוי אויך בחודש סיון איז דאס געווען בדרך מלמעלה למטה. דער טבע וואס דער אויבערשטער האט מטביע געווען אויף דעם מענטשן איז, אז מען באקומט א מתנה אפילו אז עס איז א הון עתק שלא עמל בו, מ"מ איז ניט בערך די שמחה וואס מען האט אין א מתנה לגבי די שמחה וואס ווערט פון דערויף וואס מען דעגרייכט ע"י עבודה ויגיעה ובפרט דורך מסירת נפש, וכמבואר בחסידות בכמה מקומות דער טעם וואס עס דארף זיין דוקא עבודה כדי עס זאל ניט זיין קיין נהמא דכסופא וכו'.

בעבודת הנבראים איז די העכסטע מדריגה מסירת נפש, איז אז א נברא דערגרייכט גאר צו די העכסטע מדריגה, מסירת נפש, איז קיין גרעסערער שמחה פון דערוף ניטא, און דעפאר איז משנכנס אדר

מרבין בשמחה ווילע מ'איז צוגעקומען צו מסירת נפש. צייט-ווייליקע מסירת נפש איז דא ביי יעדער אידען, אבער שטייען אין די מדריגה פון מסירת נפש א משך זמן מה, דאס איז שיין א הייכע מדריגה ווי דער רבי שליט"א האט מבאר געווען דעם ענין פון אלמלא נגדוה וכו', פורים איז געקומען נאך דעם יאהר פון מסירת נפש וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען, י"ב תמוז איז געקומען נאך די זיבן יאהר מסירת נפש וואס דער רבי נ"ע איז אויסגעשטאנען פון תר"פ ביז תרפ"ז, וכידוע אז דער מנהג פון דער מלכות הרשעה אין יענער צייט איז געווען א א מענטש וואס איז זיי ניט געפעלען האבן זיי געשאסן בלי שום משפט, און ווער האט נאך געטאהן נגד דער ממשלה אזוי ווי דער רבי נ"ע און נאך בפרהסיא וכידוע אז אין יענע יאהרען האט די ממשלה צושאסען טויזענטע מענטשן בלי שום משפט, און ווי מיר האבען דאס געזעהן צום סוף בפועל אז זיי האבען מחליט געווען דן זיין דעם רבי'ן נ"ע להיפוך החיים, ווי דער רבי נ"ע האט דאס געשריבען אין זיין צעטיל הידוע.

מכל זה מובן אז אזוי ווי משנכנס אדר מרבין בשמחה ווילע פורים קומט נאך דעם יאהר פון מסירת נפש, אזוי אויך משנכנס תמוז מרבין בשמחה ווילע י"ב תמוז קומט נאך די זיבן יאהר מסירת נפש בפועל פון רבינו נ"ע, דורך שמחת י"ב תמוז נעמט מען מסירת נפש אויף א גאנצן יאהר להוסיף בלימוד התורה (וליקוטי תורה) בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה.

משנכנס תמוז מרבים בשמחה, י"ב תמוז און פורים זיינען בחד דרגא נאר די נפקא מינא איז, וואס פורים האבון געהאט מסירת נפש אלע אידן, און י"ב תמוז האט זעך מוסר נפש געווען דער נשיא הדור, און הנשיא הוא הכל האט ער ממשיך געווען דעם כח פון מסירת נפש אויף אלע אידן בכלל און אויף חסידים בפרט, און מיט דעם כח און זכות האבון שפעטער אויף חסידים גיהאט מסירת נפש און מ'איז ארויס פון די שיני האריות בשלום, עס איז ידוע וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א בריינגט א פולע מאל דעם ווארט פון דעם בעש"ט, הקורא את המגילה למפרע לא יצא, און אויך פון דעם האריז"ל אויף נזכרים ונעשים, און דעם רבי שליט"א איז מבאר אז יעדער יום טוב ווערן נמשך די ענינים פון דעם יום טוב אזיי ווי דאס איז געווען בפעם הראשון פון דעם יום טוב ווערן די ענינים נמשך אויף דעם גאנצן יאר, וכמו פסח איז זמן חרותינו יציאת מצרים, ווערט יעדער פסח נמשך דער ענין פון יציאת מצרים, און פון פסח ווערט נמשך אויף אגאנץ יאר, און אזוי אויך שבועות זמן מתן תורה, און אזוי אויך אלע ימים טובים, י"ב תמוז ווערט נמשך א כח אויף מסירת נפש אויף אלע אידן בכלל און אויף חסידים בפרט. וביאור הענין הוא, מי דארף פארשטייען קלאר וואס בעדייט דעם שם חסיד, אין תניא ווערן מבואר אלע מדריגות פון רשע ורע לו ביז א צדיק גמור, נעמט דאס ארום אלע אידן מראש כל דרגין עד סוף כל דרגין איז וואס איז נאך די מדריגה וואס רופט זעך בשם חסיד, מוז מען זאגין אז אלע מדריגות וואס ווערן מבואר אין תניא זיינען שמות התואר, דעם שם חסיד איז שם העצם דאס הייסט אז מי קאן זיין א רשע וטוב לו און זיין א חסיד, און מי קאן זיין א צדיק גמור און ניט זיין קיין חסיד, וביאור הענין הוא הרב הצדיק הגאון ר' לוי יצחק ז"ל מבערדיטשוב אין זיין ספר קדושת לוי שטעלט ער זעך אויף דעם פ' וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימותו, און ער פרעגט וואס איז געווען בעיקר דער חטא פון די שני בני אהרן, הגם אז רש"י בריינגט צוויי דעות וואס דער חטא איז געווען, אבער עס איז דאך אין מקרא יוצא מידי פשוטו און פון פשטות הכתוב איז משמע אז די סיבה פון מיתת שני בני אהרן

איז גיוועון דער בקרבתם לפני ה' איז דאך ניט מובן ווי האט גיקאנט זיין דעם בקרבתם לפני ה' א סיבה צו וימותו, עס שטייט דאך ואתם הדבקים בה' אלקי' חיים כולכם וגו' אז מי איז דבוק לה' איז חיים, לעבט מען, איז ווי קאן זיין דער בקרבתם לפני ה' א סיבה צו וימותו, און ער איז מבאר, אז נדב ואביהוא זיינען גיוועון גרויסע בעלי מדריגות. ווי רש"י זאגט אז משה רבינו האט גיזאגט צו אהרן'ען עכשיו אני רואה שהם גדולים ממני וממך, אבער זיי האבן גיוואלט דינען דעם א' ניט דורך דעם נשיא הדור נאר דירעקט, לפני ה' אן א ממוצע, און דאס איז דער פירוש פון בקרבתם לפני ה', און דערפאר איז גיוועון דער וימותו, און ער איז מבאר, אז דער אויבער' האט איינגישטעלט דעם סדר אין עולם אז אלע השפעות ווערן נמשך דורך דעם נשיא הדור, און אלע דארפן פירן זעך כפי הוראת הנשיא, און דער וואס פירט זעך שלא כפי הוראה הנשיא איז ער חייב ר"ל היפך החיים און דאס איז גיוועון דער עיקר חטא פון די שני בני אהרן, און דערפאר איז גיוועון דער וימותו, און ער איז ממשיך און זאגט אז אטאדער סדר אז מ'מוז פירן זעך כפי הוראת נשיא הדור איז דאס ניט נאר אז משה רבינו איז גיוועון דער נשיא הדור, נאר בכל דור ודור מוזען אלע פירן זעך כפי הוראת נשיא הדור ההוא, ואם ח"ו לאו איז מען חייב ר"ל היפך החיים, עכ"ל, וואס פון דער תורה וואס דער באררדיטשעווער זי"ע זאגט האט מען א הוראה אז אפילו א צדיק גמור מוז אויך זיין א חסיד און פירן זעך כפי הוראת נשיא הדור ואם לאו איז דאס א גרייסער חטא, עד כדי אז מי איז חייב ר"ל היפך החיים. וביאור הענין הוא, דעם שם חסידים איז געווארון לאחר התגלות הבעש"ט, ובעיקר לאחר התגלות המגיד נ"ע, וואס זיינע תלמידים זיינען גיווארן רביים און די וואס זיינען גיווארן מקושרים צו די רביים האבון באקומען דעם שם חסידים, עס איז ידוע אז א מאל האט מען גיפרעגט בא איינעם פון די גדולי החסידים ער זאל זאגן וואס איז א חסיד אין קורצע ווערטער, האט ער גיזאגט אז א חסיד איז א איד א קלוגער ניט קיין גינארטער, דער פירוש פון די ווערטער איז, ניט קיין גינארטער, הייסט אז ער ווייס זיינע מעלות און ווייס זיינע חסרונות, און ניצט אויס די מעלות הן בנוגע לעצמו ובנוגע לזולתו, און איז זעך משתדל מתקן זיין די

חסרונות, א קלוגער רופט ער זאך וויילע ער טוט אלע עפ"י הוראת נשיא הדור ובמילא איז ער מצליח, מכל המבואר איז מובן אז די עיקר מעלה פון א חסיד איז וואס ער איז ניט קיין גינארטער און איז מקושר צו דעם נשיא הדור, און טוט אלעס כפי הוראת הנשיא, דער עיקר וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א מאנט יעצט איז מוסיף זיין בלימוד התורה, אליין, און משתדל זיין זעך אז אויך אנדערע זאלן מוסיף זיין בלימוד התורה, און משתדל זיין זעך מרבה זיין לימוד התורה ברבים. די מעלה פון תורה ברבים, איז דאך מבואר בתניא ובכ"מ, איז לבד זאת פראן א מעלה בתורה ברבים לגבי' תורה ביחידות, ווי דער בעש"ט זאגט אז אמאל קאן זיין ל"ע אז מבטלין תלמוד תורה מפני הוצאת המת, תורה דארף מען לערנען מיט א חיות, דארף מען אמאל מוציא זיין את המת כדי אז מ'זאל לערנען מיט א חיות, אבער בא תורה ברבים איז ניט שייך דער ענין פון מבטלין מפני הוצאת המת וויילע ציבור אינו מת, תורה ברבים איז אלע מאל מיט א חיות.

ע"ד ווי תרי"ג מצוות ניתנו לישראל בא חבקוק והעמידן על אחת וכמבואר בתניא פ' ל"ג, אזוי איז אויך בא כ"ק אדמו"ר שליט"א והעמידן על אחת להוסיף בלימוד התורה, וגדול תלמוד שמביא לידי מעשה, וכל האומר אין אלא תורה וכו' לכן צריך להיות תורה וליקוטי תורה.

ב"ה.

מתחילה עלה במחשבה שיתנהג העולם במדת החסד ראה שאין העולם מתקיים שיתף בו מדת הדין, ווארום והאלקים עשה את האדם ישר ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה, לעבדה זו רמ"ח מצוות עשה, ולשמרה זו שס"ה לא תעשה. און ווען ניט דער חטא עץ הדעת וואלט געווען דער מקום העבודה אין גן עדן און מלאכים היו צולין בשר והקליפות היו משמשים און די כוונה פון דירה בתחתונים וואלט זאך אויסגעפירט אין גן עדן און עס וואלט ניט געווען קיין גלות און צרות, אבער אז עס איז געווען דער חטא עץ הדעת איז דער חטא געווארן א סיבה און א התחלה צו אלע גלות'ן, וכמבואר כל זה בדרושי אדמו"ר מהר"ש נ"ע. וביאור הענין הוא, עס איז ידוע אז איינע פון די ענינים וואס דער בעש"ט האט אויפגעטאן איז אז די עבודה זאל זיין בשמחה, דארף מען פארשטייען עס איז דאך מפורש עבדו את ה' בשמחה, איז ווי קאן מען זאגן אז דאס איז א אויפטו פון דעם בעש"ט. וביאור הענין הוא פארשטייען דאס דארף מען מקדים זיין דעם משל הידוע פון א בן מלך וואס האט זאך פארזינדיקט, און דער מלך האט אים משלח געווען פון היכל מלכותו און האט אים פארשיקט למרחקים וואו עס געפינען זאך ווילדע מענטשן איז דאך פארשטאנדיק אז דער צער פון דעם בן מלך איז א כפול, ראשית וואס ער איז דערווייטערט געווארן פון דעם מלך, והשנית וואס ער דארף זאך געפינען צווישן ניט גוטע מענטשן, אבער די ערשטע צייט אז ער האט נאך גערדיינקט און געפילט זיין מעלה אז ער איז א בן מלך, און ער איז געווען מלא תקווה אז סוף כל סוף וועט דער מלך אים אומקערן צוריק להיכלו איז זיין מצב הרוח געווען א גוטער, אבער אז עס איז דורכגעגאנגען א זמן ארוך און ער איז נאך אלץ ניט בעפרייט געווארן און במשך כל הזמן האט ער געליטן גרויסע צרות און רדיפות פון די ניט גוטע מענטשן, איז פון צרות איז ער געווארן בא זיך אראפגעפאלן און ער האט אויפגעהערט פילן זיין מעלה אז ער איז א בן מלך און זיין האפענונג אז ער וועט בעפרייט ווערן איז געווארן זייער שוואך, אבער עס איז דאך רחמי האב על הבן האט דער מלך אויף אים רחמנות געהאט און האט גישיקט צו אים שרים גבוהים חכמים גדולים אז זיי זאלן

דערהייבן זיין מצב הרוח, און זיי האבן מיט אים געלערענט חכמות עמוקות אזוינע חכמות וועלכע ער האט פון זיי ניט געוואוסט אפילו זייענדיק בהיכל המלך, אויך האט ער זאך דערוואוסט פון די שרים אז דארטן וואו ער געפינט זאך אין די מרחקים, זיינען פאראן פארגראבענע אוצרות פון אבנים טובות ומרגליות, און אויב ער וועט זאך מטריח זיין און וועט דערגרייכן די אבנים טובות וועט ער גורם זיין דעם פאטער דעם מלך א גרויסן נחת רוח און דער מלך וועט זיין דערפון בשמחה גדולה און וועט האבן פון אים נחת מער ווי ער האט געהאט בשעת אז ער איז געווען בהיכלו קודם שחטא, ווייל אזוינע אבנים טובות זיינען ניטא באוצר המלך און זיי געפינען זאך נאר אין די מרחקים, איז דאך פארשטאנדיק אז דער בן מלך האט זאך אפגילעבט און האט זאך גענומען גראבן די אוצרות פון די אבנים טובות בשמחה רבה און זיין מצב הרוח איז געווארן דערהויבן אז ער האט ניט געפילט זיינע צרות.

וככל המשל הזה וככל החזיון הזה עשה לנו אלקינו, עס איז דאך ידוע דער ווארט אז דעם ערשטן מאל איז די וועלט געווען א גע'חלש'טע פאר מתן תורה און דורך מתן תורה האט די וועלט אפגעלעבט, דעם אנדער מאל איז די וועלט געווען א גע'חלש'טע פאר דעם בעש"ט און דער בעש"ט האט די וועלט אפגעלעבט.

וביאור הענין הוא, אעפ"י אז נאך דעם חורבן בית שני האט זאך אנגעהויבן דער חושך פון דעם גלות האחרון, אבער אין די דורות פון די תנאים והאמוראים איז געווען גילוי אלקות ע"י תורה שבע"פ וואס די תנאים והאמוראים האבן מגלה געווען, שפעטער זיינען געווען די רבנן סבוראי און די גאונים, נאך שפעטער זיינען געווען דער רי"ף און דער רמב"ם און די בעלי התוספות, האט נאך אלץ די וועלט געלעבט, גאר שפעטער, דער דור וואס פאר דעם בעש"ט, האט שוין אנגעהויבן די וועלט חלש'ן, ווייל דער דור איז געווען ווייט פון דעם אור האבוקה וואס האט גילויכטן אין די דורות פון די תנאים והאמוראים, ובמילא האט זאך אנגעהויבן דער חושך כפול פון דעם גלות. וביאור הענין הוא, אין קורין אבות אלא לשלושה, די ג' אבות פון תורת החסידות דער בעש"ט דער מגיד און דער אלטער רבי, וואס ע"י איז

נתגלה געווארן תורת החסידות האבן די וועלט אפגעלעבט, וכידוע דאס וואס דער אלטער רבי האט געזאגט אז ער האט אפגישטופט דעם חושך אויף הונדערט יאר, קודם שנתגלה החסידות האט מען ניט געוואוסט דעם יתרון האור מתוך החושך, מ'האט נאר געוואוסט אז מפני חטאינו גלינו מארצינו, אז דער גלות איז אן עונש פאר די חטאים האט מען געווארט אז דער עונש זאל זאך ענדיקן און מ'זאל פטור ווערן פון גלות, ובמילא איז ניט געוועזן שייך אז די עבודה זאל זיין בשמחה, וכידוע אז דער רבי מהר"ש נ"ע פלעגט רופן די מתנגדים די אומעטיקע, וכידוע אז די ערשטע צייט אז מתנגדים פלעגן זען אז חסידים נעמען א ביסל משקה פלעגן זיי זאגן אז עס איז א גרויסע עוולה, און פלעגן טענה'ן איך נשיר על אדמת נכר, לאחר שנתגלה תורת החסידות איז געווארן בעוואוסט אז תכלית השלימות של ימות המשיח ותחיית המתים שהוא גילוי אור א"ס ב"ה בעוה"ז הגשמי תלוי במעשינו ועבודתנו כל זמן משך הגלות, איז אעפ"י אז מפני חטאינו גלינו מארצינו און דער גלות איז אן עונש פאר די חטאים אבער וויבאלד אז דורך דער עבודה פון דעם גלות וועט מען זוכה זיין צו אלע גילויים היותר נעלים איז אין לך שמחה גדולה יותר מזו, במילא איז מובן וואס דווקא לאחר התגלות הבעש"ט איז געווארן די עבודה בשמחה, וכידוע וואס ר' יקותיאל ליעפלער ע"ה פלעגט זאגן ויחי יעקב בארץ מצרים, אין מצרים און געלעבט, אין תורה אור אין מגלת אסתר זאגט דער אלטער רבי אז בכל דור ובכל זמן יש בחי' גילוי אלקות למטה בעולם השפל שלנו ג"כ בשינויי אופנים שונים, און רעכנט אויס אלע זמנים ביז דורות האחרונים און צום סוף זאגט ער יש זמן ועת פרטי שעיקר גילוי אלקות הוא בתפלה ויש עת וזמן פרטי בתורה ויש עת וזמן במצוה פרטי', גאר דער לעצטער זמן וואס דער אלטער רבי רעכנט אויס איז במצוה פרטי', וואס דאס זיינען די תשעה מבצעים: מבצע תורה, תפילין, מזוזה, צדקה, בית מלא ספרים, כשרות, נש"ק, טהרת המשפחה און מבצע חינוך. און כדי אז די עבודה פון די מבצעים זאל זיין בחיות ובשמחה דארף זיין מבצע ליקוטי תורה, וכידוע וואס דער רבי דער צמח צדק נ"ע האט געזאגט אז ליקוטי תורה איז ניט

נאר מחזק נאר עס איז מחי', ויהי רצון אז מען זאל לעבן מיט דער צייט יעדער וואך לערנען בעיון ליקוטי תורה פון פרשת השבוע.

ב"ה.

עס איז ידוע, אז לכתחילה איז געווען א סברא בא דעם אלטן רבי'ן מסדר זיין דעם תניא באופן, אז שער היחוד והאמונה זאל זיין חלק ראשון, דארף מען פארשטייען מעיקרא מאי קסבר, ולבסוף מאי קסבר. לכאורה איז דער טבע מחייב, אז שעהיוה"א דארף זיין חלק ראשון, ווייל האמונה והיחוד האמיתי איז עיקרא ושרשא דכולא, און אזוי ווי דער רמב"ם הויבט אן מיט יסוד היסודות ועמוד החכמות לידע שיש שם מצוי ראשון וכו' האט לכאורה דער אלטער רבי אויך געדארפט אנהויבן דעם תניא מיט וידעת היום והשבות אל לבבך וגו', אבער באמת כד דייקת בעומק בענין איז מובן, אז מהאי טעמא גופא, וואס האמונה והיחוד האמיתי איז דער עיקר און דער יסוד פון אלעס, דארף שעהיוה"א ניט זיין חלק ראשון.

וביאור הענין הוא, דהנה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, זאגט דער זוהר סולם דא צלותא, און חסידות איז מבאר, אז אזוי ווי א סולם האט שליבות אזוי אויף האט תפילה ד' שליבות, וכנגד די ד' עולמות, ביז פסוד"ז איז עולם העשי', פסוד"ז איז עולם היצירה ברכות ק"ש און ק"ש איז עולם הבריאה, און שמו"ע איז עולם האצי', האט מען דאך געקאנט לכאורה פרעגן וויבאלד שמו"ע איז אין אצי' האט מען גלייך געדארפט אנהויבן פון שמו"ע, אריין גלייך אין אצי' און פארשפארן מאטערן זיך בעולמות התחתונים, איז דאך פארשטאנדיק, אז שפרינגען גלייך אין אצי' איז אוממעגליך, און כדי ארויפגייען אויף דער פערטער שליבה דארף מען פריער דורכגייען די פריערדיקע דריי, און אז מיגייט דורך עולם העשי', עולם היצירה, און עולם הבריאה, יעמלט איז פאראן א האפענונג, אז מיוועט עולה זיין אין אצי', אבער שפרינגען גלייך אין אצי' איז אוממעגליך, דערפאר הויבט מען ניט אן פון שמו"ע, עפ"י המבואר איז מובן פארוואס דער אלטער רבי האט ניט אנגעהויבן דעם תניא מיט שעהיוה"א, ווייל היחוד והאמונה האמיתית איז אצילות, יחודא עילאה, און כדי דערהערן יחודא עילאה דארף מען פריער האבן א גרויסע הכנה, מידארף פריער דורכגיין דעם חלק ראשון פון תניא, נאך דער ידיעה פון חלק ראשון קען מען אין שעהיוה"א דערהערן יחו"ע.

אין חלק ראשון איז דער אלטער רבי מבאר, ראשית כל, אז עס איז פאראן שתי נפשות, און דער נפש המתלבשת בדם האדם להחיות הגוף איז מצד הקליפה וסט"א, און דער נפש האט ד' יסודות רעים וואס פון זיי נעמען זיך אלע מידות רעות, און כדי אז די יסודות שבנפש, וואס מצד הקליפה וסט"א זאלן ניט נתפשט ווערן אין די שלשה לבושי הנפש, מחשבה דיבור ומעשה, איז זה לעומת זה עשה אלקים, אז עס איז פאראן א נפש השנית בישראל, וואס ער איז א חלק אלקה ממעל ממש, און האט מלחמה מיט דעם נה"ב וואס מצד הקליפה און דערלאזט ניט, אז זיינע מידות זאלן זיך מתלבש זיין אין די לבושים פון מחדו"מ, און כדי דער נפש השנית זאל האבן כח מלחמה האלטן מיטן נפש נה"ב, וואס מצד הקליפה, דארף ער זאך עוסק זיין בתורה ועבודה וגמילות חסדים, און כדי דער עסק התורה וקיום המצות זאל זיין מיט א חיות, איז האהבה היא שורש כל רמ"ח מצות עשה, והיראה היא שורש כל שס"ה לא תעשה, וכדי צוצוקומען צו אהבה ויראה דארף זיין התבוננות וכו' ומבואר כ"ז בפרק ראשון פון תניא, און דאס איז אלץ א הקדמה צו שעהיוה"א.

וביאור הענין הוא, תכלית ירידת הנשמה בגוף איז ווייל נתאוה הקב"ה להיות דירה בתחתונים, למשל, אז מ'וועט מודיע זיין א איש פשוט, אז דער מלך וועט קומען צו אים אין זיין שטוב, איז דאך פארשטאנדיק אז דער איש פשוט וועט ראשית כל בודק זיין די שטוב צי עס איז ראוי אז דער מלך זאל זיך דארט געפינען, און ער וועט ארויסנעמען און מבער זיין אלע שמוץ, וואס געפינט זיך דארטן, און דערנאך וועט ער אויסשטעלן כלים נאים, און אז ער וועט דאס אלץ ערליידיקן, וועט ער זיך יעמאלט קענען רואיק אוועקזעצן טראכטן און מתבונן זיין זיך אין גדולת המלך, וועלכער דארף צו אים קומען, אבער ראשית כל דארף זיין בדיקת ביתו, והמשל הזה איז מובן אז כדי צו דערהערן אין שעהיוה"א, יחו"ע, מוז פריער זיין די הקדמה פון חלק ראשון. שטייט אין חסידות אז נ"מ פון למטה ביז למע' איז, למטה איז דער יסוד אונטן, און דער בנין איז אויפן יסוד, למעלה איז פארקערט דער יסוד איז אויבן און דער בנין איז נידעריקער, עד"ז קאן מען אפשר זאגן, חסידות איז דאך שכל אלקי, איז דאס על דרך ווי למעלה, אז

דער יסוד איז אויבן, און אויף צו צוקומען צו דעם יסוד דארף מען גייען מלמטה למעלה, דערפאר הויבט מען ניט אן פון דעם יסוד (שער היחוד והאמונה) נאר פריער איז חלק ראשון און ערשט נאך דעם קומט מען צו צו דעם יסוד וואס דאס איז שער היחוד והאמונה.

ב"ה.

עס איז ידוע דער ווארט אז די וועלט האט גיחלשט דראיי מאל, איין מאל פאר מתן תורה דעם אנדערן מאל פאר התגלות הבעש"ט ז"ל, און דעם דריטן מאל פאר משיח'ן. אויך איז ידוע אז דער אלטער רבי האט גיזאגט אז ער האט אפגישטופט דעם חושך פון דעם עולם אויף הונדערט יאר, האט מען גיפרעגט בא דעם אלטן רבי וועט דאך דער חושך שפעטער זאיין, האט דער אלטער רבי גיזאגט אז על פי תורה כל זמן מ'קאן אפשטופן דארף מען אפשטופן. וביאור הענין הוא עס שטייט דאך אין דער תורה ואנוכי הסתר אסתיר פני וגו' וואס דאס גייט דאך אויף דעם זמן הגלות, וידוע דער פירוש כפל הלשון הסתר אסתיר, אז דער הסתר וועט זאיין מוסתר וואס דאס איז דער הסתר היותר גדול שאין כמותו, וכידוע אז דער בעש"ט האט גיזאגט אז פון הסתר ווערט ער ניט נתפעל אבער פאר הסתר אסתיר האט ער מורא. וביאור הענין נאך דעם חורבן בית המקדש וואס דעמאלט האט זאך אנגיהויבון דער גלות, האט זאך דעמאלט אנגעהויבן דער ענין פון הסתר, אז דער ביהמ"ק איז חרוב גיווארן און גלינו מארצינו איז אין לך הסתר גדול מזה, איז אעפ"כ איז דער הסתר אסתיר נאך יעמאלט ניט גיוועך, וואיילע דעמאלט האט מאיר גיוועך דער אור הגדול התגלות תורה שבע"פ ע"י התנאים והאמוראים און אזוי אויך שפעטער איז גיוועך המשך האור ע"י רבנן סבוראי והגאונים והראשונים והאחרונים ביז דעם דור פון דעם בעש"ט, איידער דער בעש"ט איז נתגלה גיווארן האט שוין דעמאלט די וועלט אנגיהויבן חלש'ן, און חלילה אויב עס וואלט ניט גיוועך התגלות הבעש"ט וואלט דעמאלט זאך אנגיהובין דער הסתר אסתיר, און אז דער בעש"ט איז נתגלה גיווארן האט די וועלט אפגילעבט און עס איז גיווארן ליכטיק, שפעטער האט דער אלטער רבי א שטופ געטאן דעם חושך אף הונדערט יאר, און נאך שפעטער האט דער רבי רש"ב נ"ע אויך א שטופ געטאן י"א אויף פופציק יאר ונ"א אויף הונדערט יאר, יעצט אבער איז שוין ניט שייך צו שטופן דעם חושך, ווייל ביאת המשיח איז בקרוב ממש, איז ניטא וואוהין צו שטופן דעם חושך, און וויבאלד אז אין דער תורה שטייט דאך הסתר אסתיר, מוז דאס יעצט מקוים

ווערן שאם לא עכשיו אימתי, וכידוע דאס וואס דער רבי דער צמח צדק האט גיזאגט אז אזוי ווי אין דעם אור פון משיח'ן האבן מיר קיין השגה ניט, האבן מיר אויך קיין השגה ניט וואס פאר א חושך עס וועט זאיין איידער משיח וועט קומען, און עס שטייט דאך יוצר אור ובורא חושך, ולא ברא הקב"ה דבר לבטלה איז דאך די כוונה אז מי זאל דעם חושך מהפך זאיין לאור, וואס דערפאר איז יעצט נתחדש גיווארן עבודת המבצעים, איינע פון די מבצעים איז מבצע תורה, תורת הנגלה ותורת החסידות, שניאור, אמאל זאיינען גיוועןָ בעלי נגלה און בעלי חסידות, יעצט מוז זאיין נגלה און חסידות צוזאמען, הגם אז אמאל האט אויך געדארפט זאיין שניאור צוזאמען, ווי דער אלטער רבי זאגט אין ליקוטי תורה אז שניהם כאחד טובים אבער אמאל איז דאס גיווען מצוה מן המובחר, האיינט איז דאס לעיכובא, מבצע תורה הייסט אז מ'דארף מחזק זאיין די קביעות'ן פון לימוד ברבים נגלה און חסידות בעיון, און מ'דארף משתדל זאיין זיך, אז יעדערער זאל קומען צו די קביעות'ן איש לא נעדר, דער אור החיים הקדוש זאגט אז דער עיקר וואס עס איז מעכב די גאולה איז ביטול תורה און אז מיוועט מוסיף זאיין בלימוד התורה וועט בקרוב ממש קומען די גאולה שלימה.

ב"ה.

עס איז ידוע דער ווארט אז פאר מתן-תורה איז די וועלט געווען א געחלש'טע, פון מתן-תורה האט די וועלט אפגעלעבט, דעם אנדערן מאל איז די וועלט געווען א געחלש'טע פאר דעם בעש"ט, און דער בעש"ט האט די וועלט אפגעלבט, דעם דריטן מאל איז די וועלט א געחלש'טע פאר משיח'ן, און משיח וועט די וועלט מאכן לעבעדיק. וביאור הענין, כשהי' ביהמ"ק קיים הי' האורה משם יוצאה לכל העולם, און אז דער ביהמ"ק איז חרוב געוואן האט זיך אנגהויבן דער זמן הגלות, ואנכי הסתר וגו', אבער ס'דאך לא יטוש ה' את עמו אויך בזמן הגלות, איז נתגלה געווארן אין עולם האור הגדול נשמות התנאים והאמוראים מהם האורה יוצאה לכל העולם, שפעטער זיינען געווען די רבנן סבוראי נאך שפעטער זיינען געווען די גאונים און דערנאך די ראשונים, בזמן האחרונים וואס די דורות זיינען שוין געווען ווייט פון דעם אור הגדול של התנאים והאמוראים האט שוין די וועלט אנגעהויבן חלש'ן דערפאר שרייבט דער אריז"ל אז בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה, וכידוע המשל מבן המלך וואס ער איז געווארן א חולה מסוכן וכו'. וביאור הענין דער תכלית ירידת הנשמה בגוף איז ווייל נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, א דירה לו ית' ווערט דורך דערויף וואס אידן לערנען תורה לשמה און זיינען מקיים מצוות בשמחה, די דורות הראשונים וואס זיינען געווען קרוב לאור הגדול של התנאים והאמוראים האבן געלערנט תורה לשמה און האבן מקיים געווען מצות בשמחה האבן זיי אויסגעפירט די כוונה פון דירה בתחתונים אע"פ וואס מען האט זיי ניט מגלה געווען זאת החכמה, דערפאר איז בדורות הראשונים לא ניתן רשות לגלות זאת החכמה (וכידוע אז דעם אלטן-רבי'נס א חסיד האט געפרעגט צו זאל ער זיך משתדל זיין, מאכן זיין פאטער פאר א חסיד, האט דער אלטער רבי עם געזאגט אז אויב זיין פאטער האט שמחה של מצוה איז ניט נויטיק מאכן עם פאר א חסיד). הגם אז דער אריז"ל פתח ואמר אז מותר ומצוה לגלות זאת החכמה, אבער התגלות תורת החסידות לכל העולם כולו איז בפועל געווען דורך דעם בעש"ט, און אז עס איז נתגלה געווארן תורת החסידות איז נתגלה געווארן

עבודה הפנימית, דאך איז פון דעם בעש״ט ביז דעם אלטן-רבי'ן איז עבודה פנימית געווען נאר ביי צדיקים, חסידים זיינען געווען מקושרים צו די צדיקים אבער עבודה פנימית איז ביי זיי ניט געווען, וכידוע אז ר' נחום טשערנאבעלער ז״ל האט געזאגט אז מען וועט אנזאגן אז משיח געקומען וועלן חסידי חב״ד זאגן: זייער גוט, א גוטער אורח, און מיינע נאראים וועלן נעמען פַּאקעווען זיך, מי לנו גדול ווי ר' נחום טשערנאבעלער, און עס איז פארשטאנדיק אז ביי עם זיינען געווען חשוב'ע חסידים און מ״מ רופט ער זיי נאראים, איז פארשטאנדיק אז דאס איז דעפאר ווייל עבודה פנימית איז ביי זיי ניט געווען וד״ל. דער אלטער רבי וואס האט מגלה געווען תורת החסידות חב״ד האט אויסגעלערנט יעדערן וואס וויל נאר האלטן ביי עבודה פנימית, און עס קאן זיין אז דאס איז דער ווארט אז דער בעש״ט האט געוויזן ווי מען דארף דינען דעם א' און דער אלטער רבי האט געוויזן ווי מען קען דינען דעם א', (ר' יצחק מתמיד ע״ה פלעגט זאגן צו די בחורים די עובדים, איר דארפט וויסן אז דורך אייך פירט זיך אויס די כוונה פנימית פון דעם בעש״ט). אין יעדער ווארט איז דאך פאראן א הוראה בחיים, פון דעם ווארט אז די וועלט איז געווען א געחלש'טע און דער בעש״ט האט די וועלט אויפגעלעבט, איז א הוראה אז תורת החסידות וואס דאס איז תורת בעש״ט מאכט די געחלש'טע וועלט לעבעדיק, און די הוראה לפועל איז אז מען דארף מחזק זיין די קביעות'ן פון לימוד התורה ולקוטי תורה ברבים, תפארת זקנים ותפארת בחורים ואיש לא נעדר.

ויהי רצון אז דער חג החגים י״ט כסליו זאל זיין א חג שמח.

ב"ה.

ר"ה איז בנין המלכות כמבואר בחסידות ובקבלה באריכות. פארשטייען אין פשטות, וואס הייסט בנין המלכות, איז דער רבי נ"ע מבאר דאס מיט א משל, א מלך גדול וואס בהיכל מלכותו זאיינען פאראן אפולע פארשידענע עבדים וואס דינען דעם מלך, עס זאיינען פאראן שרים גבוהים, אנשי מדע, און אויך זאיינען פאראן עבדים פשוטים וואס טוען מלאכות פשוטות, ויהי היום עס איז געווען צום סוף יאהר, האט דער מלך גיהייסן אויסרופן אז ער זאגט אן אלע עבדים, פון די שרים הגבוהים ביז די עבדים הפשוטים אז צום אנהויב פון דעם נאיעם יאהר דארפן אלע איבער אנאייעס בעטן אז מזאל זיי נעמען צוריק בהיכל המלך צו דינען דעם מלך, איז פארשטאנדיק אז די שרים הגבוהים נעמט מען גלאייך צו, אן קיינע רייד, גיקומען איז אבער א פארשוין, וואס לבד זאת וואס ער איז א פשוט אין שכל, און האט ניט קיין פאך, איז ער גיקומען אנגיטאן אין צוריסענע בגדים און די בגדים זאיינען פארשמאלצן און עס שמעקט פון זאיינען בגדים אז מ'קאן ניט שטייען אין זאיינע ד' אמות, און ער איז גיקומען און בעט אז מ'זאל עם געבן א דזשאב בהיכל המלך. איז דאך פארשטאנדיק אז אזא פארשיין פעלט ניט אויס בהיכל המלך, דאס וואס ער איז א פשוט וואלט ניט אויסגימאכט, וואיילע דער מלך איז בטבע א טוב און האט אויף יעדערון רחמנות, וועט ער אים געבן א עבודה פשוטה, אבער די צרה איז וואס עס שמעקט פון אים, איז ווי קאן מען אים אראיין נעמען בהיכל המלך, איז אז ער דערפילט זאיין מצב און וויינט און בעט אז מ'זאל אויף אים רחמנות האבן און פארט אריין נעמען אים און געבן אים אן ארבעט, האט אויף אים דער מלך רחמנות, און הייסט אז מ'זאל אים באשפריצן מיט אזיינע מים וואס האבן א גוטן ריח, און עס הערט אויף פון אים שמעקן און מ'נעמט אים אראיין און מ'גיט עם א דזשאב בעגלאייך מיט אלע עבדי המלך און ער האט א גליקלעכן יאהר.

וככל המשל הזה איז מבואר בלקוטי תורה בפ' תבא אין דעם מאמר ויקרא משה וגו', דער ענין פון די מים טהורים וואס דאס איז די י"ג מדה"ר, י"ג נהרי דאפרסמונא, און ווי ער זאגט דארטן דעם לשון,

וזהו שאנו מבקשים מחל לנו שלא יריח ריח הרע שבבורסקי דהיינו ע"י שיזרוק עלינו מים טהורים להרחיץ את הריח הרע שבבורסקי וכו', וענין מים טהורים הם י"ג מדה"ר, י"ג נהרי דאפרסמונא דכיא וכו'.

ויהי רצון אז מיר זאלן זוכה זאיין ויזרוק עלינו מים טהורים ויהי' שנה טובה ומתוקה בגשמיות וברוחניות בהטוב הנראה והנגלה, שנה שיוסיפו בלימוד התורה ולקוטי תורה, ובקיום המצוות בשמחה ובטוב לבב.

ב"ה.

רבינו נ"ע זצוק"ל זאגט אין זיינע מאמרי חסידות אז יעדער איד האט ג' נפשות, נפש האלקית נפש השכלית, ונפש הבהמית. לכאורה קען מען דאך פרעגן אין תניא אין דעם ערשטן פרק זאגט דער אלטער רבי מפורש אז לכל איש ישראל יש ב' נפשות איז ווי אזוי קען מען זאגן אז עס איז פאראן ג' נפשות, אבער באמת אז מען איז מדייק אין דעם לשון פון דעם אלטן רבי'ן איז דאס ניט קיין קשיא, נאר אדרבה עס איז א ראי' אז עס איז פאראן ג' נפשות, ער זאגט לכל איש ישראל יש ב' נפשות, איז פאראן דער איש ישראל און די ב' נפשות, דער איש ישראל איז דער נפש השכלית, און ער האט ב' נפשות, איז ג' נפשות, ווארום אויב עס איז נאר ב' נפשות וואלט ער זאגן כל איש ישראל כלול מב' נפשות, און אז ער זאגט לכל איש ישראל יש ב' נפשות, ד.ה. אז עס איז ג' נפשות.

דארף מען פארשטיין, צוליב וואס דארף מען האבן ג' נפשות, דער תכלית הכוונה פון ירידת הנשמה בגוף איז דאך כדי אז דער נפש האלקית זאל מברר זיין דעם נפש הבהמית וואלט דאך לכאורה מספיק געווען ב' נפשות, נפש האלקית און נפש הבהמית, און דער נפש האלקית וועט מברר זיין דעם נפש הבהמית איז צוליב וואס דארף מען האבן נאך א דריטן נפש דעם נפש השכלית.

איז ידוע אז אין חסידות ווערט מבואר אז דער נפש השכלית איז א ממוצע צווישן דעם נפש האלקית און דעם נפש הבהמית. דער ביאור דערפון איז, דער נפש האלקית איז א חלק אלוקה ממעל ממש, בא דעם נפש הבהמית איז מציאות בפשיטות און אלקות בהתחדשות, און ווי דער לשון פון דעם אלטן רבי'ן, מ"מ הבהמה רוצה לאכול, איז כדי אז דער נפש האלקית זאל זיך צונויפגיין מיט דער נפש הבהמית וואס זיי זיינען הפכים מוז זיין א ממוצע, וואס דער ממוצע איז דער נפש השכלית.

וביאור הענין הוא, עס איז ידוע דער ווארט פון ר' הלל פאריטשער ז"ל אז אלע בעלי תאוות וואלטן וויסן ווי גוט איז אלקות וואלטן זיי אוועקגעווארפן אלע תאוות און נעמען זיך צו אלקות, דער נפש

הבהמית איז דאך ניט ערגער פון אלע בעלי תאוות, איז דאך אויף אים אויך געזאגט געווארן אז ער וואלט וויסן ווי גוט איז אלקות וואלט ער אויך אוועקגעווארפן אלע תאוות און נעמען זיך נאר צו אלקות. וואס באמת איז דער נפש הבהמית בא בטענה, ער איז בטבע אזא וואס וויל לעבן, און לעבן איז תענוג, איז אז דער נפש האלקית גיט אים צו פארשטיין דורך דעם נפש השכלית אז כל תענוגי עוה"ז זיינען חמת מלאה צואה וכו', און באמת זיינען אלע תענוגים גשמיים ניט קיין תענוגים, איז ער מסכים אוועקגעווארפן אלע תענוגים גשמיים, אבער בתנאי אז מען זאל אים פארבייטן אויף תענוגים אמיתיים ווארום ער וויל און ער דארף לעבן, וחי בהם.

דער אור החיים הקדוש שרייבט וז"ל: אידן זיינען דאך עבדי ה' כי לי בני ישראל עבדים, א עבד טוט פאר דעם אדון אלע עבודות גרינגע און שווערע, לימוד התורה איז פון די גרינגע עבודות ווײלע עס איז ניטא אין דער וועלט נאך אזא תענוג ווי דער תענוג פון לימוד התורה, און א עבודה וואס איז מיט תענוג איז א גרינגע עבודה, ולפי זה האבן דאך אלע געדארפט לערנען תורה בהתמדה רבה און דאס וואס עס איז ניט אזוי איז דאס מצד עצת היצר, עכ"ל.

עס איז פאראן אזוינע וואס מיינען אז ליקוטי תורה איז קבלה ווערטער און עס איז געגעבן געווארן פאר דעם דור דעה וואס איז געווען אמאל, אבער באמת טועים הם, ליקוטי תורה איז א דבר השוה לכל נפש און עס איז געגעבן געווארן פאר אלעמען ולכל הדורות נאר מען דארף לערנען בעיון, יעדערער וואס לערנט לקו"ת בעיון קען פארשטיין כל חד לפום שיעורא דילי', הרגל נעשה טבע אז מען איז זיך מרגיל לערנען לקו"ת בעיון פארשטייט מען, און אז מען פארשטייט דערפילט מען דעם טוב פון אלקות, איז דאס א סגולה צו אוועקגעווארפן אלע תאוות. ויהי רצון אז מען זאל מחזק זיין דעם מבצע לקוטי תורה ברבים, כשם ווי בלימוד תורה הנגלית מוז מען דאך אויך לערנען שו"ע כדי לידע המעשה אשר יעשון, איז אזוי אויך בלימוד פנימיות התורה מוז מען לערנען לקו"ת כדי לידע הדרך ילכו בה, וכלשון הרבי הצ"צ נ"ע ז"ל אז לקו"ת איז ניט נאר מחזק די אמונה

נאר מחי׳ די אמונה, ולשומעים יונעם ותבא עליהם ברכת טוב ואין טוב אלא תורה ולקוטי תורה כו׳.

ב"ה.

תורת החסידות רופט זאך תורת הבעש"ט. דארף מען פארשטיין, דער מקור פון פנימיות התורה איז דאך דער רשב"י, האט לכאורה געדארפט תורת החסידות רופן זאך תורת הרשב"י. איז ידוע דער ביאור דערפון, דורך דעם רשב"י איז נתגלה געווארן פנימיות התורה נאר ליחידי סגולה, און פון דעם רשב"י ביז דעם אריז"ל איז פנימיות התורה געווען נעלמה מכל חי (לבד יחידי סגולה), ווייל עס איז געווען שטריינג פארבאטן מגלה זיין פנימיות התורה לרבים, דער אריז"ל האט מתיר געווען מגלה זיין פנימיות התורה לרבים, און ווי ער זאגט אין אגרת הקדש, וכמ"ש האריז"ל דדוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה ולא בדורות הראשונים וגו', ואע"פ אז דער אריז"ל האט מתיר געווען מגלה זיין זאת החכמה לרבים, מ"מ איז ביז דעם בעש"ט איז נאך ניט נתגלה געווארן תורת החסידות צו אלעמען, דורך דעם בעש"ט איז נתגלה געווארן תורת החסידות לכל ישראל און דערפאר רופט זאך תורת החסידות על שמו, תורת הבעש"ט.

נאך א טעם וואס תורת החסידות רופט זאך תורת הבעש"ט, איז, ע"ד ווי די תורה רופט זאך תורת משה, די תורה איז דאך תורת ה' איז פארוואס רופט זי זאך תורת משה, איז דאך ידוע דער טעם ווייל מסר נפשו עליה לפיכך נקראו על שמו, תורת משה, איז דאס זעלבע לפי שהבעש"ט מסר נפשו על תורת החסידות לפיכך נקראת על שמו תורת הבעש"ט, וכידוע אז דער בעש"ט האט געזאגט קודם התגלותו, אז זיין התגלות וועט זיין דורך מסירת נפש. דארף מען פארשטיין, חז"ל זאגן דאך אז אם הראשונים כמלאכים אנו כבני אדם, ואם הראשונים כבני אדם אנו וכו' וכו', איז פארוואס האבן די דורות הראשונים וואס זיי זיינען געווען כמלאכים או כבני אדם, ניט זוכה געווען אז מען זאל זיי מגלה זיין פנימיות התורה, נאר דוקא דורות האחרונים וואס עס איז אכשור דרא בתמי', האט מען זיי מגלה געווען זאת החכמה. איז ידוע דער ביאור דערפון, די דורות הראשונים זיינען געווען הויכע נשמות האבן זיי געלערנט תורה לשמה ניט וויסנדיק פנימיות התורה, און זיי האבן מקיים געווען מצוות בשמחה איז פאר זיי ניט געווען נויטיק מגלה זיין פנימיות התורה, איז מצד כבוד אלקים הסתר דבר האט מען

מעלים געווען פון זיי זאת החכמה, משא"כ בדורות אלו האחרונים וואס די נשמות זיינען בבחי' עקביים און דער חושך איז כפול ומכופל הסתר אסתיר, איז געווארן נויטיק מגלה זיין תורת החסידות כדי אז דער לימוד התורה זאל זיין כדבעי און קיום המצוות זאל זיין בשמחה, וכידוע אז אמאל האט א חסיד געפרעגט בא דעם אלטן רבי'ן צי זאל ער משתדל זיין זאך אז זיין פאטער זאל ווערן א חסיד, האט דער אלטער רבי געזאגט אויב ער האט שמחה של מצוה דארף מען אים ניט טשעפען, איז דאך פארשטאנדיק פון דעם סיפור אז דער תכלית הכוונה וואס מ'האט מגלה געווען בדורות האחרונים זאת החכמה איז כדי אז לימוד התורה וקיום המצוות זאל זיין בשמחה, און דערפאר פלעגט דער רבי מהר"ש נ"ע רופן די מתנגדים בשם התואר די אומעטיקע. דארף מען אבער פארשטיין בדורות אלו האחרונים שבאחרונים וואס נתקטנו המוחות והלבבות עד קצה האחרון והחושך כפול ומכופל ועבודת המוח והלב איז בשפל המדריגה איז ווי קען זיין די עבודה בשמחה.

וביאור הענין הוא אמאל אין רוסלאנד אין לענינגראד איז געווען א פארברייינגען וואס די ראשי המדברים זיינען געווען ר' יצחק מתמיד הי"ד און ר' מיכאל דווארקין ע"ה, האט ר' מיכאל ע"ה דערציילט א משל וואס ער האט געהערט אין ליובאוויטש, בזה"ל: אמאל איז געווען א מלך וואס האט געהאט א חוש גיין אין וואלד כאפן חיות, איז ער אמאל געגאנגען אין וואלד, און איז געווען זייער פאראינטערסירט אין כאפן חיות, ביז וואנען אז ער האט זאך געכאפט איז געווארן נאכט, אז ער איז ארויס פון וואלד איז שוין געווען פינסטער און א רעגן האט אנגעהויבן שפריצן איז עם געווארן קאלט און ער איז געווארן זייער הונגעריק און צו דעם היכל המלך איז געווען זייער ווייט, האט ער גענומען זוכן א שטוב כדי אנווארימען זאך און עפעס עסן און דורך שלאפן די נאכט, האט ער געפונען לעבן וואלד א קליין שטיבל וואס דארטן האט געלעבט א ארימער מענטש, איז ער אריין אין דער שטיבל און האט געבעטן עפעס עסן, האט מען אים געגעבן שווארצן א טרוקענעם שטיקל ברויט, (מער איז אין שטיבל גארניט געווען), האט ער געגעסן דעם שטיקל ברויט מיט גרויס

אפעטיט ווילע ער איז געווען זייער הונגעריק און האט פארטרונקען מיט א ביסל קאלטע וואסער, דער פלאר איז געווען א ערדענער, האט מען פארשפרייט א ביסל שטרוי און ער האט זיך געלייגט שלאפן, אבער אים איז געווען קאלט, האט מען געפונען און אלטן א צוריסענעם בגד און מ'האט אים איינגעדעקט האט ער זאך דערווארימט און איז געשמאק אנשלאפן געווארן, אין דער פרי איז ער אויפגעשטאנען און איז אוועק צו זיך אין היכל המלך. שפעטער האט דער מלך ארויסגירופן דעם בעל הבית פון דער שטיבל און האט אים גיגעבן במתנה א גרויסן פאלאץ און האט אים געגעבען א פולע געלט באופן אז ער איז געווארן דער גרעסטער גביר פון דער מדינה, און ער איז געווארן דער גרעסטער מקורב צו דעם מלך, אז אלע שרים און נכבדים האבן דאס דערזען האבן זיי גיפרעגט בא דעם מלך, פארוואס אז דער מלך קומט צו זיי צו גאסט זיינען זיי אים מכבד מיט די בעסטע מאכלים און מען נעמט אים אויף אין גרויסע שיינע פאלאצן און ער ווערט ניט נתפעל, און דער ארימאן האט עם גיגעבן א שווארצן טרוקענעם שטיקל ברייט האט ער אים אזוי דערהויבן, האט דער מלך זיי געענטפערט, דענסט מאל אז איך בין געווען זייער הונגעריק און מיר איז געווען זייער קאלט,איז דער שווארצער שטיקל ברויט וואס האט מיר געמאכט זאט און דער אלטער בגד וואס האט מיר דערווארימט איז בא מיר געווען טייערער פון אלע אייערע בעסטע מאכלים און זיין קליין שטיבל איז בא מיר געווען טייערער פון אלע אייערע גרויסע פאלאצן. ע"כ המשל וואס האט דערציילט ר' מיכאל ע"ה דווארקין, און ר' יצחק ע"ה מתמיד האט א גאנצע נאכט גענומען משקה און האט גע'חזר'ט דעם משל, אז עס איז קאלט און עס איז פינסטער ווי טייער איז דעמאלט אפילו א שווארצער א טרוקענער שטיקל ברויט.

דעם משל וואס ר' מיכאל ע"ה האט דערציילט האט ער אים געהערט אין ליובאוויטש, איז דאך פארשטאנדיק אז דער משל שטאמט פון א בר סמכא און ער איז מכוון צו דעם נמשל, און ווי מ'האט געזען אז ר' יצחק מתמיד ע"ה האט זאך מחי' געווען מיט דעם משל און האט א גאנצע נאכט פארבראכט מיט דעם משל. און ווי עס

איז אויך ידוע אז דער רוזינער נ"ע ז"ל האט געזאגט אז די אידן וואס וועלן זיין פאר משיח'ן הגם אז זיי וועלן זיין בבחי' קטנות המוחין והלבבות פונדעסטוועגן וועט זייער עבודה זיי חשוב למעלה אזוי ווי עבודת הצדיקים הגדולים הקודמים, ער האט געזאגט בזה"ל זיי וועלן זיין חשוב למעלה אזוי ווי מיר.

ויהי רצון אז מ'זאל לערנען תורה ולקוטי תורה און טאן אין די מבצעים בשמחה רבה.

ב"ה.

תורת החסידות רופט זאך תורת הבעש"ט, דארף מען פארשטייען לכאורה האט תורת החסידות גידארפט זאך רופן תורת הרשב"י וואס דער רשב"י איז דער ערשטער וואס האט מגלה גיווען פנימיות התורה.

איז פארשטייען דאס, דארף מען מקדים דאס וואס דער אלטער רבי נ"ע זאגט אין אגרת הקדש וז"ל: כל חכמת הקבלה היתה נסתרה בימיהם ונעלמה מכל תלמידי חכמים כ"א ליחידי סגולה ואף גם זאת בהצנע לכת ולא ברבים כדאיתא בגמרא וכמ"ש האריז"ל דדוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה ולא בדורות הראשונים וגם רשב"י אמר בזוה"ק שלא ניתן רשות לגלות רק לו ולחביריו לבדם עכ"ל.

וואס דער ענין דארף האבן ביאור, פארוואס איז חכמת הקבלה גיווען נסתרה ונעלמה מכל תלמידי חכמים פון דעם זמן הרשב"י ביז דעם זמן האריז"ל, די תורה איז דאך גיגעבן גיווארן אז מ'זאל איר לערנען בארבעה אופנים: פשט, רמז, דרוש, סוד, איז פארוואס איז דער ענין הסוד פון תורה וואס דאס איז חכמת הקבלה גיווען בדורות הראשונים נסתרה ונעלמה מכל תלמידי חכמים ולא ניתן רשות לגלות רק ליחידי סגולה, און דוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה.

איז ידוע דער ביאור דערפון וואיילע אזוי איז גיוועז די כוונה העליונה אז ביז דעם זמן המשיח זאל מען לערנען די תורה בג' אופנים: פשט, רמז, דרוש, און דעם אופן הד' וואס דאס איז סודות התורה וועט נתגלה ווערן בימי המשיח, פנימיות התורה וועט משיח מגלה זאיין.

דארף מען פארשטייען פארוואס איז בדורות אלו האחרונים גיווארן א שינוי אז מותר ומצוה לגלות זאת החכמה.

וביאור הענין, נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, דורך וואס מאכט מען א דירה בתחתונים, בתורה ועבודה וגמילות חסדים, לימוד התורה וקיום המצות דארף זאיין לשמה ובשמחה און ניט מצות אנשים מלומדה, די דורות הראשונים בזמן התנאים והאמוראים און

אויך די דורות וואס זאיינען גיווען ניט וואייט פון די דורות התנאים והאמוראים איז אין יענע זמנים דער חושך הגלות נאך ניט גיווען אזוי גרויס און זיי זאיינען גיווען העכערע נשמות און בא זיי האט גילויכטן דער אור התורה פון די תנאים והאמוראים, האבן זיי גילערנט תורה און מקיים גיווען מצוות לשמה ובשמחה, איז ניט גיווען נויטיק מגלה זאיין זיי פנימיות התורה, משא״כ בדורות אלו האחרונים וואס דער חושך איז כפול ומכופל און די נשמות זאיינען נמוכות איז גיווארן נויטיק מגלה זאיין זאת החכמה, וכידוע דער ווארט אז די וועלט האט דראיי מאל גיחלשט: איין מאל פאר מתן תורה, דער אנדער מאל פאר דער בעש״ט, דעם דריטן מאל פאר משיח'ן, און אפמינטערן א גיחלשטן דארף מען מיט א שארפע זאך וואס דאס איז פנימיות התורה.

מכל הביאורים הנ״ל איז פארשטאנדיק וואס תורת החסידות רופט מען תורת הבעש״ט און ניט תורת הרשב״י והאריז״ל וואיילע דורך דעם בעש״ט איז פנימיות התורה נתגלה גיווארן לכל העולם כולו, משא״כ בהדורות שלפני הבעש״ט.

מכל הנ״ל איז מובן אז מי מוז לערנען חסידות יעדען טאג, וואיילע אז מ'לערנט חסידות איז דער לימוד התורה וקיום המצוות לשמה ובשמחה און אז מ'לאזט דורך א טאג און מ'לערנט ניט קיין חסידות, איז דער לימוד התורה וקיום המצוות אין דעם טאג מצות אנשים מלומדה, איינע פון די ענינים העיקרים וואס דער בעש״ט האט אויפגיטאן איז אז עבודת השם דארף זאיין בשמחה דוקא, און ווי עס איז ידוע אז זינט דער בעש״ט איז נתגלה גיווארן איז גיווארן דער מנהג אז מ'קלייבט זאך צונייף און מ'נעמט א ביסל משקה וואס מתנגדים זאיינען נגד זה, זיי זאגן אז כל זמן אז דער ביהמ״ק איז נאך חרוב טאר ניט זאיין קיין שמחה.

עס איז אריינגיגאנגען א חסיד צו דעם רבי מהר״ש נ״ע און האט אים אפגיגעבן א באריכט פון די עניינים פון זאיין שטאט, אין דער שטאט זאיינען גיווען אויך מתנגדים אז ער האט גיענדיקט דעם באריכט פון דעם צד החסידים האט דער רבי מהר״ש גיפרעגט און

וואס הערט זאך בא די אומעטיקע, דאס האט ער גימיינט דעם צד פון די מתנגדים, זעט מען דאך אז די וואס האבן ניט זוכה גיווען צו תורת החסידות איז זייער שם התואר די אומעטיקע, וואיילע חסידות איז אור וחיות ושמחה.

איינע פון די ענינים וואס כ"ק אדמו"ר שליט"א מאנט בא דעם עולם איז שמחה, לימוד התורה וקיום המצוות בשמחה, און אויך בכל דרכיך דעהו דארף אויך זאיין בשמחה און די בעסטע סגולה צו שמחה איז לימוד החסידות בעיון.

פ"ש חמה לכל אנ"ש

אשר ס.

ב"ה.

תורתנו הקדושה רופט זאך בלשון תורה וואיילע תורה איז לשון הוראה, אלע ענינים פון דער תורה און אלע סיפורים פון דער תורה זאיינען א הוראה בחיים על כל הדורות וואיילע די תורה איז א ניצחית.

דער סיפור וואס ווערט דערציילט אין דער תורה פון מחלוקת קרח אויף משה רבינו איז ניט פארשטאנדיק, דורך משה רבינו איז גיוועןיציאת מצרים און קריעת ים סוף און מתן תורה און ירידת המן וכו' וכו' ווערט דאך א שאלה פון וואנען האט זאך גינומען א כח און א העזה בא קרח'ן קריגן אויף משה רבינו איז דער תירוץ וואיילע ער איז גיוועןא אייניקל.

קרח האט גטענה'ט, משה רבינו איז א אייניקל פון קהת בן לוי, און ער איז אויך א אייניקל פון קהת בן לוי, במילא האט ער רעכט קריגן אויף משה רבינו.

איז דער סיפור פון מחלוקת קרח א הוראה אויף אלע דורות, אז אפילו מי איז א מיוחס, א אייניקל, אעפ"כ טאר מען ניט קריגן אויף א רבי'ן, דער פריערדיקער רבי, הרה"צ ריי"ץ נ"ע זאגט אז אין יעדען דור, איז דער רבי פון דעם דור דער משה פון דעם דור, איז פארשטאנדיק, אז אזוי ווי די וואס האבן גיקריגט אויף משה רבינו האבן גיהאט ניט קיין גוטן סוף, און עס האט ניט גיהאלפן וואס מ'איז א אייניקל, איז אזוי אויך אין אלע דורות און אין דעם דור, טאמער ווער א מיוחס א אייניקל פארקלערן אז ער קאן קריגן אויף דעם רבי'ן פון דעם דור זאל ער דערמאנען זאך דעם סיפור פון דער תורה, מחלוקת קרח וואס דער סיפור איז א הוראה אויף אלע דורות אז מ'קריגט ח"ו אויף דעם רבי פון דעם דור, איז דער סוף ניט קיין גוטער.

אבער תשובה קאן העלפן כל זמן אז עס איז נאך ניט שפעט, ווי משה רבינו האט זאך גיבעטן אז מי זאל אופהערן די מחלוקת, און ווען זיי וואלטן געפאלגט, וואלטן זיי ניט געשטראפט געווארן.

איז כל זמן אז עס איז ניט שפעט, דארף מען אויפהערן פירן די מחלוקת, וועט זיין שלום על ישראל.

ב"ה.

תרי"ג מצות ניתנו לישראל בא דוד והעמידן על אחת עשרה וכו', בא ישעיהו והעמידן על שתים וכו', בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר וצדיק באמונתו יחי', ומבואר בתניא כי ע"י האמונה לבדה יבוא לקיום כל התרי"ג מצות דהיינו כשיהי' לבו שש ושמח באמונתו ביחוד ה' בתכלית השמחה כאלו לא היתה עליו רק מצוה זו לבדה והיא לבדה תכלית בריאתו ובריאת כל העולמות הרי בכח וחיות נפשו בשמחה רבה זו תתעלה נפשו למעלה מעלה על כל המונעים קיום כל התרי"ג מצות מבית ומחוץ, ע"כ.

וכן עד"ז תרי"ג מצות ניתנו לישראל בא אדמו"ר שליט"א והעמידן על אחת עשרה, העשרה מבצעים, ועשה לך רב, דארף מען מבאר זאיין תכלית הכוונה פון דעם ענין עשה לך רב.

וביאור הענין הוא, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים, תורה איז לשון הוראה, יעדער ענין אין תורה איז א הוראה בחיים א איד האט א דאגה גיט אים תורה א עצה ישיחנה לאחרים, איז וואס וועט ארויסקומען פון ישיחנה לאחרים, איז פאראן אויף דעם ג' פירושים: רש"י, און דער ערוך, און דער אלטער רבי, מר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי, רש"י זאגט שמא ישיאוהו עצה, דער ערוך זאגט כדי שיבקשו עליו רחמים, דער אלטער רבי איז מוסיף אז דורך ישיחנה לאחרים וועט אים ווערן גרינגער אויף דעם הארצן.

דער עיקר דאגה וואס א חסיד האט, איז אז מ'לערנט חסידות און מ'ווערט נתעורר, האט נאך דערויף געדארפט זאיין די תפילה כדבעי, מיט התלהבות און אויב אז עס איז ניט אזוי אז בשעת התפילה איז מען ר"ל קאלט, דארף מען די דאגה דערציילן דעם רב, וועט דער רב אים העלפן ככל הג' פירושים ער וועט אים געבן א עצה טובה כפירוש רש"י, און ער וועט מעורר זאיין רחמים אויף אים כפירוש הערוך, און עס וועט ווערן גרינגער אויף דעם הארצן כפירוש אדמו"ר הזקן.

ויהי רצון אז גאר די גריוסע דאגה, וואס משיח איז נאך ניט גיקומען, זאל בקרוב ממש ווערן אויס דאגה, אז משיח זאל קומען וועט משיח זאיין דער רב אויף דעם כלל ישראל און אויף יעדער איד.

פ"ש חמה לכל אנ"ש אשר ס.

ב"ה.

תרי"ג מצוות ניתנו לישראל בא חבקוק והעמידן על אחת שנאמר באמונתו יחי', דארף מען פארשטיין, לכאורה איז דער מאמר חז"ל אינגאנצן ניט פארשטאנדיק, די תורה איז דאך א ניצחית און אלע מצוות פון דער תורה מוז מען מקיים זאיין אין אלע צאייטן (לבד מצות הנוהגות בזמן הבית), און קיינער טאר ניט מאכן די מצות ווייניקער אדער משנה זאיין זיי, אפילו א נביא אויך ניט, און פון דעם לשון תרי"ג מצות ניתנו לישראל בא חבקוק והעמידן על אחת איז לכאורה משמע אז חבקוק הנביא האט גימאכט א שינוי אין דעם קיום המצות, אויך איז ניט פארשטאנדיק וואס ער זאגט וצדיק באמונתו יחי', דאס הייסט אז עס דארף זאיין אמונה, בא אידן איז דאך די אמונה נאך פון מתן תורה, אברהם אבינו איז דער ראש למאמינים און פון אברהם אבינו גייט די אמונה בירושה לכל הדורות, זאיינען דאך אידן מאמינים בני מאמינים תמיד איז וואס האט אויפגיטאן חבקוק הנביא, אז עס דארף זאיין די אמונה, איז דער ביאור דערפון אזוי, בשעת אז בא א מענטשן זאיינען די מוחין ניט בקטנות, האט ער ביכולת צו טראגן א עול פון א פולע ענינים, וכמאמר יש מקום בראש להניח שתי תפילין, משא"כ אז מי איז ל"ע בקטנות המוחין, און צו דער צו איז נאך פאראן העלמות והסתרים, דענסמאלט איז זייער שווער טראגן א עול פון אפולע ענינים, וכמאמר תפסת מרובה לא תפסת, און מצד קטנות המוחין קאן זאיין אז מי זאל זאך אינגאנצען אנווערן, און מ'זאל אפילו א עול פון איין זאך אויך ניט קאנען טראגען, ע"ד ווי אז עס איז אורות מרובים וכלים מועטים ווערט שבירת הכלים. חבקוק הנביא האט גיזען אז די דורות ווערן קלענער, נתקטנו המוחות והלבבות ונתרבו ההעלמות וההסתרים, און פאר אידן איז גיווארן זייער שווער צו טראגען א עול פון א פולע ענינים, האט חבקוק הנביא גיגעבן א עצה אז מ'זאל זאך פארשטעלן, אז עס איז פאראן נאר איין מצות, אמונה, נאר עס דארף זאיין וצדיק באמונתו יחי' מי דארף אז די אמונה זאל לעבן, און אז די אמונה וועט זאיין א לעבעדיקע וועט שוין דער קיום כל התרי"ג מצות זאיין בדרך ממילא, וואיילע די אמונה וועט געבן א כח און א חיות אין דעם קיום כל המצות, און ווי דער לשון אין תניא

פ׳ ל״ג, וצדיק באמונתו יחי׳ כלומר כאלו אינה רק מצוה אחת, היא האמונה לבדה, כי ע״י האמונה לבדה יבא לקיום כל התרי״ג מצות וכו׳.

כשם ווי בא חבקוק והעמידן על אחת, אזוי אויך, בא כ״ק אדמו״ר שליט״א והעמידן על אחת, להוסיף בלימוד התורה, הגם אז על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסידם, מוז דאך אויך זאיין עבודת התפילה, וגמילות חסידם בגשמיות וברוחניות, און זיי גייען אלע דראיי צוזאמען, מ״מ איז והעמידן על אחת להוסיף בלימוד התורה, ווילע גדול תלמוד שמביא לידי מעשה ווען שוין יענע זאכן בדרך ממילא אויך זאיין, תורה איז כולל שתי תורות נגלית התורה ופנימיות התורה, כי כל האומר אין לי אלא תורה אחת אפילו תורה אחת אין לו, אלא תורה וליקוטי תורה אז מ׳לערנט ליקוטי תורה אפילו קצת לעיונא, מאנט זאך שוין אויף בדרך ממילא עבודת התפילה וגמילות חסדים, המאור שבה מחזירן למוטב. ובאמת בעומק הענין דאס וואס חבקוק הנביא האט גיזאגט וצדיק באמונתו יחי׳, אז מ׳דארף מחי׳ זאיין די אמונה איז די אמונה איז מען מחי׳ דורך לימוד ליקוטי תורה וכידוע המעשה, אמאל אין ליובאוויטש פלעגן זיין ירידן, איז אמאל גיקומען צופארן אויף דעם ליובאוויטשער יריד, א עולמשער איד א גרויסער למדן בבחינת עילוי, אז ער האט אפגעפטר׳ט דעם יריד, איז ער אריין גיגאנגען צו דעם רבי דעם צ״צ ריידן אין לערנען, אז דער שמועס האט זאך גיענדיקט, האט דער איד גיזאגט צו דעם צ״צ, רבי, גיט מיר א עצה וואס איך זאל לערנען צו מחזק זאיין די אמונה, צו דעם מורה נבוכים אדער דעם כוזרי, האט עם דער רבי גיזאגט אז איר וואלט געווען אַ חסיד וואלט איך אייך געגעבן א עצה לערנען לקוטי תורה, וואיילע לקוטי תורה איז ניט נאר מחזק די אמונה, נאר מחי׳ די אמונה, אבער אזוי ווי איר זאיינט וכו׳, איז מאיין עצה לערנען דעם כוזרי. דער איד איז דאך גיווען אַ סוחר, האבן מיט עם גיהאנדלט אויך ליבאוויטשער חסידים, פלעגן זיי דערציילן, אז מ׳פלעגט אראיין גיין צו אים אין שטוב פלעגט מען טרעפן אז אויף דעם טיש פלעגט ליגן א לקוטי תורה, איז דאס איז וצדיק באמונתו יחי׳ דורך לימוד ליקוטי תורה איז מען מחי׳ די אמונה.

ב"ה.

תרי"ג מצוות ניתנו לישראל בא חבקוק והעמידן על אחת, שנאמר וצדיק באמונתו יחי'. דארף מען פארשטיין וואס האט אויפגעטאן חבקוק, קודם שבא חבקוק האט געמוזט זיין די אמונה וקיום כל התרי"ג מצוות, און אויך לאחר שבא חבקוק מוז אויך זיין די אמונה וקיום כל התרי"ג מצוות, איז וואס האט אויפגעטאן חבקוק. איז באמת דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא פל"ג, אבער דער ענין איז דורש ביאור, דער לשון אין תניא פל"ג איז כשיהי' לבו שש ושמח באמונתו ביחוד ה' בתכלית השמחה כאלו לא היתה עליו רק מצוה זו לבדה והיא לבדה תכלית בריאתו וגו'. דארף מען פארשטיין וואס איז די מעלה אז ער וועט זאך פארשטעלן כאילו לא היתה עליו רק מצוה זו לבדה, אויב אז פון מצוה אחת איז מען בשמחה איז פון תרי"ג מצוות תרי"ג שמחות, איז וואס איז דער עיקר מעלה אז ער וועט זאך פארשטעלן כאלו לא היתה עליו רק מצוה זו לבדה. וביאור הענין הוא, חבקוק הנביא האט געזען אז די דורות ווערן קלענער און עס ווערט קטנות המוחין והלבבות און בשעת מ'איז בקטנות המוחין איז זייער שווער טראגן א עול פון ריבוי ענינים, בשעת אז עס איז הרחבת הדעת איז יש מקום בראש להניח שתי תפילין, משא"כ אז עס איז קטנות המוחין קאן מען פון ריבוי ענינים ווערן מבולבל, תפסת מרובה לא תפסת, תפסת מועט תפסת, האט חבקוק הנביא געגעבן אן עצה צו די דורות שנתקטנו, אז מזאל זאך פארשטעלן כאילו אינה רק מצוה אחת היא האמונה לבדה ובכח האמונה וועט זיין קיום כל התרי"ג מצוות בחיות ובשמחה רבה. דארף מען אבער נאך פארשטיין הן אמת אז בכח האמונה וועט זיין קיום כל התרי"ג מצוות, אבער מיר וויסן דאך אז בשעת קטנות המוחין ווערט ר"ל א חלישות אין דער אמונה, ווי דאס איז געווען אין מצרים וואס פריער שטייט ויאמן העם און שפעטער שטייט ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה, זעט מען דאך אז מצד קטנות המוחין פון צרות הגלות איז געווארן א חלישות אין דער אמונה, דארף מען נאך אן עצה ווי צו מחזק זיין און מחי' זיין די אמונה. וביאור הענין הוא, עס איז ידוע וואס עס שטייט אז אין גאולת מצרים האט דער אויבערשטער צוגעהיילט ווילע אויב מ'וואלט זיין אין מצרים נאך א ווילע וואלט מען ר"ל נשקע ווערן אין

שער הנו"ן פון טומאה, פרעגט דער אור החיים הקדוש אין מצרים איז מען געווען אין גאנצן צוויי הונדערט מיט צען יאר ומ"מ אז מ'וואלט זיין א ביסל מער וואלט מען נשקע ווערן אין שער הנו"ן, אט זיינען מיר אין דעם גלות קרוב לשני אלפים שנה און טומאה איז אין דעם גלות ניט וויניגער ווי אין מצרים, און ב"ה מיר זיינען ניט נשקע געווארן אין דעם שער הנו"ן, און ער ענטפערט אז אין מצרים איז געווען פאר מתן תורה דערפאר איז געווען א סכנה זיין נאך א וויילע, משא"כ לאחר מתן תורה איז בכח התורה איז מען מדחה און מ'איז מהפך דעם חושך לאור ובמילא איז ניטא קיין סכנה, וכשם ווי לאחר מתן תורה איז בכח התורה איז מען מחזק די אמונה, כמו"כ לאחר מתן תורת החסידות חב"ד, איז ע"י לימוד ליקוטי תורה איז מען מחי' די אמונה, וכידוע המעשה אז אמאל אין ליובאוויטש אויף דעם יריד גיקומען צו פארן אן איד א סוחר ער איז געווען א למדן בבחי' עילוי, אז ער האט אפגעפטר'ט זיינע געשעפטן, איז ער אריין צו דעם רבי'ן דעם צ"צ ריידן אין לערנען, אז דער שמועס האט זאך געענדיקט, האט ער גיזאגט צו דעם רבי'ן דעם צ"צ, רבי גיט מיר אן עצה וואס זאל איך לערנען כדי צו מחזק זיין די אמונה, צו דעם כוזרי אדער דעם מו"נ, האט אים דער צ"צ געזאגט, אז איר וואלט זיין אַ חסיד וואלט איך אייך געבן אן עצה לערנען ליקוטי תורה, ווייל ליקוטי תורה איז ניט נאר מחזק די אמונה, נאר מחי' די אמונה, אבער אזוי איז מיין עצה לערנען דעם כוזרי. דער איד איז דאך גיווען אַ סוחר, האט ער אויך געהאט געשעפטן מיט חסידי חב"ד, האבן חסידים דערציילט, אז זיי פלעגן אריין גיין צו אים אין שטוב פלעגט זיי טרעפן בא אים אויף דעם טיש א ליקוטי תורה.

תרי"ג מצוות ניתנו לישראל, בא אדמו"ר שליט"א והעמידן על שמונה: "מבצע תורה", "מבצע תפילין", "מבצע מזוזה", "מבצע צדקה", "מבצע בית מלא ספרים", "מבצע טהרת המשפחה", "מבצע כשרות", "מבצע נש"ק". והראש לכל המבצעים הוא "מבצע תורה", כי גדול תלמוד שמביא לידי מעשה, וכל האומר אין לי אלא תורה אפילו וכו' אלא תורה ולקוטי תורה.

לע"נ

הרה"ח הרה"ת ר' **אשר**

בהר"ר ר' **נחום שמרי'** ע"ה

מרת **פרידא מעניא**

בת הר"ר ר' **אפרים שמואל** ע"ה

הילדה **חוה**

בת הר"ר ר' **אשר** ע"ה

הילד **אפרים שמואל**

בן הר"ר ר' **אשר** ע"ה

הרה"ח הרה"ת ר' **משה**

בהר"ר ר' **נחום שמרי'** הי"ד

הרה"ח הרה"ת ר' **חיים**

בהר"ר ר' **נחום שמרי'** הי"ד

מרת **שרה ליפשא**

בת הר"ר ר' **דוד** ע"ה

התינוק **צדיק** ע"ה

בן הרה"ת ר' **מנחם מענדל** שליט"א

לזכות

**יוסף יצחק** בן **פרידא מעניא**

**בת שבע** בת **רבקה**

**מנחם מענדל** בן **בת שבע**

**חנה רייזל** בת **שטערנא רבקה**

**שלום דובער** בן **חנה רייזל**

**אשר** בן **חנה רייזל**

**חי' מושקא** בת **חנה רייזל**

**יחזקאל** בן **חוה**

**חנה** בת **בת שבע**

**מנחם מענדל** בן **חנה**

**אשר** בן **חנה**

**חי' מושקא** בת **חנה**

**שמואל** בן **חנה**

**שלום דובער** בן **חנה**

**נחום שמרי'** בן **בת שבע**

**פייגא חנה** בת **חוה שרה**

**שמחה מעניא** בת **פייגא חנה**

**מאליא רחל** בת **פייגא חנה**

**מרדכי צבי** בן **פייגא חנה**

**אשר** בן **בת שבע**

**רחל מושקא** בת **שושנה**

**מנחם מענדל** בן **רחל מושקא**

**פרידא מעניא** בת **רחל מושקא**

**שניאור זלמן** בן **רחל מושקא**

**רבקה** בת **רחל מושקא**

**משה חיים** בן **בת שבע**

**לאה** בת **אסתר פייגא**

**רחל** בת **שרה ליפשא** וכל משפחתה